STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05589

IDISHE FAMILYES UN FAMILYE KRAYZN FUN NYU YORK

Yiddish Writers' Group (New York)

•

*Permanent preservation of this book was made possible
by Allan & Myrna Garfield
in honor of
Drs. Daniel Garfield & Amy Mager & Family of Leeds, Massachusetts*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פאמיליעס
און
פאמיליע קרייזן פון ניו יאָרק

פון דער

אידישער שרייבער גרופּע
אויפן פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט
Work Projects Administration
in the City of New York

ארויסגעגעבן פון
י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין
ניו יאָרק, 1939.

JEWISH FAMILIES

AND

FAMILY CIRCLES

OF NEW YORK

BY THE

YIDDISH WRITERS' GROUP

OF THE

FEDERAL WRITERS' PROJECT

Work Projects Administration

in the City of New York

Published by the

YIDDISH WRITERS' UNION

New York, 1939

FEDERAL WORKS AGENCY
WORK PROJECTS ADMINISTRATION

F. C. HARRINGTON, *Commissioner*
FLORENCE S. KERR, *Assistant Commissioner*

HENRY G. ALSBERG,
Director of the Federal Writers' Project

●

Sponsored and published by the

YIDDISH WRITERS' UNION

DR. B. HOFFMAN, *President*	צביון (דר. ב. האָפמאַן), פרעז.
M. DANZIS, *Vice-Pres.*	מ. דאַנציס, וויצע־פרעזידענט
B. LEVITIN, *Treas.*	ב. לעוויטין, טרעזשורער
M. RIVLIN, *Sec'y.*	מ. ריבלין, סעקרעטאר
Executive:	עקזעקוטיווע :
WM. EDLIN	ח. גאָטעספעלד
A. EPSTEIN	א. זעלדין
CH. GOTTESFELD	וו. עדלין
D. L. MEKLER	א. עפשטיין
A. SELDIN	ד. ל. מעקלער

●

Copyright by the Yiddish Writers' Union
144 Henry St., New York City

אידישע שרייבער גרופּע
אויפן פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט

ר ע ד אַ ק ט אָ ר : י. א. ראָנטש.

מ י ט אַ ר ב ע ט ע ר : א. י. אַבראַמאָוויטש, מ. באַסין, מאַרטין בירנבוים, ג. ה. גאַרווין, אל גוריה, ש. גימפּלין, אליעזר גרינ־בערג, ש. דייקסעל, ראַשעל הירשקאַן, מנשה וואַקסער, בעריש וויינשטיין, אב. יודין, ליליען צאַהן, י. קאָהן, י. ל. קאַלושינער, י. קאַץ, דוד קעשיר, ב. ריווקין, ל. שאַפּירא.

FOR THE FEDERAL WRITERS' PROJECT

Managing Supervisor in Charge: Carl Malmberg.

Editor: I. E. Rontch.

Staff: A. Abramowitz, M. Bassin, M. Birnbaum, Y. Cohen, S. Daixel, G. H. Garvin, S. Gimplin, E. Greenberg, A. Gurio, Rachel Hirshkan, J. L. Kalushiner, D. Kasher, J. Katz, Lamed Shapiro, M. Vaxer, B. A. Weinrebe (B. Rivkin), B. Weinstein, A. Yudin, Lillian Zahn.

פאָרוואָרט

אין די לעצטע צענדליקער יאָר, איבערהויפּט זינט דעם אָפּשטעל פון דער אימיגראַציע און זינט דעם אָנהייב פון קריזיס, באמערקט זיך אַ נייע ווענדונג אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקאַנער אידישע פאַמיליעס. עס פאַרמירן זיך פאַראייניקונגען פון בלוט־פאַרוואַנדטע, פון משפחות. זיי רופן זיך פאַמיליע־קרייזן, פאַמיליע סאָסייעטיס, קאָזין קלובן, א. א.

זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון דרויסנדיקע און איבערלעבעכע ענדערונגען אין אידישן פאַמיליע לעבן. כדי צו פאַרשטיין די אויפגאַבע פון די קרייזן, דאַרף מען זיך באַקאַנען מיט דעם לעבן פון דער אידישער משפחה אין אַמעריקע בכלל, וואו עס וואוינען אָפט פיר דורות אונטער איין דאַך, דורות וואָס רעדן אַף פאַר־שיידענע שפּראַכן, דורות מיט אַנדערע זיטן און קולטורן.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן בוך — „אידישע פאַמיליעס און פאַמיליע קרייזן פון ניו יאָרק", וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון דער אידישער גרופּע אָפּן פעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט אין ניו יאָרק.

ווי אין דער פריערדיקער אַרבעט פון דער גרופּע — דאָס בוך „אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו יאָרק" — האָבן מיר זיך אויך אין דעם איצטיקן ווערק באַנוצט מיט לעבעדיקע מאַטעריאַלן, מיט אינטערוויוס, מיט קאָנטאַקטן און אינפאָרמאַציע פון לעצט דערשינענע אויסגאַבן פון פאַמיליע קרייזן. אונדזערע מיטאַרבעטער האָבן מאָנאַטן לאַנג באַזוכט די היימען פון אַלע משפחות פון אַ גרויסן פאַמיליע קרייז, וואָס איז, גלויבן מיר, טיפּיש פאַר אַלע אַנדערע קרייזן, און געהאַט אויספירלעכע שמועסן און אינטער־וויוס מיט יעדן מיטגליד פון דער משפחה, אָנהויבנדיק מיטן עלטסטן ביזן אינגסטן דור. אָפּן גרונט פון די באַקאַנטשאַפטן זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אויספירלעכע באַריכטן. פון די באַ־ריכטן זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַנקעטע־בויגנס לויט די דורות. פון די אויסגעפילטע אַנקעטע־בויגנס האָט זיך באַקומען דער אינפאָרמאַטיווער טייל פון בוך. די ביבליאָטעקן האָבן פּאַקטיש ניט קיין ווערק וועגן דעם געביט און מיר גלויבן אַז דאָס איז צום ערשטן מאָל וואָס אַזאַ בוך דערשיינט אין אידיש. מיר ווייסן, אַז מיר האָבן דעם מאַטעריאַל ווייט ניט אויסגעשעפּט.

פאַרוואָרט

פאַרקערט — מיר האָבן זיך בלויז צוגערירט צו אים, און דורכ־דעם ציען מיר די אויפמערקזאַמקייט פון פאָרשער פון אידישן לעבן צו דער וויכטיקער דערשיינונג.

די מיינונגען וואָס זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרן אין אונדזער בוך זיינען די מיינונגען פון די שרייבער און ניט פון דער „וואָירק פּראָדזשעקטס" אַדמיניסטראַציע, אָדער פון די ארויסגעבער.

אָן דער קאָאָפּעראַציע פון די סעקרעטאַרן און פרעזידענטן פון די קרייזן וואָלט ניט מעגלעך געווען צו קריגן די אינפאָר־מאַציע פון די 113 קרייזן וואָס זיינען פאַרטראָטן אין בוך. מיר דריקן דאָ אויס אונדזער וואַרימע אָנערקענונג צו זיי.

אַ באַזונדערן דאַנק פאַרדינט דער פאַס פליקער פאַמיליע קרייז, וואָס האָט ארויסגעוויזן אַ סך אינטערעס אין אונדזער אַרבעט, און מיר האָבן אים אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די גענויע אינפאָרמאַציע וואָס איז פאַראַן אין בוך וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון פאַמיליעס.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, דער ארויסגעבער פון אונדזער בוך, האָט זיך ניט בלויז געזאָרגט פאַר דער מאַטעריעלער דורכפירונג פון דער אויסגאַבע, נאָר ער האָט פון זיך אויסגעטיילט אַ ספּעציעלן קאָמיטעט מיט וועלכן מיר האָבן זיך געקאָנט באַ־ראַטן וועגן מאַטעריאַל וואָס האָט געדאַרפט אריינגיין אין בוך. אַ ספּעציעלן דאַנק קומט דעם פּרעזידענט פון פאַראיין, דר. ב. האָפמאַן (צביון), וואָס איז תמיד גרייט אונדז באַהילפיק צו זיין אַף אַלע אופנים.

באַזונדערע אָנערקענונג פאַרדינט די הילף און די קאָאָפּע־ראַציע פון מר. פּאָול עדוואַרדס, אַדמיניסטראַטיווער באַאַמטער פון פעדעראַלן פּראָיעקט נומער 1 אין ניו יאָרק.

אונדזער בוך איז דער רעזולטאַט פון אַ קאָלעקטיוון צוזאַמענ־אַרבעטן פון דער גרופּע, אין דער פולסטער הארמאָניע לטובת דער אידישער קולטור פון אַמעריקע.

י. א. ראָנטש, רעדאַקטאָר
אידישע גרופּע פון פעדעראַלן שרייבער פּראָיעקט,
ניו יאָרק.

אינהאַלט

זייט

	פאָרוואָרט	5
I	דער פונדאַמענט פון דער אידישער פאַמיליע	9
II	דער הינטערגרונט פון אידישער איינוואַנדערונג	29
III	דער אידישער פאַמיליע־קרייז — זיין אָרט אין געזעלשאפטלעכן לעבן	41
	טאַבעלע	61
IV	דער עקאָנאָמישער מצב פון פאַמיליע־קרייז	62
V	בילדונג און קולטור פון פאַמיליע־קרייז	77
VI	דריי דורות (לעבנס־געשיכטעס)	93
VII	דאָס משפחה־לעבן בא אידן אין אַמעריקע (אויפן סמך פון דער אידישער בעלעטריסטיק)	133
	אַנווייזער פון פאַמיליע־קרייזן	170
	ענגלישער אַדרעסן־ליסט	206

●

CONTENTS

		Page
	Preface	5
I	The Eastern-European Jewish Family	9
II	The Background of Jewish Immigration to the United States	29
III	The Jewish Family Circle: Its Position in Communal Life	41
	Tables	61
IV	The Economic Status of the Family Circle	62
V	Education and Cultural Basis of the Family Circle	72
VI	Three Generations	93
VII	Jewish Family Life As Portrayed in Yiddish-American Fiction	133
	Guide to Jewish Family Circles of N. Y.	170
	Directory of Family Circles (In English)	206

I

דער פונדאַמענט פון דער אידישער פאַמיליע.

אויב עס איז אמת, אַז די פאַמיליע איז דער פונדאַמענט פון גאַנצן געזעלשאַפטלעכן בנין, איז עס נאָך אמתער וועגן דער אי־דישער פאַמיליע. וואָרעם וויפיל מאָל פלעגט ביי אידן טרעפן, אין זייערע געצוואונגענע וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד, אַז זייער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער בנין פלעגט צעשטערט ווערן, און בלייבן פלעגט נאָר דער פונדאַמענט — די פאַמיליע. זינט די אידישע מלוכה איז חרוב געוואָרן און דורכן פאַרלויף פון מיטל־אַלטער, ווען רדיפות, אינקוויזיציעס און גירושים פלעגן צווינגען אַ אידישן קבוץ אויסצוואַנדערן, פלעגן אַלע אינסטיטוציעס צע־בראָכן ווערן, אַלע איינגעשטעלטע סאָציאַלע פאַרבינדונגען צעריסן ווערן. גאַנץ אָפט פלעגט נאָר בלייבן די נאַטירלעכסטע אינסטיטו־ציע, דער עלעמענטאַרער בלוט־בונד — די פאַמיליע. מען פלעגט זיך ראַטעווען פאַמיליענווייז. אָדער דער הויפט פון דער פאַמי־ליע פלעגט דער ערשטער זיך לאָזן אין וועג אַריין, און אַזוי גיך ווי זיינע פיס פלעגן אָנטאַפּן אַ וויפיל ניט איז זיכערן באָדן, איז זיין ערשטע זאָרג געווען צונויפצוברענגען די צעזייטע און צעשפּרייטע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע.

(אַזוי איז אויך געווען אין דער גרויסער אויסוואַנדערונג פון מזרח־אייראָפּע, וואו דער מיטלאַלטער האָט זיך פאַרצויגן צום שפּעטסטן; אַזוי איז אויך איצט, ווען דער מיטלאַלטער איז באַנייט געוואָרן פאַר אידן אין צענטראַל־אייראָפּע — אַלעמאָל ראַטעווען זיך אידן פאַמיליענווייז).

איז די אידישע פאַמיליע געווען די ערשטע איינצופונדעווען זיך אין דעם נייעם אָרט, און אויף איר, ווי אויף אַ פונדאַמענט, פלעגט שוין אויפגעשטעלט ווערן דער גאַנצער אידישער געזעל־שאַפטלעכער בנין — די רעליגיעזע, פילאַנטראָפּישע און דערצי־אונגס־אינסטיטוציעס, מיט אַ קהילה צו האַלטן השגחה איבער זיי. אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי „דער גאַנצער אידישער געזעל־שאַפטלעכער בנין" — ער איז קיינמאָל קיין גאַנצער ניט געווען;

לכתחילה אַ האַלבער און פערטל בנין, און גאָר קיין בנין ניט אין פאַרגלייך מיט דעם ריזיקן פּאָליטיש־עקאָנאָמישן געשטעל פון אַ פאָלק, וואָס איז אין באַזיץ פון אַן אייגענער טעריטאָריע, מיט אַן אייגענער מלוכה און אַן אייגענער ווירטשאַפט — וואָס דאָס איז עס, וואָס זיכערט אַ נאָרמאַלן פאָלק זיין נאַציאָנאַלן קיום.

דער פון אויבן־אויף שוואַכער אידישער געזעלשאַפטלעכער בנין האָט געהאַט אַ געזונטן און פעסטן טייל — נעמלעך זיין פונ־דאַמענט, די אידישע פאַמיליע, וועלכע פלעגט איבערלעבן יעדע הריגה און יעדן גירוש. איז די אויפהאַלטונג און ווייטער־פלאַנ־צונג פון אידישן נאַציאָנאַלן קיום אָנפאַרטרויט געוואָרן דער פאַ־מיליע. און אַזוי ווי דאָס איז געווען די רעליגיע, וואָס האָט ביי אידן דורך טויזנטער יאָרן געדינט פאַר דעם איינפאַס פון דער זיך זאַמלענדיקער אידישער קיום־ענערגיע, איז די פאַמיליע גע־וואָרן דער סאָציאַלער איינפאַס פאַר דער רעליגיע. וויפיל דאָס פאָלק האָט אָנגעזאַמעלט געהאַט פאַרמעגן אין גייסטיקייט, אין אויסדויער־קראַפט, האָט די רעליגיע מיט אירע היפּנאָטיזירנדיקע מיטלען עס אַריינגעטאָן אין דער קרעפטיקונג פון פאַמיליען־בונד. אין רעזולטאַט האָט זיך באַקומען אַן אינסטיטוט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט געהאַט. אפילו די שונאים, וואָס זיינען געווען אַזוי דערפינדעריש אין בלבולים אויפן אידישן פאָלק, האָבן פאַר דער אידישער פאַמיליע זיך אָפּגעשטעלט אין באַוואונ־דערונג. זיי האָבן געמוזט לויבן איר ריינקייט, איר צניעות, איר גינציקייט, איר סאָלידאַרישקייט.

צום שפּעטסטן האָט די מיטלאַלטערלעך־פּאַטריאַרכאַלע אידי־שע פאַמיליע זיך דערהאַלטן אין מזרח־אייראָפּע. אונדזערע זיידעס האָבן נאָך געלעבט אין איר. אונדזערע טאַטעס געדענקען זי נאָך. און די אידישע ליטעראַטור האָט איינגעהאַלטן איר גע־שטאַלט. און פון דער ליטעראַטור ארויס קאָנען מיר זי כאַראַק־טעריזירן.

די פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליע איז געווען נאָך מער רעליגיעזע אַנשטאַלט ווי די שול. אין שול האָט מען געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג. אָבער אין פאַמיליען־הויז פלעגט „געדאַוונט" ווערן פון באַ־

גינען ביז מיטנאַכט. די רעליגיע איז אַריינגעדרונגען אין די מינדסטע דעטאַלן פון לעבנס-שטייגער. יעדער שריט, יעדע האַנד־לונג איז באַגלייט געווען מיט אַ ריטואַל, מיט אַ צערעמאָניאַל, וואָס פלעגן אַריינשפּילן אידישן אויסדויער אין די הערצער פון גאַנצן הויזגעזינד. אָבער די שטאַרקסטע באַשטעטיקונג דערויף, אַז ניט אַזוי די שול, ווי די פאַמיליע איז געווען דער אָרגאַן אויף אריינצופּאָמפּען אידישע גבורה אין אידישן געמיט—די שטאַרקסטע באַשטעטיקונג גיבן די אידישע יום־טובים, אַנהויבנדיק פון דעם געוויינלעכסטן יום־טוב, וואָס קומט יעדן זיבעטן טאָג און חזרט זיך איבער 52 מאָל אַ יאָר — דער שבת. אַט דער געוויינלעכסטער, 52 מאָל איבערגעחזרטער יום־טוב, פלעגט יעדעס מאָל אַפּטאָן אַ וואונדער אין דעם אידנס הויז. אין שול ווי אין שול — די אָרעמע־לייט פלעגן שטיין ביי דער מערב וואַנט, נעענטער צו דער טיר, און די גבירים אויבן־אָן, ביי דער מזרח־וואַנט. דער שבת אין שול פלעגט איבערלאָזן אַלץ ווי געוועזן; דער אָרעמאַן פלעגט בלייבן אַן אָרעמאַן. אָבער אין הויז פלעגט דער שבת דעם גרעסטן אָרעמאַן מאַכן פאַר אַ גביר און באַרייכערן זיין אָרעמסטע סעודה מיט אַלע טעמים פון גבירישע מאכלים. דער אָרעמען פלעגט זיך דערפילן אַזוי ברייט, אַז ער פלעגט אפילו איינלאַדן אַן „אורח אויף שבת״ — אַ גרעסערן אָרעמאַן פון זיך. דער ביסן, וואָס דער אורח האָט געגעסן, פלעגט זאָט מאַכן די אויסגעהונגערטע פאַר אַ גאַנצער וואָך הויזגעזינט — נאָך מער ווי די שבתדיקע מאכלים.

פון דעם שבת, דער יום־טוב, וואָס חזרט זיך איבער יעדע וואָך, האָט דער איד געזויגן חיות, וואָס האָט אים געשטאַרקט אַ גאַנצע וואָך; און פון גרויסע יום־טובים פלעגט ער זיך אָנזויגן מיט חיות, וואָס האָט אים געגעבן כוח אויף אַ גאַנץ יאָר, און אויף יאָרן אין פאָראויס, און זיין קינד אָנלאָדן מיט אידישער גבורה אויפן גאַנץ לעבן — ספּעציעל פון די ימים־טובים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דערלייזערישע היסטאָרישע געשעענישן, אויך זיי זיי־נען בעיקר פאַמיליען יום־טובים. דער הויפּט־צערעמאָניאַל פון פסח איז דער סדר — ווערט ער געפראַוועט ניט אין שול, נאָר ביים פאַמיליען־טיש. דער סדר איז אַ ספּעקטאַקל, וואָס ווערט

אויסגעשפּילט פון פאָטער, מוטער און קינדער — אַ ספּעקטאַקל, וואָס טראָגט אַריבער די נאַציאָנאַלע האָפענונג אויף דערלייזונג פון דער פאַרגאַנגנהייט אין דער צוקונפט אַריין. אַ קינד, וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון סדר, איז געאידישט געוואָרן מער ווי דורכן ברית. און אַ קינד, וואָס איז סוכות געזעסן אין סוכה, וואָס איז צוגעבויט געוואָרן צו אַ וואַנט פון פאַמיליען־טיבל, צוגעדעקט מיט סכך, דורך וועלכן די שטערן זעען זיך דורך — אַזאַ קינד וועט שוין קיינמאָל פון דער אידישער סוכה ניט אַרויס, מעג עס שפּעטער אַלס דערוואַקסענער, קיינמאָל מער אין אַ סוכה ניט אַריינקוקן. וועט ער שוין זיין גאַנץ לעבן מיטוואַנדערן מיט אידן זייערע מדבר־וועגן, און דער אידישער הימל וועט אים צודעקן.

חנוכה, דורך וועלכער עס ווערט געפייערט דער נצחון פון די חשמונאים; פורים, דורך וועלכן עס ווערט געפייערט די מפּלה פון המן הרשע, זיינען גאָר קנאַפּע יום־טובים אין שול; וואָכע־דיקע יום־טובים; מען לויפט פון שול גלייך צום געשעפט אָדער צו דער אַרבעט; אָבער אין הויז פלעגן חנוכה און פורים צושטעלן די גרעסטע יום־טובדיקע שמחות. זייער הויפּט־פרייליכקייט איז געווען אין די סעודות, צו וועלכע די גאַנצע משפּחה איז גערופן געוואָרן, און צו יעדן יום־טוב פלעגט דער גרעסטער אָרעמאַן רופן די משפּחה אויף אַ ברכה אויף אַ גלעזל ראָזשינקע־וויין און אַ שטיקעלע קיכל — און די גבירים פון דער משפּחה פלעגן זיך ניט טאָרן אָפּזאָגן.

ווי דער צוועק פון אַלע אידישע יום־טובים וואָלט געווען צו פאַר־יום־טובן, צו פאַרטייערן די אידישע פאַמיליע ביים אידישן קינד, דעם קינפּטיקן פאַרזעצער פון דער פאַמיליע. און ניט נאָר די פאַמיליע אין ענגן זין פון וואָרט איז פאַר־יום־טובט געוואָרן, נאָר די ברייטערע פאַמיליע — די גאַנצע משפּחה — אַלע קרובים, וואָס געהערן צו דער משפּחה. דורך דעם זיינען יום־טוב און משפּחה פאַרבונדן געוואָרן פאַרן אידישן קינד.

און אַזוי שילדערט די אידישע יום־טובים — ווי משפּחה־יום־טובים — דער גרויסער שריפטשטעלער־הומאָריסט שלום־עליכם, וועמעס טאַלאַנט און פרייד איז געווען צו דערפרייען מיט

זיין וואָרעמען הומאָר אידישע קינדער. האָט ער מערערע קינ־דער־דערציילונגען וועגן אידישע יום־טובים געווידמעט דעם אי־דישן קינד — פאַר דערוואַקסענע צום לייענען — און אין די מערסטע פון זיי האַנדלט זיך וועגן יום־טובדיקע משפחה־צוזאַמענ־קונפטן.

יום־טוב איז משפחה, משפחה איז יום־טוב, — אַ קרוב איז אַ יום־טוב ברענגער! אַט דער גרונט־געפיל פלעגט דעם אידישן קינד זיך אָפּשטעלן אויפן גאַנצן לעבן. און פונקט ווי אַן אַמע־ריקאַנער קינד חלומט וועגן דער ווייטער וועסט, און פון צייט צו צייט טרעפט, אַז עס גיט זיך אַ ריס אַוועק אין געיעג נאָך זיין חלום — אַזוי פלעגט אַ אידיש קינד חלומען וועגן אַ ווייטן קרוב און זיך רייסן צו אים. מיט דעם שרייבער פון די שורות האָט עס אַליין געטראָפן. ביי קיינעם ניט פרעגנדיק האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט אין אַ נסיעה צו אַ פעטער, וועלכער איז מיט 30 יאָר פריער פאַרפאַלן געוואָרן אין טיף ראַסיי און זעלטן ווען ער האָט געלאָזט הערן פון זיך. איז ער בשלום אָנגעקומען צום פעטער, און האָט זיך איבערצייגט, אַז די ווירקלעכקייט איז גאָר ניט אַזוי שיין, ווי זי חלומט זיך...

אַ קרוב — אין זכות פון דעם קלאַפּט אַ קליין־שטעטלדיקער אָרעמאַן אין אַ טיר פון אַ גרויס־שטאָטישן גביר, און ווי האַרט דער גביר זאָל ניט זיין, לאָזט ער מיט ליידיקן אים ניט אַוועק.

אַ קרוב! — אין זכות פון דעם רופן איצט ארויס דורך די צייטונגען די אידישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד זייערע קרובים פון אַלע עקן וועלט — פון אויסטראַליע ביז אָקלאַהאָמאַ.

די אידישע פאַמיליע איז, ווי געזאָגט, געווען די הויפּט־רעטערין פון אידישן קיום, ווייל אין צייטן פון פליטות, נאָך גרויזאַמע גזירות, פלעגן גאַנצע אידישע קבוצים, מיט אַלע זייערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, רעדוצירט ווערן צו איינצלנע פאַמיליעס, וואָס פלעגן אַוועקוואַנדערן, מיטנעמענדיק דעם אידישן גורל, כדי אים ווייטער צו טראָגן — אויף נייע ערטער — צו די קומענדיקע דורות.

האָט יעדע איינצלנע פאַמיליע פערזאָניפיצירט מיט זיך דאָס גאַנצע פאָלק. פאַמיליע — דאָס איז דאָס פאָלק. פרעזערווירן די פאַמיליע איז ווי פרעזערווירן דאָס פאָלק. דערפון האָבן זיך גענומען די גרונט־כאַראַקטעריסטיקעס פון דער פאַטריאַרכאַלער אידישער פאַמיליע. די פאַרהייליקונג פון קרובהשאַפט איז געווען בלויז אַ בייפּראָדוקט פון דעם עיקר פאַקט, וואָס די פאַמיליע גופא, ווי אַן אינסטיטוציע, איז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אידישן הויפּט־הייליקטום. אַמאָל איז די רעליגיע געווען ביי דער אַרבעט — מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע רעליגיע, האָט די אידישע רעליגיע געשאַפן פריוואַטע יום טובים אַרום פאַמי־ליען־געשעענישן. די געבורט פון אַ אינגל, דאָס בר מצוה ווערן האָבן געהאַט צו צוויי־דריי יום־טובים. דאָס מיידל איז ניט אַזוי געיום טובט געוואָרן, דערפאַר אָבער איז דאָס חתונה האָבן ארומ־גערינגלט געווען מיט אַ צענדליק פאַמיליען יום טובים, וואָס זיינען פאַראויסגעגאַנגען און האָבן נאָכגעפאָלגט די חתונה.

אויפשטעלן אַ פאַמיליע איז געווען דעם אידנס הויפט־מצוה. אומפאַרהייראַט בלייבן — פאַרזעסן ווערן אַן אַלטער בחור אָדער אַן אַלטע מויד — איז געווען ניט נאָר אַ חרפה פאַר מענטשן, נאָר אַן עבירה פאַר גאָט. קינדער געבערן איז געווען גאָטס געבאָט. ניט האָבן קיין קינדער איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ קללה. האָבן אַ סך קינדער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ ברכה. ביים אָרעמאַן איז דאָס געווען זיין איינציקע עשירות. אַזוי גיך ווי די קינדער פלעגן נעמען אונטערוואַקסן, האָבן טאַטע־מאַמע שוין געזאָרגט די קינדער זאָלן חלילה ניט פאַרזעסן ווערן, און זיי זאָלן אַליין ווערן גרינדער פון פאַמיליעס. אָרימע לייט פלעגן שפאָרן פון ביסן און זאַמלען פאַר די טעכטער אויף נדן. און עס האָט ניט געגאָלטן פאַר קיין שאַנד, ווען אַ בכבודער טאַטע, נאָר אַ גרויסער אָרעמאַן, זאָל זיך אַוועקלאָזן איבער דער וועלט און גיין איבער די הייזער צו זאַמלען נדן פאַר זיין טאָכטער.

און עס איז געווען אַזאַ מערקווירדיקע אינסטיטוציע, ווי „הכנסת כלה־חברות", וואָס פלעג פון דער שטאָט צונויפנעמען אויף נדן פאַר אָרימע כלות, יתומות. אין צייט פון מגפות פלעגט

שטאָט חתונה מאַכן, פאַר אַ סגולה, די סאַמע פאַרוואָרלאָזטע, פיזישע און גייסטיקע קריפּלס — אין דעם גלויבן, אַז די מצוה פון חתונה מאַכן וועט מכפר זיין אויף די זינד, פאַר וועלכע גאָט שטראָפט מיט מגפה.

און כדי אידישע קינדער זאָלן זיך ניט פאַרשפּעטיקן מיט דער מצוה פון חתונה האָבן, פלעגט מען זיי חתונה מאַכן גאַנץ פרי, נאָך איידער די „גרינדער פון דער פאַמיליע" האָבן געהאַט כוח צו שטיין אויף די אייגענע פיס (ביז מיט 100 יאָר צוריק פלעגט מען ניט זעלטן חתונה מאַכן קינדער, וואָס האָבן קוים איבערגעשפּרייזט זייער ערשטן יאָר־צענדליק). און דאָס יונגע פּאָרל פלעגט זיך באַזעצן אויף קעסט ביי שווער און שוויגער פון כלהס צד אָדער חתנס צד. דער גבירישער צד פלעגט איבער־נעמען פון יחוסדיקן צד די האַדעוואַניע פון דעם פּאָרל. אַפילו אַ איד ניט קיין גביר, נאָר אַ תקיף — פאַר אַ תקיף פלעגט זיך רעכענען אַ איד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע שטוב — פלעגט זיך אויך קוואַפּען נאָך אַן איידימל אַ וואויל־לערנער; פלעגט ער אים געבן אין נדן דעם שענסטן ווינקל פון זיין שטוב, און ווען ער איז נאָך געווען אַ מטופל מיט טעכטער, פלעגט ער אַזוי פאַרטיילן אין נדן אַלע ווינקעלעך פון זיין שטוב, און אַליין פלעגט ער האַרעווען און קריכן פון דער הויט אויסצוהאַלטן די איידימ־לעך מיט קעסט, און יענע, די איידימלעך, פלעגן זיך זיצן און לערנען תורה, אָדער מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי לערנען — ביז עס פלעגט זיי דערעסן דאָס לערנען אָדער דער אָנשטעל, און זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן זוכן זייער אייגן שטיקל ברויט. פאַרקערט, ווען דעם חתנס פאָטער איז געווען דער גביר, און די כלה די מיוחסת, פלעגט דאָס פּאָרל איבערגיין אין רשות פון חתנס צד, און די שוויגער האָט געהאַט די אויפגאַבע אָפּצוגעוואוינען די שנור פון שפּילן זיך מיט קינדער און צו לערנען זי וויבערשן שטאַט, ביז די שנור פלעגט ראוי ווערן אַליין צו ווערן אַ מאַמע פון אַ קינד.

די עלטערע אידישע ליטעראַטור איז פול מיט שילדערונגען פון דעם איידימל אויף קעסט און פון וויב־קינד אין דער לערע

ביי דער שוויגער. און לאַנג נאָכדעם ווי דער מנהג פון קינדער־חתונות איז בטל געוואָרן, האָט נאָך אָנגעהאַלטן די אינסטיטוציע פון „איידימלעך אויף קעסט״. אַפילו די אינגערע אידישע ליטע־ראַטור געדענקט זיי נאָך, די איידימלעך.

אין אונדזערע אויגן זיינען עס גרויסע חסרונות — אַט דאָס חתונה מאַכן קריפּלס פאַר אַ סגולה קעגן מגפות, דאָס חתונה מאַכן קינדער און לערנען זיי קינדער האָבן, און די כאַליאַסטרע פון איידימלעך אויף קעסט, וואָס פלעגן ליגן אויפן קאַרק פון אַן אָרעמאַן, אַ שווער. אָבער די חסרונות פון דער פאַטריאַרכאַלישער פאַמיליע זיינען געווען איבערגעקערטע מעלות; ווילדע אָנוואוקסן אויף דער גרונט־מעלה, אַז די פאַמיליע איז געווען אַ הויפּט־הייליקטום; איבערטריבענע ביי־פּראָדוקטן פון דעם עיקר־פאַקט, אַז איין פאַמיליע איז געווען ווי דאָס גאַנצע פאָלק: דאָס פאָלק אין מאָבילעזירטן צושטאַנד, תמיד גרייט צו מאַכן פליטה פאַמי־ליענווייז פון פּלוצימדיקע אומגליקן.

צום ביישפּיל, וואָס קאָן שוין זיין ערגער אין אונדזערע אויגן ווי חתונה מאַכן קינדער, בעת זיי דאַרפן נאָך וואַקסן? אָבער חתונה געמאַכטע דורך די עלטערן, אָן זייער אייגענעם רצון, אָן פאַרליבעניש? וואַקסנדיק צוזאַמען פון קינדוויַיז ביז פּוליערי־קייט, פלעגן מאַן און ווייב בוכשטעבלעך צונויפוואַקסן אין איין נפש. און דריי דורות אונטער איין דאַך — שווער־שוויגער, זון־שנור, טעכטער־איידימס און אייניקלעך — פלעגט די גאַנצע משפחה איין הויזגעזינט ווערן: פיזיש ווי פון איין שטיק; גייס־טיק ווי פון איין גוס — און אַזוי פאַרפעסטיקט ווערן, אַז צעריסן־צעפליקט, פלעגט זי דאָך בלייבן גאַנץ. וויפיל נפשות עס פלעגן ניט אומקומען אין אַ פּאַגראָם, אָבער די משפחה, צעלאָפן אין פאַרשיידענע רעטונגס־פּלעצער, פלעגט דאָך בלייבן לעבן ווי אַ סאָלידער איינס — און ביסלעכוויַיז צוריק זיך צונויפנעמען.

אַט איז נאָך אַ חסרון, וואָס איז אַ באַהאַלטענע מעלה, וואָס האָט אויך געשטאַמט דערפון וואָס די פאַמיליע איז געווען מאָבי־ליזירט פאַר פאָלקס־רעטונג — אַט די פיל־פאַרשריענע אידישע תאווה צו פאַמיליען־צירונג. אַ פאָלק, וואָס איז אויף דער וואַנדער,

דאַרף קאָנען אין אַ מאָמענט, אָן שום צוגרייטונג, זיך לאָזן אין וועג אריין, מיטנעמענדיק אַזויפיל פאַרמעגן, וויפיל עס לאָזט זיך. איז דאָס געווען דאָס קעסטעלע פאַמיליען־צירונג. די אָרימסטע פרוי פלעגט אָפּהיטן, ווי אירע אויגן אין קאָפּ, דאָס געירשנטע שטיקל צירונג. די פאַמיליע האָט געמעגט אויסגיין פון הונגער, דאָס שטיקל צירונג איז געווען דאָס לעצטע, צו וועלכן זי האָט זיך צוגערירט.

און פאַר אַ באַוויז, אַז דאָס איז ניט תאוה, ניט זשעדנעקייט געווען, נאָר דער איינגעשפּאַרטער פאַלקרעטנדיקער פאַמיליען־אינ־סטינקט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס נאָך מער ווי אָן מאַטעריע־לער צירונג, האָט די פאַמיליע זיך געקלאַמערט אין גייסטיקער צירונג. העכער פון גאָלד און זילבער זיינען געשעצט געוואָרן גייסטיקע ווערטן. „תורה איז די בעסטע סחורה״ — האָט די אידישע מאַמע געזונגען צו איר קינד אין וויגעלע, און פון וויגעלע ביז צום קבר האָט די אידישע פאַמיליע מקיים געווען דאָס לידעלע — די פאַמיליע האָט געלעבט, געבאָרן און אויסגעגעבן קינדער אין פאַרהערלעכונג פון תורה. און ווען זי האָט געהאַט צווישן אירע אור־עלטערן איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין תורה, אַ רב אַ גאון, אַ מחבר פון אַ ספר, איז עס געווען איר טייערסטער יחוס, — אַ יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן דורך יאָרהונדערטער. אַ הונדערט־יעריקער תורה־יחוס איז געווען אַ גאַנצער נדן פאַר אַ טאָכטער.

(אַפילו נאָך היינט אין אַמעריקע איז דאָ אַ „פאַמיליען־קרייז״, וואָס יחוסט זיך מיט רש״י — דעם גרויסן קאָמענטאַטאָר אויף תנך״ און תלמוד פון עלפטן יאָרהונדערט, און דער פאַראיין לאָזט זיך קאָסטן גרויסע סומען אויף צו באַשעפטיקן שרייבער, וואָס דאַרפן אונטערזוכן און פעסטשטעלן די רש״י־אָפּשטאַמונג פון יעדן בעלן צו ווערן אַ מיטגליד פון פאַראיין; און בעלנים זיינען דאָ אַ סך מער, וויפיל אַן אונטערזוכונג קאָן באַרעכטיקן זייער בעלנות).

תורה איז ניט געווען בלויז אַ יחוס אויף צו גרויסן זיך דערמיט; נאָך מער איז עס געווען דער אָפּשיי פאַר תורה; צוזאַמען מיט דעם אָפּשיי האָבן אין די בלוט־געפעסן פון דער

אידישער פאַמיליע זיך אריינגעצאַפּט גאַנץ היפּשע טראָפּנס פון דער מאָראַל פון תורה, פון דער אמונה אין די נאַציאָנאַלע אידעאַלן, צו וועלכע די תורה איז אַנגעצילט און וועלכע פאַרענטפערן דעם שווערן אידישן גורל; פון דער מסירת נפש, וואָס איז נויטיק צו טראָגן דעם שווערן גורל. אַזוי ארום איז די פּאַטריאַרכאַלע אידישע פאַמיליע געווען דער רעזערוואואַר, וואו טראָפּן פאַר טראָפּן האָט זיך געזאַמלט אידישע מסירת נפש, כדי אויסגעפּלייצט צו ווערן ווי אַ שטראָם אויף דער גאַנצער אידישער סביבה אין שעה פון נסיון.

מסירת נפש פון עלטערן פאַר קינדער איז געווען דער הויפּט־שטריך, דער מאָראַלישער הויפּט־פּראָדוקט פון דער פּאַטריאַרכאַ־לער פאַמיליע — בפרט פאַר אַ קינד, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ פאַר לערנען תורה. שמואליק דער טאַנדעטניק — אַ שוואַכע בריאה, קוים וואָס ער האָט געזשיפּעט — האָט זיך געראַנגלט ווי אַ לייב קעגן דריי „כאַפּערס״ (קידנעפּערס, וואָס פלעגן כאַפּן קליינע קינדער אויף אָפּצוגעבן זיי אין סאָלדאַטן. צו דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן) און ער האָט אָפּגעראַטעוועט זיין משהלען, וועלכער האָט געדאַרפט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל (דאָס איז אַ הויפּט־עפּיזאָד אין מענדעלעס ראָמאַן „דאָס ווינטש־פינגערל״).

און די אידישע פרוי, די אידישע מאַמע איז געווען די פאַר־קערפּערטע מסירת נפש פאַר איר מאַן, פאַר איר קינד. — ווען דער מאַן איז געווען אַן אײדעלער תורה־איד און אַ קנאַפּער בעל פרנסה, פלעגט דאָס ווייב זיינס — די שוואַכע אידענע — נעמען אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה: אָנלאָדן זיך מיט פּעק און טראָגן פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף; אָדער ווען גאָר גוט, פלעגט זי זיך שטעלן אין קלייט, אין שענק און מפרנס זיין דאָס הויז־געזינד, כדי איר „שפּייזער״, דער מאַן, זאָל קאָנען זיצן אין בית המדרש און פאַרדינען עולם הבא פאַרן הויזגעזינד. און זי איז גליקלעך געווען דערמיט, וואָס דערפאַר אַלס שכר וועט זי זוכה זיין צו דינען דעם מאַן פאַר אַ פוסבענקעלע אין גן עדן, וואו ער וועט זיצן אויבן־אָן מיט די צדיקים.

דאָס איז די באַרימטע „אשת חיל" — דער ערשטער פּאָזי־טיווער פרויען־טיפּ אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור. אָבער ניט פון דער ליטעראַטור האָט זי ווי אַ העלדין אריינגע־שפּאַצירט אין לעבן, נאָר פאַרקערט איז עס געווען. הגם נאָמינעל איז דער מאַן געווען דער הויפּט, אָבער פאַקטיש איז די פּאַטריאַר־כאַלע פאַמיליע געווען אַן אומצעטיילטע עקאָנאָמישע, ווי גייסטיקע, איינהייט, וואו די פרוי איז געווען גלייכבארעכטיקט מיטן מאַן, עקאָנאָמיש גאַנץ אָפט דער הויפּט. דאָס וואָס גייסטיק האָט זי פאַרנומען דעם אָרט פון אַ פוסבענקעלע אין מאַנס גן עדן, האָט גאָר נישט אויסגעמאַכט. נאָך בעסער אַזוי: די פרוי וואָלט זיך געשעמט צו זיצן ביים טיש גלייך מיטן מאַן און קוקן אין די ליכטיקע פּנימער פון די צדיקים, וואָס קוויקן זיך מיט דער גמרא און שפּיגלען זיך אין שיין פון דער שכינה. דאָס „פוסבענקעלע" איז געווען אַ קאָמפּראָמיס מצד דער אידישער רעליגיע, וועלכע האָט לכתחילה פאַר דער פרוי כמעט גאָר קיין מצוות ניט געהאַט, וואָס זאָלן געבן דער פרוי אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען זיך אַן אייגענעם חלק עולם הבאָ. האָט די רעליגיע פאַרגיטיקט איר נאָכלעסיקייט דערמיט, וואָס זי איז דאָס געווען, וואָס האָט אָנגע־טאָן אַ קרוין און אריינגעגעבן גבורה דער אשת חיל — דורך דעם הויפּט־געצייג, מיט וועלכן זי, די רעליגיע, האָט אריינגע־בראַכט שטאַרקייט אין אידישן פאַמיליען־בונד — דעם הייליקן שבת. קבלת שבת אין הויז, פרייטיק צו נאַכט, פלעגט דער מאַן אָנהויבן מיט אַ הימנע צו דער פרוי, פאַרזינגענדיק איר דעם קאַ־פּיטל „אשת חיל מי ימצא" פון „משלי".

דער צווייטער, נאָך דעם אשת חיל, פּאָזיטיווער פרויען־טיפּ אין דער עלטערער אידישער ליטעראַטור, איז געווען די אָרעמע מאַמע, די אַלמנה, וואָס גאָט האָט איר באַלוינט פאַר איר אַלמנה־שאַפט מיט אַ זון אַ מתמיד אין תורה און אַ קינפטיקן רב. פלעגט זי טאָג און נאַכט לעבן פאַר איר זון. בייטאָג פאַרקויפן עפּל און ציבעלעס אין מאַרק, אָדער טראָגן קערב מיט עופות און אייער אין גבירישע הייזער און ביינאַכט פליקן פעדערן פאַר די זעלביקע גבירהנטעס — ביז זי פלעגט אָנהאָרעווען אַ פּאָר רובל

צו שיקן דעם זון אין דער ישיבה, און דערנאָך מיט „מאַקאַ־זיעס" — אַ פורמאַן, אַ סוחר אַ דורכפאָרער — אונטערשיקן פעקלאַך — אַ העמדל, אַ פונטעלע טיי, אַ גאַמעלקע — דעם זון אין דער ישיבה אריין. מען קאָן נאָך היינט הנאה האָבן דורך דער ליטעראַטור — פון דעם טרערן־גליק פון דער מאַמען, ביים אויסריכטן דאָס פעקעלע און דעם דאַנקבאַרקייט־גליק פון איר עלנטן אינגל אין דער פרעמד ביים עפענען דאָס פעקעלע, אַנגעוויזן ווי ער איז נעביך געווען אויף „עסן טעג" ביי בעלי בתים־קבצנים. ביי שלום עליכמען איז זי זייער אַ קאָמישע אידענע אויף צו האַלטן זיך ביי די זייטן לאַכנדיק, — וואָרים ווי איבער־אָנגעלאָדן אירע הענט זיינען געווען מיט קערב, אַזוי איבעראָנגע־לאָדן איז געווען איר מויל מיט „מענה לשון" וועגן איר זון, איר „קרוין פון קאָפּ", איר צונג האָט באַצייטנס גענייט יאַרמעלקעס און געפלאָכטן ציצית פאַר דעם קינפטיקן רב. אָבער אָנגעלאָכט זיך, האָט זיך געוואָלט פאַלן כורעים פאַר דער מסירת נפש פון דער אידישער מאַמע.

מסירת נפש איז געווען דער נאָרמאַלער באַהעפטונגס־שטאָף פון יעדער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע. ביי אַ פאָלקס־אומגליק, וואָס פלעגט מאַכן אַ ריס אין דער פאַמיליע, פלעגט זיך דאָס ארויס־ווייזן; די זאַפט פון מסירת נפש פלעגט ארויסרינען. — איז די פאַטריאַרכאַלע פאַמיליע געווען דער אַפּלעגער פון פאָלקס מאָראַ־לישן כוח, פון ווידערשטאַנד און אויסדויער. ווען אַ פאָלק האָט אַזאַ פאַמיליע פאַר אַ פעסטונג, אויף וועלכער זיך אָנצושפאַרן, קאָן עס זיך לאָזן וואַנדערן. קאָן מען איבערלאָזן אַ ווייב אָן אַ גראָשן געלט, און זי וועט שוין אָקערן די ערד אויסצוהאַלטן די עופהלעך־קינדער, קאָן מען אוועקשיקן אַ טאַטן, אַ זון אין די מרחקים אין דער זיכערקייט, אַז זיי וועלן ניט פאַרגעסן — און סוף כל סוף ווידער צונויפפירן די גאַנצע פאַמיליע. — דאָס איז געווען די פאַטריאַרכאַלע פאַמיליע און איר יורשטע, די האַלב־פאַטריאַר־כאַלע — וועלכע האָבן אויסגעטראָגן אויף זיך די אויסוואַנדערונג פון צוויי ביז דריי מיליאָן אידישע נפשות פון מזרח־אייראָפּע איבער קאָנטינענטן און אָקעאַנען.

ווי געזאָגט, מערערע פון די מעלות, וואָס האָבן געדינט צו דער צוזאַמענהאַלטונג פון דער פּאַטריאַרכאַלער פאַמיליע, זעען איצט אויס אין אונדזערע אויגן ווי גרויסע חסרונות. צו די פריער אויסגערעכנטע מעלות־חסרונות קומען איצט צו: — די אשת חיל וואָס זעט אונדז אויס ווי אַ געפּלאָגטע פרוי, וואָס ציט פון זיך די אָדערן צו קאָרמענען אַ מאַן אַ בטלן און אַ שלימזלניק; און דאָס, וואָס די פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליע איז געווען פון איין שטיק, פון איין גוס — גייסטיק אַזוי ווי פיזיש — זעט עס אונדז איצט אויס ווי אומדערטרעגלעכער פאַמיליען־דעספּאָטיזם.

איז געקומען אַ צייט, ווען די מעלות האָבן גענומען איבער־גיין אין חסרונות. עס איז שווער געווען צו אונטערשיידן וואו די מעלה איז נאָך אַ מעלה און וואו זי גייט איבער אין אַ חסרון. איז אויף די נעט, וואו די מעלות און חסרונות האָבן זיך געגרע־ניצט, האָט די פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליע זיך געשפּאָלטן. דאָס איז געשען, ווען אין רוסלאַנד האָבן גענומען בלאָזן ליבעראַלע ווינטן, לייב־אייגנשאַפט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, די רוסלענדישעווירט־שאַפט האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג פון קאַפּיטאַליזם, וואָס פאָ־דערט פרייע באַוועגונג פון מענטשן און סחורות. די געטאָ־ווענט האָבן געפּלאַצט — פאַר די אויבערשטע אידישע שיכטן. די ערשטע האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער געטאָ די אויבערשטע באַלעבאַטישע שיכט — אין איילעניש צו פאַרנעמען פּאָזיציעס אין די אויפשטייגנדיקע אינדוסטריען. נאָך איר די אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גענומען אויסטיילן פון דער באַלעבאַטישער יוגנט — אַנגעצויגן פון דער האָפענונג, אַז באַלד־באַלד וועלן זיך עפענען פאַר איר די פּראָפעסיעס. און זי האָט גענומע אונטעראיילן דעם פּראָצעס — איינברעכן דעם פרומען לעבנס־רעזשים, וואָס האָט איר פאַרשטעלט דעם אריינטריט אין דער „פרייער ציוויליזאַציע", וואָס האָט שוין במילא געמיינט דער צוטריט צו די פרייע קאַריע־רעס. דאָס איז די „השכלה", וואָס האָט געהאַט פאַר איר הויפּט־פאָדערונג, אַז דער אויפגעקלערטער פרייער געדאַנק זאָל איבער־נעמען פון דער פרומער טראַדיציע די העגעמאָניע איבערן אידישן לעבן.

האָט די פרומע אידישע וועלט דערקלערט אַ מלחמה דער השכלה: וואו דער משכיל איז געווען אומבאַשיצט, האָט מען אים גערודפט, צוגענומען ביי אים דאָס ברויט; וואו ער איז געווען באַשיצט, האָט מען אים געלייגט אין חרם אריין, קיינער זאָל מיט אים קיין מגע ומשא ניט האָבן. דער משכיל צו להכעיסניק איז באַטראַכט געוואָרן ערגער פון אַ משומד, וועלכער פאַרלאָזט די אידישע רייען. דער משכיל בלייבט אינעווייניק און גראָבט אונ־טער דעם פונדאַמענט. און ווען עס האָט חלילה געטראָפן — און וואָס ווייטער האָט עס געטראָפן אַלץ עפטער — אַז די אייגענע קינדער זיינען אָנגעגריפן געוואָרן פון דער השכלה — אַ טאָכטער, אַנלייענענדיק זיך מיט ראָמאַנען, האָט זיך פאַרליבט; אונטער דעם זונס גמרא איז געפונען געוואָרן אַ השכלה ביכל — איז די היים פאַר זיי געמאַכט געוואָרן פאַר אַ געפענקעניש; און זיינען זיי אַנטלאָפן פון היים־געפענקעניש, האָבן טאַטע־מאַמע זיך גע־זעצט שבעה, ווי נאָך געשטאָרבענע.

דאָ, אין דעם קאַמף פון פרומען עלטערן דור קעגן אינגערן השכלה דור, האָט עס פאַסירט, אַז די מעלות פון דער פאַטריאַר־כאַלער פאַמיליע האָבן געגומען אויסלויפן אין חסרונות — די מאָראַלישע דיסציפלין אין צוואַנג; די פרומקייט אין פאַנאַטיזם; די גאַנצקייט פון דער פאַמיליע — דאָס וואָס זי איז געווען פון אין שטיק, פון איין גוס — אין דעספאָטיזם. פאַר דעם עלטערן דור גופא, וועלכע האָבן אין פרייוויליקייט און אין אמונה אָפּגעהיט די דיסציפלין און די פרומקייט און די גאַנצקייט, זיינען די מעלות נאָך געבליבן מעלות; אָבער אויף וויפיל זיי זיינען געוואָרן חסרונות אין דער סטראַטעגיע פון קאַמף, האָבן זיי אָפּגעשטויסן פון זיך דעם אינגערן דור. דאָ, אויף דער גרעניץ־ליניע צווישן די מעלות און חסרונות, האָט די פאַטריאַרכאַלישע פאַמיליע זיך געשפּאָלטן.

וואָס ווייטער איז געשען מיט דער פאַטריאַרכאַלישער פאַ־מיליע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך געשפּאָלטן, קען מען געפינען אָפּ־געשפּיגלט אין דער ליטעראַטור. די השכלה האָט זי טאַקע ארויס־געבראַכט — צוערשט אין העברייאיש און דערנאָך אין אידיש.

לכתחילה, פונקט ווי די השכלה, האָט זי זיך געלאָזט קריטיקירן — קינסטלעריש קריטיקירן — די חסרונות, די דעגענערירטע מעלות, פון דער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע. און זי איז געגאַנגען טיפער און ברייטער אין איר קריטיק, איידער די מינדלעכע און פובליציסטישע השכלה. זי האָט געגעבן פאַרניכטנדיקע שילדערונגען פון דעם חדר, וואָס האָט געלייגט די וואָרצלען פון דעם פרומען אידישן לעבנס-שטייגער. און זי האָט געשניטן פאַסן פון דעם סאָציאַלן ווילדפלייש, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויף דער פרומקייט; געריסן און געביסן מיט חוזק און סאַטירע די טריפענע געשעפטן, וואָס די קהלס-לייט האָבן געטריבן ארום כשר-פלייש, עקספּלואַטירנדיק, אונטער דער מאַסקע פון פרומער פילאַנטראָפּיע, די פאָלקס-מאַסע פאַר דער אייגענער קעשענע, דורך דער פליישטאַקסע. און וואו די השכלה-ליטעראַטור איז ניט געווען סאַטיריש, איז זי געווען סענטימענטאַל: האָט זי געגאָסן טרערן איבער דעם ביטערן מזל פון דער פאַרליבטער געבילדעטער מיידל און באַקלאָגט דעם מאַרטירער דעם יונגן משכיל, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן מיט אַ „טריף-פּסלע."

אָבער צום שבח פון דער אידישער ליטעראַטור — דער ליטעראַטור אין אידיש — דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פריער פון דער משכילישער אינטעליגענץ האָט זי איינגעזען, אַז אַטאַקירנדיק די חסרונות, טאָר מען ניט פאַרזען די מעלות פון דער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע — „צוזאַמען מיט דער וואַסער פון דער וואַנע ניט אויסצופאַליושקען דאָס קינד". און זי האָט זיך געשטעלט ראַטעווען די הייסע געטרייהייטן, מיט וועלכע דער פרומער לעבנס-שטייגער האָט אָנגעשפּייזט דעם אידן. מענדעלע, דער זיידע פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, איז געווען דער ערשטער עס צו טאָן. ער האָט אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „שלמה רב חיימס" רעסטאַוורירט די געהויבענע יום-טובדיקייט פון דעם וואָכעדיקן אַנגאַנג אין אַ פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע, איידער זי האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער „אַנשיקעניש", דער השכלה. שלום עליכם, ווי מיר ווייסן, האָט אַלע אידישע יום טובים איבערגעזעצט

אין פריילעכע מעשיות פאַר קינדער, וואָס אַפילו אַן אַמעריקאַנער אידיש קינד קאָן נאָך אָנגעשטעקט ווערן פון זיי.

און נאָך אַ שבח דאַרף נאָכגעזאָגט ווערן דער אידישער ליטעראַטור: זי האָט גלייך, נאָך ביי מענדעלען, איינגעזען ווי נאַאיוו עס איז דאָס איינריידעניש פון דער משכילישער אינטע־ליגענץ, אַז אין „ליכט" פון אויפקלערונג איז די גאַנצע ישועה פאַר דער פאָלקס־מאַסע. דאָס האָבן די גרויסע סוחרים זיך גע־קאָנט ארויסרוקן פון דער געטאָ, און די אינטעליגענץ האָט גע־קאָנט נאָך זיי זיך נאָכגנבענען. אָבער די מאַסע איז געבליבן איינגעצוימט אין געטאָ, באַגרעניצט אין איר וואוינרעכט, אַרבעטס רעכט, בירגער־רעכט; אָנגעוויזן אויף צו שפּייזן זיך ארום זיך אַליין און אויף דער לאָטע־מלאָכה און קליין־קרעמעריי ארום נאָענטן פויער, און אויף בעטל־ברויט. ניט אין „ליכט", נאָר אין ברויט האָט זיך געגויטיקט די פאָלקס־מאַסע. נייע קוואַלן פון פרנסה דאַרפן פאַר איר געפונען ווערן. און אָפן, און, נאָך מער, פאַרשטעלט, האָט די ליטעראַטור געוואָרפן די שולד פאַר אידישער הונגער־נויט אויף דער אַכזריותדיקער צאַרישער רעגי־רונג, מיט וועלכער די משכילישע אינטעליגענץ האָט שוין גע־האַלטן ביים שלום מאַכן. טאַפּנדיק אין דער פינצטער, האָט די ליטעראַטור געזוכט אַ סינטעז פון דער השכלה מיט עפּעס אַ פּאָליטיש־עקאָנאָמישער אויפריכטונג פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע.

און דאָ האָט דאָס לעבן אָנגעיאָגט און נאָך אַריבערגעיאָגט די ליטעראַטור, צושטעלנדיק דעם סינטעז גיכער ווי זי האָט דער־וואַרט, און נאָך אין אַ שטאַרקערער פאָרם, ווי זי האָט עס דער־וואַרט.

אין די אַכציקער יאָרן האָט עס אַ שפּראָץ געטאָן דאָ און דאָרט, אין די נײַנציקער, איז זיך פונאַנדערגעוואָקסן אַ רעוואָלו־ציאָנערע אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס מיט אומגעריכטער שנעלקייט האָט זי זיך אויסגעשפּרייט אויף די שטעט און שטעט־לעך פון תחום — עס איז אין תוך געווען אַ השכלה־באַוועגונג מיט אַ שאַרפן סאָציאַל־פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָרים די ערשטע

אַרבעט פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן איז געווען אָפּצוברעכן דעם יונגן אַרבעטער פון פרומען לעבנס־שטייגער. און דער סאָרט השכלה האָט זיך מערקווירדיק אַנגענומען: דער סטרייק קעגן גאָט איז באַלד אונטערשטיצט געוואָרן מיט אַ סטרייק קעגן בעל הבית און מיט אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער רעגירונג. ניט באַלע־באַטישע יונגע לייט, נאָר זין פון בלעכערס און שוסטערס האָבן גענומען שפּאַצירן שבת איבער די גאַסן און מחלל שבת זיין בפרהסיה — און מיט חוצפה, אָן שום שרעק, ווייל זיי האָבן גע־קאָנט געבן קלעפּ און נעמען קלעפּ. — די פרומע וועלט איז אויפגעשוידערט געוואָרן: זע נאָר וואו די אַפּיקורסות האָט זיך פאַרקליבן — אין דער שוסטער־גאַס! טאָפּלט אויפגעשוידערט געוואָרן: זיי גייען דאָך קעגן גאָט און קעגן קייזער! אָבער וואָס זאָל זי טאָן? אַז זיי זיינען אַזויפיל? גיי פיר מלחמה קעגן הונדערטער, קעגן טויזנטער! איז ניט געווען מלחמה, נאָר מלחמה־צושטאַנד צווישן עלטערן און אינגערן דור — אַ מלחמה־צושטאַנד וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּאַלק־פּראָנט.

וואָס ווייטער עס איז געשען אין דער פאַמיליע, קענען מיר שוין נאָכפאָלגן נאָך דער ליטעראַטור. די פאַמיליע האָט זיך גע־שפּאָלטן, אָבער זי איז ניט צעריסן געוואָרן. דער וואָרטשנדיקער טאַטע און דער אַנגעברוגזטער זון זיינען געבליבן לעבן אונטער איין דאַך. און די מאַמע? האָט זי ניט מיט־געוואָרטשעט מיטן טאַטן? ניין, זי האָט בלויז מיטגעליטן. דאָס האָט זי, די מסירת נפשדיקע מאַמע, זיך איינגעשטעלט און ניט דערלאָזן צו דעם ריס: זי האָט שוין איינמאָל געהאַט געצוואונגען דעם טאַטן צו אַ וואָרטשענדיקן שלום מיט איין סאָרט משכיל־מחלל שבתניק — דעם דאָקטער. דער דאָקטער היילט איר קינד — און וואָס וועט אַ אידישע מאַמע ניט מוחל זיין איינעם, וואָס ראַטעוועט איר קינדס לעבן? — צוליב פּקוח נפש מעג מען מחלל שבת זיין. האָט שוין דער דאָקטער געמעגט אויף דעם חשבון פאַרן גלאַט אַזוי אום שבת אין אַ קאַרעט מיט אַ ציגאַר אין מויל — און אפילו דער פרומער איד, זאָל זיין לפנים, האָט אים ניט אָפּגעזאָגט אין דרך ארץ.

(שפעטער צו וועלן זיך באווייזן מאַמעס, וואָס וועלן אונטער־שיקן פעקלעך דעם זון אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט זיך געגרייט אויף דאָקטער, ווי די מאַמע־אַלמנה האָט עס געטאָן צו איר זון, וואָס האָט געלערנט אין דער ישיבה).

ווען די מאַמע לאָזן ארויסטרייבן פון הויז אַ זון, אַ טאָכטער, וואָס היינט־מאָרגן קאָנען זיי חלילה אַרעסטירט ווערן, ארייגעזעצט ווערן אין געפענקעניש, אָדער פאַרשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע — און גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען, אפשר נאָך געשיקט ווערן אויף דער תליה? — איז זי געשטאַנען ווי אַ שיצנדיקער מלאך, מיט אויסגעשפרייטע פליגלען, צווישן טאַטן און זון, און געציטערט־געפלאַטערט, און געהיט, עס זאָל ניט קומען צו קיין קריגעריי צווישן זיי.

מיר האָבן אַן אויסגעצייכנטע אילוסטראַציע דערויף — אין ליד־פאָרם — פון דעם ערשט ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם פאָעט אברהם וואַלט־ליעסין. דאָס ליד — „שמחת־תורה בייטאָג“ — איז געשריבן אין 1933, אָבער באַציט באַציען עס זיך אויף די יאָרן 1894—1897, ווען דער פאָעט, נאָך אַ יונגערמאַן, איז געווען דער אָנפירער פון דער נאָר וואָס אויפגעקומענער אַרבעטער־באַוועגונג אין זיין געבורט־שטאָט מינסק.

מיר ווייסן, וואָס פאַר אַ גרויסן דינסט דער יום טוב האָט געטאָן אין דער פאַטריאַרכאַלער פאַמיליע: ער האָט געקייקלט דעם באַרג אידישע געשיכטע אין דעם אידנס האַרץ אריין. פון דעם באַרג האָט געשלאָגן אַ קוואַל, וואָס האָט אריינגעשלאָגן די מאָראַלע ענערגיע פון די דורות אין יעדן אידנס האַרץ־שלאָג. די מסירת נפש פון די אידישע גבורים, וואָס זיינען געגאַנגען אויף קידוש השם מיט דער אמונה אין גאָטס נדר אויסצולייזן דאָס פאָלק אין אַחרית הימים, — די מסירת נפש, וואָס האַלט אויף דעם אידישן קיום דורך די צייטן, האָט, דורך דעם יום־טוב, אין אידנס האַרצן אריינגעשטראָמט אין זיין בלוט אריין. און אַזוי האָט זיך אויסגעאַרבעט דער איד, דער טרעגער פון אַ היסטאָרישן גורל פון פאַרצייטן ביז אין משיחס צייטן.

און ווען דער אַלטער יום טוב צערעמאָניאַל איז צוזאַמענ־

געבראַכן ביים אידישן אַרבעטער אין רוסלאַנד, איז אָבער דער אָרט פון יום טוב נאָך געבליבן פונקציאָנירן אין זיין האַרצן, איז נאָך פריש געווען אין אים דער דראַנג צו יום־טוב. דער אידישער געשיכטלעכער שטראָם האָט זיך געשפּאַרט דורך אים — פון דעם נדר אין עבר צו דער גאולה אין עתיד. דערפאַר איז אים אַזוי לייכט געווען דער איבערגאַנג פון יום־טוב צו סטרייק, פון יום־כפור צו אַ גענעראַל־סטרייק, מיט דעם יום־טוב־מאַכער אַלס סטרייק־פירער. די לשון קודשדיקע מסירת נפש האָט זיך איבער־געזעצט אין אידיש־אַרבעטאַרישן סטרייק־ענטוזיאַזם.

3000 יאָר האָט די אידישע געשיכטע זיך געדאַרפט מיען אויסצואַרבעטן אַזאַ אידן ווי שלום עליכמס טביה דער מילכיקער. און 3000 יאָר וואָלט גענומען אויסצוואָרצלען דעם אידישן גאָט פון זיין האַרצן. ער האָט פאַר גאָט אַ גוט וואָרט און אַ קלוגן שמייכל פאַר די אַלע אומגליקן, וואָס ער שיקט אים צו מיט די טעכטער. אָבער פון אַלע זיינע לאַכעדיקע אומגליק־מעשיות וועגן די טעכטער איז די דערהויבנסטע, די יום־טובדיקסטע, די שטאָל־צעסטע — דורכגעציטערטע מיט ליבע און רעספּעקט — די מעשה וועגן זיין טאָכטער האָדל, וועלכע גייט נאָך איר פּעפּערל קיין סיביר. מיט פּעפּערל וואָלט טביה זיך קיינמאָל ניט צונויפגערעדט וועגן גאָט. אָבער ליב האָט ער אים, דרך ארץ האָט ער פאַר אים — דער אידישער דרך ארץ פאַר מסירת נפש.

אַז די מאַמעס האָבן שלום געמאַכט מיט די רעוואָלוציאָנערע זין נאָך פריער פון די טאַטעס, דאַרף מען ניט קיין סך דערציילן און קיין סך דערקלערן. אַ אידישע מאַמע וועט נאָכגיין איר זון אין קבר אריין. צוויי מאַמעס אַזעלכע באַגעגענען מיר אין שלום אַשעס „דריי שטעט". איינע אַ מאַמע פון געוויינטלעכן שניט, וועלכע דראַפּעט זיך ווי אַ חיה אויף די ווענט פון אַ פעסטונג, הינטער וועלכער איר זון ווערט געפירט צו דער תליה. און אַ צווייטע מאַמע, פון נייעם דור, וועלכע טוט אַלץ וואָס איז מוטער־לעך מעגלעך — מיט ווירדיקער איינגעהאַלטנקייט — צו ראַטעווען איר זון פון דער תליה. אָבער אַז ער איז שוין טויט, גייט זי אַליין אין רעוואָלוציע אריין: איר האַרץ, איר לעבן געהערן צום זון אין טויט ווי ביים לעבן.

אַזוי האָט די פּאַטריאַרכאַלע פאַמיליע זיך געשפּאָלטן, אָבער איז ניט צעריסן געוואָרן; די אַלטע אידישע געטרייהייטן און די פאַרוואַנדלטע נייַ אידישע געטרייהייטן האָבן געלעבט ווי איין פאַמיליע אונטער איין דאַך. ביז ס'איז געקומען די וועלט־מלחמה מיט די באַגלייטנדיקע און נאָכפאָלגנדיקע אידישע קאַטאַסטראָפעס.

אַ בלעטל פון ערשטן פּראָטאָקאָל פון דער פּאָם־פּליקער
פאַמיליע סאָסייעטי



II

דער הינטערגרונט פון דער אידישער איינוואַנדע־רונג קיין אַמעריקע

.1

די געשיכטע פון אידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע הויבט זיך אָן גלייכצייטיק מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. אַזוי אַז עס לאָזט זיך אויפזוכן און פאַרבינדן די היסטאָרישע קרובהשאַפט צווישן אונזער פאַמיליען קרייז מיט די גאָר ערשטע אידישע אימיגראַנטן פון שפּאַניע, וואָס האָבן אינאיינעם מיט קאָ־לאָמבוסן באטראָטן די אַמעריקאַנער ערד. און מעג אַזאַ שייכות פון אויבן אויף אויסזען אויסטערליש — איז אַזאַ שייכות דאָך פאַראַן. שוין אָפּגעזען דערפון, וואָס אין די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק וויכטיקע היסטאָרישע פאָרשונגען, ווערן אַלץ מער באגרינדעט די ביז איצטיקע השערות וועגן קאָלאָמבוסעס אידישקייט: מיר ווייסן שוין איצט, אַז אַ חוץ קאָלאָמבוסן זיינען געווען אויך אַנדערע אידן אויף דערזעלבער שיף, וואָס האָבן אינאיינעם מיט קאָלאָמ־בוסן — די ערשטע באטראָטן די ערד פון דעם ניי־אַנטדעקטן לאַנד.

עס איז אונז גוט באַקאַנט די וויכטיקע ראָל וואָס אידן האָבן געשפּילט אין יענער צייט אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. און נאָך מער — אַפילו אין פּלאַנירן און פינאַנ־סירן קאָלאָמבוסעס עקספּעדיציע, אין 1492, ווייזט זיך ארויס, האָבן אידן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל.

אָבער אין דער זעלבער צייט ווילן מיר דאָ פעסטשטעלן, אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן די מאָטיוון פון עמיגראַציע (אויס־וואַנדערונג) פון די מאָטיוון פון אימיגראַציע (איינוואַנדערונג), ווייל אין גרונט גענומען איז דאָס איין פּראָבלעם. דורך די פאַר־שיידנערליי הויפּט־מאָמענטן פון אידישער מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע, איז דער הויפּט־פאַקטאָר אַלעמאָל געווען דער זעלבער: די אַלגעמיינע נויט, די עקאָנאָמישע הינטערשטעליקייט אין די

לענדער פון וועלכע מע האט עמיגרירט, און די פּאליטישע און רעליגיעזע אויסנאם־געזעצן און רדיפות אויף אידן, וואס זיינען סאי־ווי־סאי געגאנגען און גייען אויך איצט אלעמאל האנט אין האנט.

די ערשטע אידישע אימיגראנטן קיין אמעריקע זיינען געווען מאראנען (באהאלטענע אידן־קריסטן), מיט־געוואלד־גע׳שמד׳טע אויס מורא פאר דער אינקוויזיציע.

דער בארימטער היסטאריקער, ש. דובנאוו, דערציילט אין זיין „אידישע געשיכטע״, אז די פּאגראמען אויף אידן אין שפּאניע אין יאר 1391 האבן איבערגעלאזט נאך זיך טיפע שפּורן אין דעם לעבן פון די שפּאנישע אידן.

„זייער גרויס״, דערציילט דובנאוו, „איז געווען די צאל פון די יעניקע, וועלכע האבן אין דעם שרעקלעכן יאר, אונטער דער מורא פארן טויט, אנגענומען דאס קריסטנטום״. דובנאוו גיט אויך איבער אז „אין 1481, דעם 6טן יאנואר, איז ביי פייערלעכע, קירכלעכע צערעמאניעס פארגעקומען דער ערשטער אויטא־דע־פע אין סעוויל. זעקס מאראנען (אנוסים) זיינען פארברענט געווארן. אלס גרויס־אינקוויזיטאר אין שפּאניע איז באשטימט געווארן דעם קעניגס גלח טאמאס טארקוועמאדא, א ווילדע חיה אין מענטשן־געשטאלט״.

עס איז באקאנט, אז קאלאמבוס איז געווען באפריינדעט מיט דעם בארימטן שפּאניש־אידישן אסטראנאם פון 15טן יארהונדערט, אברהם זאקוטא, מיט וועמעס אסטראנאמישע טאוולען קאלאמבוס האט זיך באנוצט אויף זיין רייזע. מיר ווייסן אויך, אז דער דעמאלסטדיקער בארימטער אידישער געלערנטער און בעל־יועץ פון שפּאניש־קעניגלעכן הויף, דן יצחק אבארבאנעל, האט באווירקט די קעניגן איזאבעלע זי זאל זיך פאראינטערעסירן מיט קאלאמבוסעס רייזע־פּלאן.

עס איז אויך באוואוסט אז מיט קאלאמבוסן זיינען געווען צוויי אידישע מיטפארער: איינער, לואיס דע טארעס, איז געווען זיין איבערזעצער אויף דער שיף, און דער צווייטער, ראדריגא דע טריאנא, זאל האבן דער ערשטער דערזען לאנד.ביידע זיינען

געוועזן מאַראַנען, וואָס זיינען פאַר דער דרויסנדיקער וועלט געוועזן קריסטן, און באַהאַלטענערהייט געלעבט ווי אידן און אָפּגעהיט אַלע כללים פון דער אידישער אמונה.

איינצייטיק מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע אין 1492 קומט אויך פאַר דער גירוש שפּאַניע. און מיט 5 יאָר שפּעטער, אין 1497, טרייבט מען ארויס די אידן פון פּאָרטוגאַל פּונקט ווי פון שפּאַניע. די שיפן וועלכע האָבן אָפּגעפירט די רואיגירטע און פאַרצווייפלטע אידן פון דעם לאַנד וואָס זיי האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און וואו זיי זיינען געווען איינגעוואָרצלט, האָבן פּילייכט זיך שווין באַגעגנט אויף זייערע וואַנדער־וועגן מיט קאָ־לאָמבוסעס עקספּעדיציע, ווען עס איז באַשערט געווען צו עפענען אַ נייע וועלט מיט נייע, גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אַלערליי אונטערדריקטע און באַליידיקטע.

די וואָגלענדיקע אידן און די געיאָגטע מאַראַנען האָבן זיך געצויגן טיילוויז קיין טערקיי, קיין ארץ ישראל. די פרייערע האָלאַנד האָט אויפגענומען אַ סך פון זיי, און אין אַמסטערדאַם איז שפּעטער אויפגעקומען אַ גרויסע אידישע קהלה. אַ סך האָבן געצויגן קיין דרום־אַמעריקע, אויסטראַליע און בראַזיליע. שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און די פּאַפּסטלעכע פּראָווינצן זיינען דעמאָלט נישט געווען די איינציקע לענדער וואָס האָבן ארויסגעטריבן זייערע אידן. די דייטשע פּראָווינצן, וויען, פראַנקפורט און האַמבורג, האָבן נישט געלאָזט די אידן רואיק איינזיצן. דערצו האָבן אויך אין די שפּעטערע יאָרן ארומגעוואָגלט פון לאַנד צו לאַנד די אַנט־לאָפענע אידן פון די כמעלניצקי־שחיטות אין פּוילן און אין אוקראַינע.

אין אַלגעמיין ווערט די אידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע איינגעטיילט אין 3 פּעריאָדן:

1. די שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1492, איינצייטיק מיט דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

2. די דייטשישע, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1815, נאָך נאַפּאָלעאָנס נידערלאַגע. עס האָבן אויך עמיגרירט אידן פון עסטרייך־אונגאַרן און פון רוס־פּוילן. אָבער באַזונדערס שטאַרק

אין די עמיגראַציע פון דייטשלאַנד געוואַקסן דורך דער צייט פון קייזער ווילהעלם דעם ערשטן, און זיין קאַנצלער, דעם פאַרביסע־נעם רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט — ביסמאַרק.

3. דער אָנהויב פון דער דריטער, אָדער רוסישער פעריאָדע פון אידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע, וואָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אונדזער פאַמיליען־קרייז, רעכנט זיך פון דעם יאָר 1881.

שפּעטער, ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, צוליב די אויפ־שטאַנדן פון די פויערים אין רומעניע, פאַנגען זיך דאָרטן אָן רדיפות אויף די אידן, וועלכע זיינען געצוואונגען מאַסנווייז צו עמיגרירן קיין אַמעריקע.

היינט צו טאָג איז אַמעריקע דער גרעסטער אידישער קיבוץ אין דער וועלט. לויט די לעצטע סטאַטיסטישע טאַבעלעס ציילט דאָ די אידישע באַפעלקערונג פיר און אַ האַלב מיליאָן מענטשן. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז טראָץ אַלע רדיפות און שווערע ליידן, וואָס די אידן האָבן זיך געהאַט אויסצושטיין אין מערסטע לענ־דער, איז דאָך דער פּראָצעס פון זייער איבערוואַנדערן קיין אַמע־ריקע, אין דעם לאַנד וואָס האָט זיי געגעבן אַלערליי עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן און רעליגיעזע פרייהייטן, צוגעגאַנגען הונדערטער יאָרן מיט לאַנגזאַמקייט און שפּעטער מיט פּלוצלומדיקן אויפשטייג. נאָר דער פּלוצלומדיקער וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג איז נישט געווען קיין ספּעציעלע אידישע דער־שיינונג. דאָס איז געווען בלויז אַ טייל פון דעם ריזיקן וואוקס פון דער אַלגעמיינער אימיגראַציע קיין אַמעריקע.

דר. א. צ. ענגעלמאַן *) גיט אָן, אַז: „דער צאָלרייכער אידישער ישוב אין אַמעריקע איז ווייניקער ווי 50 יאָר אַלט. אין 1840 זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען ניט מער ווי ארום 15 טויזנט אידן. און אַפילו אין 1890 — אַ קנאַפּער

"A Study of Size of Families In The Jewish Population of Buffalo," by U. Z. Engelman, Ph.D., University of Buffalo Studies, Vol. XVI., 1938.

האַלב־הונדערט יאָר צוריק — האָט די אידישע באַפעלקערונג ניט דערגרייכט נאָך קיין מיליאָן״.

און וועגן דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג דער־ציילט ער, אַז „אין 1650 האָט דער גאַנצער אַמעריקאַנער ישוב, ניט אריינרעכענענדיק די אינדיאַנער, געציילט בלויז 52 טויזנט מענטשן, אָבער אין די אַנדערהאַלבן הונדערט יאָר וועלכע זיינען פאַראיבער נאָכדעם ווי אַמעריקע איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, איז דער אַמעריקאַנער ישוב אויסגעוואַקסן צו העכער אַ 125 מיליאָן מענטשן״.

.2

דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד האָט געטליעט און פאַר־שפּרייט זיך אינאיינעם מיט דער וואַקסנדיקער רוסישער רעאַקציע. אָבער נאָך דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2טן, ברעכן שוין אויס עפּנטלעכע, ברוטאַלע אָנפאַלן און איבערפאַלן אויף אידן — וועלכע זיינען אַלעמאָל די ערשטע קרבנות און דער שעיר לעזאזל פון דער וואַקסנדיקער רעאַקציע אין אַ לאַנד.

דער ערשטער עפנטלעכער אָנפאַל אויף דער אידישער באַ־פעלקערונג אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אין יעליסאַוועטגראַד, דעם 21טן אַפּריל, 1881. אַ צווייטער אָנפאַל אויף אידן איז פאָרגעקומען דעם 8טן מאַי פון דעמזעלבן יאָר, אין קיעוו. און באַלד האָבן זיך די עקסצעסן פאַרשפּרייט איבער פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. אַלס רעזולטאַט פון די פּאָגראָמען אויף אידן האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט די באַוואוסטע נאַציאָנאַל־אידעאַליסטישע גרופּע „עם־עולם״, וואָס איז אָפּגעפאָרן קיין אַמע־ריקע מיט פאַרשיידנערליי קאָלאָניזאַציע־פּלענער. ווי אַן אילוס־טראַציע פאַר יענעם פּעריאָד וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר ציטאַטן פון בוך „אַמאָל אין אַמעריקע — זכרונות פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן 1883—1909״, פאַרצייכנט פון י. קאָפּעלאָוו, וועלכער האָט אַליין דורכגעמאַכט יענעם פּעריאָד: „אויפן וועג קיין ווערזשבאַלאָווע האָבן מיר באַגעגנט אַ גרויסע מאַסע אידישע אימיגראַנטן פון אַלע געגנטן פון רוסלאַנד און פון

פוילן, ליטע און אוקראַינע. עס זיינען אויך געפאָרן גאַנצע פאַר־טייען פון עם־עולם. די באַנען און די וואָקזאַלן זיינען געווען פול געפּאַקט מיט אידן".

ער שילדערט ווי עס האָבן אויסגעזען די אַכסניה'ס פאַר די וואָגלענדיקע עמיגראַנטן: „געזונטע און קראַנקע האָבן זיך צוזאַ־מען געוואַלגערט, ווי בהמות אויף דער נאַקעטער ערד: פון דעם טומל און דעם געשריי האָט מען געקאָנט טויב ווערן. קראַנקע האָבן געקרעכצט און קינדערלעך האָבן געוויינט. דאָ זיצט אַן אַלטער איד און גיסט טייכן טרערן איבערן תהילים, און לעבן אים שטייט אַן אָנגעפּרעסענער קצב־יונג און זינגט עפּעס אַ טעאַטער־לידל! דאָ זיצט אַ מאַמע און ברעכט די הענט, וואָס איר בת־יחידקע איז גאָר פאַרביי, און דערביי שטייט אַ פריילעכע מויד, לאַכט, כאַכאַטשעט און שפּילט זיך עפּעס מיט אַ בחור".

און נאָך דעם קומט קאַפּעלאָוס שילדערונג פון די עמיגראַנטן אויף דער שיף: „נישט ווייט פון מיר זיצט אַ גאַנצע משפּחה, קענטיק חשוב'ע באַלעבאַטים פון דער היים — פּאָגראָם־קרבנות. קיין פרייע מינע זעט זיך נישט אויף קיינעם פון זיי. דער טאַטע זיפצט טיף און ביטער. די מאַמע וויינט און גיסט טרערן. אַ טאָכטער, שוין אַ כלה־מיידל, קרימט אַלע ווילע איר פאַראומערט פנים, ווי זי וואָלט געטרונקען עסיק. לעבן דער פאַמיליע זיצט אַ מלמד'ל פון ליטע מיט זיין ווייב און צוויי קינדערלעך... אַסך פון די רייזנדע זיינען אָפּטימיסטן. די פּעסימיסטן זיינען ס'רוב געווען עלטערע מענטשן".

און די פרייד ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צום ברעג פון דעם נייעם, „צוגעזאָגטן" לאַנד, ווערט געשילדערט אין קאַ־פּעלאָוס מעמואַרן אויף אַזאַ אופן: „אויפן פערצנטן טאָג האָבן מיר דערזען לאַנד! אַ יובל־געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג האָט זיך ארויסגעריסן פון די פאַרשמאַכטע הערצער. יונג און אַלט, מענער, פרויען, קינדער, אויסגעפּוצט אין דעם שענסטן און בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זיינען צעפלאַמטע, מיט יום־טובדיקע, שמחה־שטראַלנדיקע פּנימער געשטאַנען אויפן דעק און געהיט יעדן רוק פון דער שיף ווי זי קומט אַלץ נענטער און

נענטער צו דעם נייעם לאַנד, צו דעם נייעם לעבן און צו דעם נייעם מזל״.

דאָ איז אין פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פאַל פון דער באַוואוסטער אידיש־אַמעריקאַנער דיכטערן און קולטור טוערן, עמאַ לאַזאַרוס, כדי צו באַגרייפן ווי די רוסישע רציחות האָבן געווירקט אויף דעם געמיט פון אַ סענסיטיווער נשמה.

עמאַ לאַזאַרוס האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער אידיש־פּאָר־טוגעזישער פאַמיליע, און איז ווייניק וואָס, אָדער כמעט גאָרנישט, געווען פאַראינטערעסירט אין אידישע פּראָבלעמען, ביז די רוסישע פּאָגראָמען אויף אידן האָבן אין די יאָרן 1881—82, אין איר אויפגעוועקט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. אין 1881 דעביוטירט זי אין דעם וויכטיקן אַמעריקאַנער זשורנאַל „די סענטשורי״ מיט אַ פלאַמענדיקן אַרטיקל, פאַרדאַמענדיק די אוממענטשלעכע, רוסישע ברוטאַליטעטן. און שפּעטער באַנוגנט זי זיך נישט בלויז מיט אירע לידער און אַרטיקלען, אין וועלכע זי צאָרנט קעגן די אַלע אומגערעכטיקייטן. זי הויבט אויך אָן צו אָרגאַניזירן פּראַקטישע הילף פאַר די אומגליקלעכע, וואָס ראַטעווען זיך קוים מיט זייערע לעבנס און קומען אָן עלנטע און הילפלאָזע צו די אַמעריקאַנער ברעגן.

זי הויבט ביסלעכווייז אָן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין אידיש־אַמעריקאַנעם לעבן, און איז באַזונדערס באַרימט אַ דאַנק דעם פערז פון איר ליד „דער נייער קאָלאָסוס״, וואָס איז אויס־געקריצט אויף דער „סטאַטוע פון פרייהייט״, און וואָס מיר ברענגען דאָ אין אָריגינאַל:

“Give me your tired, your poor,
Your huddled masses yearning to breathe free,
The wretched refuse of your teeming shore.
Send these, the homeless, tempest-tost to me,
I lift my lamp beside the golden door!
—*Emma Lazarus, “The New Colossus”*

דאָס איז אַ גוטע אילוסטראַציע וועגן דער אַלגעמיינער פּאָ־זיטיווער באַציאונג וואָס האָט דעמאָלט געהערשט ביים בעסערן אַמעריקאַנער עולם צום אימיגראַנט.

.3

דער אַלגעמיינער מצב אין רוסלאַנד איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. די הערשאַפט פון די ראָמאַנאָווס האָט אַלץ מער און מערער אונטערדריקט און שווער באשטראָפט פאַר יעדער פריי־הייטלעכער מיינונג. אין לאַנד האָט געהערשט אַ שווערע און דריקנדיקע שטימונג, און צווישן די בעסטע קינדער פון רוסישן פאָלק איז געוואַקסן די בושה און דער אָנגעזאַמלטער פּראָטעסט — וואָס האָט אויך אַ געהיימען אופן — געפונען זיין אויסדרוק אין דער וואַקסנדיקער ליבעראַלער און רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. עס זיינען אויפגעקומען פאַרשיידענע פּאָליטישע ריכטונגען און פּאַרטייען. נאָר וואָס מערער די ליבעראַלע און רעוואָלוציאָנערע באוועגונג איז געוואַקסן אין רוסלאַנד, וואָס שאַרפער דער קאַמף איז געוואָרן, אַלץ ביטערער און ברוטאַלער זיינען געוואָרן די פאַרפאָלגונגען קעגן אידן מצד דער צאַרישער מלוכה.

דער רוסישער אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע האָט דעמאָלט געוואָלט לעשן מיט אידיש בלוט די טליענדיקע אומצופרידנקייט פון אַן אויסגעמאַטערט פאָלק. אין 1903, אין חודש אַפּריל, איז סיסטעמאַטיש צוגעגרייט געוואָרן מיט דער הילף פון דער צאַריס־טישער רעגירונג דער בארימטער קעשענעווער פּאָגראָם, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע 3 טעג צייט. הונדערטער אידישע מענער, פרויען און הילפלאָזע קינדער זיינען געשענדט און דערמאָרדעט געוואָרן. אידיש האָב־און־גוטס איז מיט הפקר געראַבעט און גע־פלינדערט געוואָרן. די גרויסע פאַרשטייער פון דער אמתער רוסישער אינטעליגענץ קאָראָלענקאָ, טאָלסטאָי, גאָרקי, קופּרין, אַנדרייעוו און צענדליקע אַנדערע האָבן געלאָזט הערן זייער קול פון פּראָטעסט.

פון דער זייט ים האָט אויך די אַמעריקאַנער פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע מיינונג אויפגעציטערט פון די האַרץ־רייסנדיקע ידיעות וועגן דער אומגליקלעכער לאַגע פון די אומבאַשיצטע און הילפלאָזע אידן אין רוסלאַנד.

דער גרויסער שטראָם פון אידישער אימיגראַציע קיין אַמע־

ריקע האט שוין דורך די יארן געשלאגן דא טיפע ווארצלען. די אימיגראנטן האבן זיך ביסלעכווייז אמעריקאניזירט, שווער געאר־בעט און שוין געהאט ארגאניזירט א צאל גרויסע אידישע יוניאנס, פראטערנאלע ארגאניזאציעס, וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, שולן, לאדזשעס, לאנדסמאנשאפטן, שפיטאלן א. א. וו. א בולט'ער כאראקטער־שטריך פון דער אידישער ווי פון דער אלגעמיינער אימיגראציע קיין אמעריקע איז דאס, וואס אין מערסטע פאלן זיינען צום ערשטן אריבערגעקומען אהער די דערוואקסענע, די ארבעטס־פייאיקע מיטגלידער פון דער משפחה. געוויינלעך איז דאס געווען דער טאטע, דער עלטערער זון, די עלטסטע טאכטער, וואס האבן געלאזן אין דער אלטער היים ארימע און אומבאהאלפענע אייגענע, ביז וואנען זיי האבן זיי שפעטער אריבערגענומען צו זיך.

אין זיין בוך „50 יאר קלאוקמאכער יוניאן, 1886—1936" שרייבט דר. ב. האפמאן (צביון) וועגן יענער פעריאדע:

„די אימיגראנטן האבן גלייך ווי זיי זיינען געקומען אהער געמוזט אנהויבן פארדינען אויף דער הוצאה, זיינען געווארן קלאוק־אפערייטארס — געוועזענע ישיבה־בחורים; פריקאזשטשיקעס — פארזיכערונג־אגענטן; האלבע אינטעליגענטן — אידישע לערער; בוכהאלטערס, באלעבאטישע אידעמס — קרעמער, הענדלער.

„און דער שניידער וואס אין דער היים איז ער געווען א שניידערוק, איז דא געווארן א גאנצער יחסן. ער האט פארנומען אן ארט אויבנאן אינם פראצעס פון אידישן עקאנאמישן צופאסן זיך צום נייעם לאנד. און נישט נאר דאס אליין. דער שניידער איז געווארן דער העלד פון דער אמעריקאנער קאמפס־פאעזיע. ער איז געווארן דער פיאנער פון דער פראפעסיאנעלער און פאליטישער ארבעטער־באוועגונג ביי אידן".

אינטערעסאנט איז דער פאקט, וואס אויב א טייל פון דער אידישער מאסן־עמיגראציע פון רוסלאנד קיין אמעריקע איז באשטאנען פון ליבעראלן און רעוואלוציאנערן, וואס האבן דא פארגעזעצט זייער טעטיגקייט, און אין זייער טראדיציע געהאלפן אויפבויען א גרויסע אידישע ארבעטער־באוועגונג, — איז די רעליגיעזע טראדיציע ביי אן אנדער טייל פון אידישן פאלק אויך נישט

אפגעשטאנען. און דא ווי אין דער אלטער היים האט דער טייל אידן ווייטער געצויגן דעם רעליגיעזן פאדעם, און די דורות־אלטע אידישע טראדיציע.

אב. קאהאן, דער רעדאקטאר פון „פארווערטס", דערציילט וועגן דעם אין זיינע „בלעטער פון מיין לעבן", אז „זינט די פאָ־גראמען — זיינען די אידישע קהלות דא געוואקסן. עס האבן זיך גענומען באווייזן גרעסערע און שענערע שולן. מע האט אנ־געהויבן אריבערברענגען דאס בעסטע וואס די אלטע היים האט פארמאגט".

דער גרויסער קעשענעווער פאגראם האט די אלערליי עלע־מענטן געטראפן ווי א דונער. זיי האבן באלד אפגעענטפערט מיט גרויסע דעמאנסטראציעס, מיט גרויסע מאסן־פארזאמלונגען מיט פאסט־טעג און אויף פארשיידענע אנדערע אופנים אויסגעדריקט זייער פראטעסט און צארן קעגן דעם צארישן רעזשים.

דער אמעריקאנער קאנגרעס און סענאט, אונטער דער פירער־שאפט פון דעמאלסטיקן פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, טעאדאר רוזוועלט, האט איינשטימיק אנגענומען א פראטעסט־רעזאלוציע קעגן די רוסישע פאגראמען. און די אמעריקאנער רעגירונג האט דעמאלט אפיציעל אפגעבראכן אירע געשעפטלעכע פארבינדונגען מיט דעם צארישן רעזשים.

די רוסישע רעאקציע איז געוואקסן, און ספאראדישע אנפאלן און איבערפאלן זיינען געווארן א נאטירלעכער טייל פון דער שווארצער און גיפטיקער פאליטיק וואס די צארישע רעגירונג האט אנגעפירט.

עס איז געווען נאטירלעך אז די אידישע אימיגראציע קיין אמעריקע זאל אדאנק די אוממענשלעכע באדינגונגען, זיך שטארק צעוואקסן.

און שפעטער — נאך דער רוסישער נידערלאגע אין דער רוסיש־יאפאנעזישער מלחמה, איז די אלגעמיינע רעאקציע און דער אנטיסעמיטיזם נאך חוצפהדיקער געווארן. נאכן דורכפאל פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע אין 1905 ברעכן ווידעראמאל אויס א סעריע פאגראמען. דאס מאל קומט פאר אין ביאליסטאק,

פון וועלכער עס שטאַמען כמעט אַלע מיטגלידער פון אונזער פאַמיליען־קרייז, איינער פון די גרעסטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. דאָס האָט געווירקט, אַז די מערסטע מיטגלידער פון דעם פאַמיליען־קרייז, וועגן וועלכן מיר שרייבן אונדזער בוך, זאָלן, האַק־און־פּאַק, אַוועקלאָזן זיך מיטן וואַנדערשטראָם קיין אַמעריקע.

די שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס באַלאַנגט פון נאָך דער וועלט־מלחמה אָן צו פּוילן, איז געווען פאַררעכנט פאַר אַן אינדוסטריעלן צענטער פון טוך־וועבערייען. פון אַ שטודיע וואָס הייסט: „סטאַטיסטיק פון דער באַוועגונג פון דער אידישער באַפעלקערונג אין ביאַליסטאָק פאַר 10 יאָר: 19—18—1909", דורכגעפירט פון ה. פראַנק און ש. בלאַנקשטיין און ארויסגעגעבן דורך דער קהלה פאַרוואַלטונג אין ביאַליסטאָק אין 1920" דערוויסן מיר זיך, אַז „אין די ערשטע 5 יאָר 1909—1914 האָט ביאַליסטאָק געהאַט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון קרוב 100 טויזנט נפשות און אַן ערך פון 70 טויזנט אידן". דאָס באַווייזט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אינדוסטריעלן און קאָמפּאַקטן אידישן צענטער לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער דעמאָלסטדיקער רוסלאַנד.

וועגן פּאָגראָם דערציילט פּראָפעסאָר מ. קראַל (אין „צוקונפט" אַפּריל, 1939), אין זיין אַרבעט: „דער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, די גאָסודאַרסטווענע דומע און דער צאַרישער פּאָליציי דעפּאַרטמענט":

„דעם ערשטן יוני האָט זיך צעפלאַקערט אין ביאַליסטאָק אַ שווידערהאַפטער פּאָגראָם, וועלכער האָט געמאַכט אין פּעטערבורג אַ דערשיטערנדן איינדרוק. די אָפיציעלע טעלעגראַפן־אַגענטור האָט מיטגעטיילט, אַז דעם פּאָגראָם האָבן ארויסגערופן די אידן אַליין: אידישע טעראָריסטן זיינען באַגאַנגען אַן אומדערהערטן פאַרברעכן. זיי האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אין אַ רעליגיעזער פּראָצעסיע! נאַטירלעך, איז געזאָגט אין דער זעלבער טעלעגראַמע, אַז דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגערעכנט ווי עס באַדאַרף צו זיין מיט די אידן. דער פּאָגראָם האָט געבושעוועט עטלעכע טעג און אויף דעם דריטן טאָג איז אָנגעקומען אַ נייע טעלעגראַמע, אַז די ידיעה וועגן דער באָמבע איז געשיקט געוואָרן על פי טעות. קיין באָמבע

האט קיינער ניט געווארפן. דערווייל האבן גראמילעס, מיט דער הילף פון דער פאליציי און סאלדאטן חרוב געמאכט א גאנצע שטאט. לויט די ידיעות וואס אונדזער צענטראל־קאמיטעט האט באקומען, איז דער ביאליסטאקער פאגראם געווען איינער פון די שרעקלעכסטע זינט די פאגראמען פון די אכציקער יארן. ער האט פיל איבערגעשטיגן", שרייבט פראפעסאר קראל, „סאי אין רציחה און סאי אין אוממענטשלעכער ווילדקייט אפילו דעם קעשענעווער פאגראם".

ער דערציילט אויך, אז א חוץ אים האט א געזעלשאפטלעכע קאמיסיע מיט דעם באוואוסטן אידישן שריפטשטעלער ש. אנסקי אנגעפירט אן אונטערזוכונג. און פראפעסאר קראל גיט איבער אז נאך דער אונטערזוכונג איז פעסטגעשטעלט געווארן אז: „דער פאגראם איז ארגאניזירט און צוגעגרייט געווארן גאר קאלטבלוטיק. דעם פלאן ווי אזוי אויסצוהרגענען די ביאליסטאקער אידן האבן אויסגעארבעט דער פריסטאוו שערעמעטיעוו און א פאר אפיצערן, איין גענעראל און דריי פאלקאווניקעס. אין די פאליציי־הייזער און אין די קאזארמעס האט מען אפן געגעבן אינסטרוקציעס ווי אזוי מען דארף הרגענען אידן און פארניכטן זייער האב־און־גוטס".

„מע האט געהרגעט אלטע אידן, פרויען און אפילו קליינינקע קינדער וועלכע האבן נאך געזויגן די מוטערס ברוסט. מע האט קיינעם ניט געזשאלעוועט. די סך־הכלען פון דער שחיטה אין ביאליסטאק זיינען געווען: איבער הונדערט הרוגים, עטלעכע הונדערט פארוואונדעטע, טויזנטער רואינירטע פאמיליעס".

מיר האבן זיך דא אפגעשטעלט באריכות אויף פראפעסאר קראלס שילדערונג, ווייל דאס וועט אונדז העלפן אסך צו פאר־שטיין די אינדיווידועלע פאלן, און די פראבלעמען פון מערסטע מיטגלידער פון אונדזער פאמיליען קרייז; מיר וועלן בעסער קאנען באגרייפן די ראל וואס דער פאגראם האט געשפילט אין אקטיוויזירן זייער אויסוואנדערן קיין אמעריקע, אדער ווי איינער פון די מיטגלידער האט יענעם פעריאד געלונגען אנגערופן: „יציאת ביאליסטאק".

III

דער אידישער פאַמיליע־קרייז — זיין אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן

אפן ערשטן בליק קאָן זיך אויסווייזן אַז אַזאַ אינסטיטוציע ווי אַ פאַמיליע־קרייז געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. עס קומט אפן געדאַנק דער אַלט־מאָדישער אַמעריקאַנער טעאַטער־בנין, וואו עס געפינט זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג די באַלקאָן־טייל וואָס רופט זיך (אין אַזאַ אַנגעזעענעם פּלאַץ ווי די מעטראָפּאַליטן אָפּערא הויז אין ניו יאָרק) — דער פאַמיליע־קרייז (פעמילי סוירקל).

אין טעאַטער לעקסיקאָן פאַרשווינדט טאַקע דער פאַמיליע־קרייז, אין אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַנטוויקלט ער זיך ערשט.

וויפל אידישע פאַמיליע־קרייזן און פאַריינען געפינען זיך אין ניו יאָרק? ווען האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן? ווי גרויס איז זייער מיטגלידערשאַפט און וואָס איז זייער איינפלוס אפן אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן? — אָט די און פיל ענלעכע פראַגעס שווימען ארויף גלייך ווען מע גיט אַ טראַכט וועגן זיי, נאָר דערווייל איז פאַקטיש ניט מעגלעך צו געבן אַ באַשטימטן און באַגרינדעטן ענטפער. מיר גלויבן, אַז אונדזער בוך איז דאָס ערשטע פון דעם מין אין אידיש און מיר מוזן צוגעבן, אַז עס איז אונדז ניט געלונגען גענוי אויסצופאָרשן די אַלע פאַזן, וואָס זיינען נויטיק צו דערגרונטעוען זיך צום שורש פון דער אייגנאַרטיקער אינסטיטוציע אין אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן דאָ אין לאַנד.

ווי אַזוי קאָנען מיר וויסן אַז די פאַמיליע קרייזן אַנטוויקלען זיך ערשט? אף דעם לאָזן זיך געבן פאָלגנדיקע ענטפערס:

1. דער פונדאַמענט פון יעדן עלטערן פאַמיליע קרייז איז — קרקע. ווען מע קוקט איבער די לוחות, וואָס די אידישע סעמעטעריס דרוקן אָפּ, וואו עס געפינען זיך די נעמען פון אַלע קליענטן וואָס האָבן בא זיי קרקע, דערזעט מען, אַז וואָס עלטער די סעמעטערי איז, אַלץ ווינציקער באַגעגענען מיר אין צעטל די נעמען פון פאַמיליע קרייזן. אַזוי האָבן מיר אין אַ צעטל פון 43 נעמען פון סאָסייעטיס, חברות און איינציקע פאַמיליע פלאַטס אינגאַנצן

געפונען די נעמען פון 1 פאַמיליע־קרייז אָדער פאַמיליע־סאָסייעטי. דערפאַר אָבער האָבן מיר אין אַ צעטל פון דער נייער סעמעטערי פון דערזעלבער קאָמפּאַני איבערגעציילט 3 פאַמיליע־קרייזן פון אַ סך הכל פון 40 פאַרסלס.

2. אונדזער שרייבער גרופּע האָט באַקומען אינפאָרמאַציע פון 112 פאַמיליע־קרייזן (נאָך 54 האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן וועלכע ס'איז אינפאָרמאַציע). לויט די יאָרן פון זייער גרינדן זיך טיילן זיי זיך איין ווי פאָלגט:

פון 1909 ביז 1919 — 9 פאַמיליע קרייזן
פון 1919 ביז 1929 — 26 „ „
פון 1919 ביז 1938 — 77 „ „

3. דער דראַנג פון די עלטערן צו וועלן אָנהאַלטן די משפחה־פאַרבינדונגען מיט זייערע אייגענע קינדער; די עלנטקייט וואָס אַ סך משפחות דערפילן אין זייערע היימען אין פאַרלויף פון יאָרן און די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די לעצטע יאָרן איבער דער וועלט, — דאָס זיינען, גלויבן מיר, די הויפּט־כחות וואָס שטויסן צו דער אַנטוויקלונג פון פאַמיליע־קרייזן.

ווען מע דרינגט אריין טיפער אין דעם לעבן פון די קרייזן, געפינט מען אויס נאָך סיבות פאַר זייער איצטיקער אַנטוויקלונג און פאַרמערונג. אַזוי, למשל, איז אַ פאַקט, אַז די מיטגלידער־שאַפט באַשטייט פון מער ווי אַ העלפט אַמעריקאַנער געבאָרענע אָדער דאָ דערצויגענע. געגרינדעט זיינען די קרייזן טאַקע גע־וואָרן פון היימישן דור, פון די וואָס זיינען איצט אין זייערע אָנהייב 50 יאָרן, נאָר דער הויפּט־ציל זייערער איז געווען — צוציען די קינדער, איבערהויפּט די פאַרהייראַטע.

לויט זייער עקאָנאָמישן שטאַנד זיינען די מערסטע פאַמיליע־קרייזן דער פּראָדוקט פון מיטלקלאַס. עס באַלאַנגען טאַקע אַר־בעטער אויך, נאָר די גרינדער זייערע זיינען אין מערסטע פאַלן — געשעפטלייט און פּראָפעסיאָנאַלן. דער אַרבעטער קאָן זיך לייכט באַגיין אָן דעם קרייז. ער לעבט זיך געזעלשאַפטלעך אויס אויף אַנדערע אופנים — אין זיין יוניאָן, פּראָטערנאַלער אָרגאַניזאַציע, זיין פאַריין, זיין פּאָליטישער און קולטורעלער טעטיקייט. דער

פאַמיליע־קרייז קאָן אים ווינציק צונוץ קומען אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף. אין אויסנאַם־פאַלן פון נויט קאָן דער פאַמיליע־קרייז זיין אַ הילף. ווי אַ כלל אָבער איז דער פאַמיליע־קרייז פאַרן אַרבע־טער־מיטגליד בלויז אַ בייזאַך, אין בעסטן פאַל, אַ בית מקלט פון זיינע וואָכעדיקע זאָרג.

אַנדערש איז דער פאַל מיטן מיטלקלאַס מיטגליד. אין פאַ־מיליע־קרייז לעבט ער זיך אויס געזעלשאַפטלעך. דאָרט זעט ער זיך אָן. ער שפּילט אַ פירנדיקע ראָל. מע ווייזט אָן אַף אים ווי אַף אַ בכבודיקן מיטגליד פון דער פאַמיליע. ער געפינט זיך אין זיין ספערע. די פירונגען פון קרייז זיינען אים צום האַרצן. דער געפיל פון פּריוואַט־אייגנטום געפינט זיין אויסדרוק אין פאַמיליע־קרייז אַף פאַרשיידענע אופנים. ערשטנס — קרקע. מע וועט ליגן בלויז צווישן אייגענע. צווייטנס — דער באַגריף פון מאַטעריעלע אויסגאַבעס און איינגאַמעס. אויך דאָס בלייבט צווישן אייגענע. אַנשטאָט אַליין צו שטיצן אַן אָרעמען קרוב, שטיצט אים דער גאַנצער קרייז. אַנשטאָט צו העלפן אומבאַקאַנטע דרויסנ־דיקע, ווי עס פירט זיך אין סאָסייעטיס, העלפט מען דאָ די אייגענע. פּראָפיטן בלייבן אין דער אייגענער קאַסע, גענוצט צו ווערן פאַר די אייגענע מיטגלידער. דער רעזולטאַט איז — פאַרטיס, פּרע־זענטן, פאַרוויילונגען לויטן אייגענעם געשמאַק.

אויסער דעם באַווייזן פאַקטן, אַז די מער פאַרמעגלעכע פון קרייז שטרעקן אויס אַ העלפנדיקע האַנט צו די מיטגלידער פון קרייז. אַ סך מיטגלידער, ווייזן די פאַקטן, פירן דעמזעלבן מין געשעפט. איז איינער געוווען דערפאָלגרייך אין די גאַראַזש־ביז־נעס, למשל, וועלן שוין נאָך אַ צען מיטגלידער פון קרייז זיין אין דיזעלבע ביזנעס. און אין אַ צאָל פאַלן וועט דער רייכערער מיטגליד אריינגעמען אַלס אַרבעטער אין זיין פאַבריק אָדער קראָם די אָרימערע מיטגלידער פון זיין קרייז.

אין די קרייזן שפּילט דער יחוס אַ געוויסע ראָלע אין דער מיטגלידערשאַפט. די קינדער פון אַנגעזעענעם באַלעבאָס פון דער אַלטער היים, דער אָפּשטאַם פון אידישן בלוי בלוט — למדנים און רבנים — ווערן שטאַרק אָנערקענט אין אַ פאַמיליע־קרייז.

ווידער, אָרעמקייט אין דער אַלטער היים און זיך האָבן ארויפגעאַרבעט דאָ אין לאַנד, רופט אויך ארויס געפיל פון רעספּעקט.

דער קבצן אין דער אַלטער היים און דער אַרבעטער דאָ אין לאַנד האָט ניט מיט וואָס זיך איבערצונעמען אין אַ פאַמיליע־קרייז. זיינע אינטערעסן זיינען פון אַן אַנדער מין. אויב דער קרייז איז קליין און מע „מיטעט" אין הייזער פון מיטגלידער, וועט זיין הויז ניט זיין פון די צוגעפּאַסטע פאַר אַזאַ מיטינג. אויב מע וועט דאַרפן ברענגען אַ פּרעזענט, אָדער געבן צושטייער פאַר אַ פּרעזענט, וועט זיין סומע זיין פון די קלענסטע.

דער אַלגעמיינער צוועק פון די פאַמיליע־קרייזן איז צו האַלטן זיך צוזאַמען, נאָר כמעט יעדער קרייז האָט זיך זיין אייגענע קאָנסטיטוציע אָדער פּונקטן אין די פּראָטאָקאָלן וועגן דעם צוועק פון קרייז. די קאָנסטיטוציעס זיינען מערסטנס מאַשין־געשריבענע, אין די מער אַמעריקאַניזירטע — געדרוקטע. פאַראַן אויך קרייזן וואָס האָבן אינגאַנצן ניט קיין קאָנסטיטוציע. בא זיי איז דאָס אַ פּרינציפּ אַזאַ. אויב בלוט־אייגענע דאַרפן האָבן געזעצן וועגן זייערע פירונגען, דאַן איז דאָס שוין ניט קיין פאַמיליע־קרייז, טענהן זיי. אויב עס זיינען דאָ שטרייטיקייטן, דאַרף מען צווישן זיך דורכקומען, בא אַ גלעזל וואַרימס, ביים היימישן טיש און ניט בא פאַרפאַסטע געזעצן.

די מערסטע קאָנסטיטוציעס פון די קרייזן זיינען צוזאַמענגעשטעלט אפן באַקאַנטן נוסח פון די סאָסייעטיס. אָט איז אַ מוסטער פון אינהאַלט: נאָמען, שפּראַך, צוועק; מיטינגען; אריינגעמען און אויסשליסן פון מיטגלידער; באַאַמטע; איינקונפט פון קרייז; די פליכטן פון באַאַמטע; קאָמיטעס; רעכט און פליכטן פון מיטגלידער; אויפלייזונג פון קרייז; טאָג־אָרדנונג.

אַ צאָל קרייזן שטייגן אָבער נאָך איבער די סאָסייעטיס אין זייער שטרענגקייט. מיר וועלן ארויסנעמען אַ צאָל פּונקטן פון אַזאַ שטרענגער קאָנסטיטוציע און זען אין וואָס באַשטייט זייער כאַראַקטער.

„פונקטן וועגן קאנדידאטן:

1. אום איינער זאל קענען אריינקומען אין דער ארגאניזאציע שאן מוז ער זיין א בלוט-פארוואנדטער צו א טשארטער מעמבער.
2. ער מוז זיין אידיש געזאנגען.
3. אויב פארהייראט, אדער וויל הייראטן, מוז עס זיין לויט דעם ארטאדאקסישן זין.“

דער אופן פון וואלן גייט צו ווי פאלגט:

„יעדער מעמבער קריגט א באלאט מיט די נעמען פון אלע וואס ווילן און קאנען דערוויילט ווערן פאר באאמטע. דער מעמבער זאל באצייכענען מיט אן עקס דעם נאמען פון באאמטן פאר וועלכן ער וויל שטימען.“

„דער פרעזידענט אפאינטעט 3 אינספעקטארס וועלכע זאלן שטיין בא דער באקס אין וועלכער די באלאטס וועלן אריינגעלייגט ווערן. דער פרעזידענט זאל פרעגן צי יעדער מעמבער האט א באלאט און אויב יעדער איז בארייט צום וואטן, דאן זאל דער פראטאקאל סעקרעטאר אויסרופן יעדנס נאמען. דער וועמענס נאמען ווערט גערופן זאל צוטראגן זיין באלאט צו דער באקס.

„די אינספעקטארס זאלן דאן איבערציילן וויפל באלאטס עס זיינען אריינגעקומען, דער סעקרעטאר זאל זאגן אויב עס שטימט מיט דער סומע פון די ארויסגעגעבענע באלאטס, דאן זאלן די אינספעקטארס אויסרופן די נעמען פאר וועמען די באלאטס זיינען אפגעגעבן געווארן און ביידע סעקרעטארן זאלן שרייבן וויפל שטימען יעדער איינער האט געקראגן. אויך איינער פון די אינספעקטארס זאל טאן דאסזעלבע. דאן זאל דער אינספעקטאר אויסרופן וויפיל שטימען יעדער האט געקראגן און אויב די סומע וועט שטימען מיט די פון די סעקרעטארן, זאל דער אינספעקטאר דערקלערן ווער עס איז דערוויילט געווארן.“

דער קאסירער פון קרייז גיט סעקיורעטי לויט ווי די ארגאניזאציע וועט באשטימען. און „אם ענדע פון דער צייט מוז ער איבערגעבן אלעס וואס איז אין זיין האנט וואס באלאנגט צו דער ארגאנידיישאן. זיין סעקיורעטי קריגט ער צוריק, ווען די פינאנס קאמיטע און די אפיסערס זיינען צופרידן מיט זיין אפרעכענונג.“

די איבערגעבראכטע ציטאטן זיינען ארויסגענומען געווארן פון א קאנסטיטוציע פון א פאמיליע קרייז וואס באשטייט פון א דריי צענדליק מיטגלידער. דער קרייז איז אינגאנצן דריי יאר אלט.

קאָנקרעט טיילן זיך די קרייזן אין אין פאָלגנדיקע צוויי קאַטעגאָריעס:

1. די וואָס זיינען רעגולערע אָרגאַניזאַציעס, מיט קרקע, קראַנקן בענעפיטן, אויסליי קאַסע א. א.

און 2. די קרייזן וואָס קומען זיך צונויף צוליב פאַרוויילונג, אונטערהאַלטונג, „סאָשעלס".

עס ווייזט אויס, אַז וואָס עלטער די אָרגאַניזאַציע, אַלץ מער איינגעפונדעוועט איז זי, מיט קרקע, באַנקביכלעך א. א. וו. די אינגערע קרייזן פאַרנעמען זיך די ערשטע צייט מיט פאַרוויילונג, נאָר דאָס אַליין קאָן ניט אָנהאַלטן דעם אינטערעס פון דער מיט־גלידערשאַפט, וואָס ווערן מיט דער צייט געזעצטער, פּראַקטישער און הייבן אָן פאָדערן „תכלית".

פון די 112 קרייזן וואָס געפינען זיך אין אונדזער בוך, האָבן 52 קרקע, 42 האָבן בענעפיט־פאָנדן, נאָר ניט קיין קרקע, און 18 פאַרנעמען זיך בלויז מיט אונטערהאַלטונגען.

ווען מע בלעטערט דורך די פּראָטאָקאָלן (כמעט אַלע געשרי־בענע) פון די קרייזן דערוויסן מיר זיך וועגן אינערלעכן לעבן זייערן. די ערשטע צען באַריכטן פון אין קרייז דערציילן הויפט־זעכלעך וועגן ראַפלס וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן בא די מיטינגען, וועגן אַ סוויפּסטעיק טיקעט וואָס איז געקויפט געוואָרן פון „ווירדיקן" פּרעזידענט פון קרייז, וועגן מיטינג לאָקאַל, וועגן פּרעזענטן — צו בר מצוות, צו קראַנקע; וועגן אונטערהאַלטונג, „דאַנקען צו דער שוועסטער", וועגן טעאַטער טיקעטס א. א. וו.

דאָרט וואו דער קרייז האַלט אין קויפן קרקע אָדער שטעלן אַ גדר, זיינען די באַריכטן פון די פּראָטאָקאָלן די לעבעדיקסטע און לענגסטע. אָט איז אַ מוסטער פון אַן אויסצוג פון אַזאַ באַ־ריכט:

„טשערמאַן פון דער סעמעטערי קאָמיטע באַריכטעט, אַז די קאָמיטע און פילע מעמבערס האָבן באזוכט די סעמעטערי און באַקוקט די געיטס מיט די אויפשריפטן און די קאָמיטע איז מיט דער מיינונג אַז די אויפשריפטן זאָלן זיין אויף דער זייט. נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע איז איינשטימיק באשלאָסן געוואָרן אַז די אויפ־

שריפטן אפן געיט זאָלן זיין אף דער זייט פון ארייננאַנג און אין ענגלישע לעטערס, באַט ווער עס וועט ווען, וועט קאָנען האָבן זיין נאָמען אין אידיש אָדער ענגליש. אויך איז פיל ארומגע־רעדט געוואָרן וועגן די נעמען אפן געיט. נאָך אַ לאַנגע דעבאַטע איז די פראַגע אָפּגעלייגט געוואָרן צום נעקסטן מיטינג.״

פון די פּראָטאָקאָלן קוקט עס אויס, אַז די וויכטיקסטע פּאַ־סירונגען אין די קרייזן זיינען די חתונות בא די קינדער פון די מיטגלידער. אַלע סעקרעטאַרן זיינען זיך, ווייזט אויס, מחיה ווען זיי האָבן וואָס צו שרייבן וועגן אַ שמחה. דערפאר זיינען די באַריכטן וועגן לויות קורצע, נאָר האַרציקע. דעם האָספּיטעלערס באַריכט איז קורץ און פריילעך, אויב אַלע זיינען געזונט.

פון אַ צענדליק איבערגעלייענטע פּראָטאָקאָל־ביכער האָבן מיר בלויז אין איינעם געפונען דערמאָנט, אַז אַ קאָמיטע פון אַ געוויסער געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע איז דערשינען און גע־בעטן הילף. דער קרייז האָט באַשטימט צו נעמען פאַר צען טאָלער בילעטן. אין ערגעץ איז ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז אַ געזעלשאפטלעכע פראַגע איז אויפגענומען געוואָרן אָדער פּאַר־האַנדלט געוואָרן. פון פריוואַטע שמועסן מיט אַ צאָל מיטגלידער פון אַ צאָל קרייזן ווייזט זיך ארויס, אַז ניט איינמאָל פּאַסירט אַז אַ מיטגליד זאָל פּרוּוון פאַראינטערעסירן דעם קרייז אין אַ געזעל־שאַפטלעכן ענין, נאָר תמיד געפינען זיך שוין די מער אַנגעזעענע מיטגלידער וואָס באאיינפלוסן די איבעריקע, אַז קיין „פּאָליטיק״ זאָל ניט אַריבער די שוועל פון קרייז. דאָס טרעפט אויך ווען אַ מיטגליד וויל פאָרשלאָגן אַז מע זאָל איינלאַדן אַ דרויסנדיקן לעק־טאָר אָדער רעדנער. אויסנאָמען ווערן געמאַכט ווען אייגענע מיט־גלידער, מערסטנס דאָקטוירים אָדער אַנדערע אָנגעזעענקייטן, טרעטן אויף אין קרייז.

אַ צאָל קרייזן גיבן ארויס געדרוקטע אויסגאַבן צו זייערע פייערונגען. אַזוי האָט די שיפרין פאַמיליע אַסס'ן ארויסגעגעבן אַ סואווּעניר זשורנאַל צו איר 25 יאָרפעסט. דער זשורנאַל איז פון גרויס פאָרמאַט, מיט אַרטיקלען פון מיטגלידער אין אידיש און אין ענגליש. איינער פון די בעסטע זשורנאַלן פון דעם מין

איז דער צען יעריקער יובילעיום זשורנאל פון דער פאם־פליקער פאמיליע סאסייעטי (1928—1938). אויסערדעם גיבן א סך קרייזן ארויס מימעאגראפירטע בולעטינען. די פייט־אוסטער פעמילי סאסייעטי גיט ארויס א מאנאטלעכן בולעטין. די שיפרין סאָ־סייעטי גיט שוין 6 יאר ארויס א געדרוקטן בולעטין, א. א.

א צאל עלטערע קרייזן קלייבן זיך ארויסצוגעבן משפחה־ביכער אדער פנקסים. די מייקל טענצער פאמיליע סאסייעטי האט ארויסגעגעבן אין בוך־פארם (200 זייטן) דעם רעקארד פון אירע אקטיוויטעטן, געבויט הויפטזעכלעך אף די פראטאקאלן פון דער סאסייעטי (אין ענגליש).

פון צייט צו צייט דערשיינען אויך אין די אידישע צייטונגען נאטיץ־באריכטן פון פאמיליע קרייז פייערונגען. פאר א ביישפיל קאן דינען פאלגנדיקער באריכט וואס איז דערשינען אין „טאג":
„לעצטן זונטיק איז . . . געפייערט געווארן דער יום טוב לכבוד „טאנטע שיינדל'ס 75טן געבורטסטאג פון דער פאמיליע שיינבערג עיד סאסייעטי" . . . עס האבן זיך באטייליקט אריבער 90 פער־זאן, צווישן זיי אנגעזעענע געסט פון איראפע, ווי אויך איר ברו־דער וועלכן זי האט ניט געזען שוין איבער 38 יאר. ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צוצוזען די באגעגעניש . . . דער טשערמאן פון דער ארגאנזשמענט קאמיטע האט איבערגעגעבן א פרעזענט פון דער סאסייעטי צו טאנטע שיינדל, א טשעק אף 75 דאלער, מיט א צוזאג, אז צום הונדערטסטן געבורטסטאג וועט מען איר געבן הונדערט דאלער פאר יעדן יאר . . . די „טאנטע" האט דערציילט א שטיקל פון איר לעבנס־ביאגראפיע — זייער אינטערעסאנטע עפיזאדן, וועלכע האבן געמאכט א שטארקן איינדרוק".

פון א באזונדער אינטערעס זיינען, גלויבן מיר, די אויס־גאבן פון דעם קרעמער פאמיליע־קרייז. זיי באשטייען פון: „תולדות רמ"א קרעמער" („די לעבנס באשרייבונג פון א אידישן גביר, וועמעס גאנצער לעבן איז געווען א קייט פון תורה, צדקה און מעשים טובים. פארצייכנט און באשריבן פון א גרופע פריינט און פארערער. ניו יאר, תרפ"ו"), א בוך פון 400 זייטן, אין אידיש און אין ענגליש, א ביאגראפיע פון דעם פאטער פון

קרעמער קרייז; 2) אַ לידער בוך פון דער פאַמיליע, 66 זייטן, אין ענגליש און העברעאיש. אַהער גייען אריין די לידער וואָס דער קרייז זינגט יעדע וואָך בא דער מלוה מלכה, וואָס ווערט געפּראַוועט בא דער מוטער, דער אלמנה, אין הויז; 3) ספּעציעלע געדרוקטע פּראָגראַמען מיט די נעמען וואָס מע איז זיי מכבד אָנצופירן מיטן געזאַנג און מיט די נעמען פון די לידער, און 4) אַרטיקלען וואו עס ווערן איבערגעדרוקט די יערלעכע הספדים נאָכן פארשטאָרבענעם פאָטער.

דאָ בעט זיך דערציילן וועגן דעם איצטיקן הויפּט פון קרע־מער קרייז. אַליין כמעט אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער, אין די פער-ציקער יאָרן, אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, אַ געשעפט־שותף צו אַ סטעיט סענאַטאָר, האַלט ער אין זיין אָפיס, וואָס געפינט זיך אַפן 60טן שטאָק פון אַ וואָלקנקראַצער אין צענטער פון שטאָט, אַ משפחה־אַרכיוו. אַף דער וואַנט הענגט אַ גרויס אויל בילד פון זיין פאָטער, דעם ליובאַוויטשער חסיד. אַפן שרייב טיש אַ קרן קימת פושקע. ספרים ליגן זייט בא זייט מיט יוריספּרודענץ־ביכער. דער אַדוואָקאַט און אַלע זיינע ברידער און דער גאַנצער פאַמיליע־קרייז זיינען שטרענג אָרטאָדאָקסיש און מע פאַרהערלעכט און מע שעצט דעם אָנדענק פון זייער פאָטער, מע האַלט אַן אין אַדוואָקאַטס אָפיס אַ גרויסע משפחה־קאָרעספּאָנדענץ און מע היט אָפּ יעדן בריוו, יעדן חפץ פון די עלטערן.

אַפן טאָוול פון לידער בוך שטייט מיט גאָלדענע אותיות: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד". עס איז קלאָר אַז מע וויל אָנהאַלטן די טראַדיציע פון עונג שבת. דאָס בוך עפנט זיך מיטן „סטאַר ספּענגלד בענער" און מיט דער „התקוה". נאָכהער קומט „שיר המעלות לדוד — לחיים ברידער". אונטער דעם אַ טראַנסליטעראַציע און ענגלישע איבערזעצונג. און נאָך עטלעכע צוואַנציק זמירות און תפילות.

אַ פּראָמינענטער טייל אין בוך פאַרנעמען די אידישע פאָלקס־לידער, וואָס דער פאָטער האָט מסתם געזונגען און די קינדער האָבן מיטגעזונגען. פאַרן נייעם דור ווערט דער טעקסט פון די לידער געגעבן אין לאַטייניש בוכשטאַבן. דאָ געפינען מיר

אַזעלכע פּערל ווי: איך וועל דיר אַ דודעלע זינגען, כאַפּט אריין אַ שנעפּסל, דער רבי אלימלך, די מיזינקע אויסגעגעבן, אַפן פּריפּיטשעק, מנשה, דעם בערדיטשעווערס קדיש א. א. די פּערטע טייל באשטייט פון פּאַלעסטינער חלוצים לידער.

דער אַדוואָקאַט דערציילט, אַז מע פּראַוועט שבת בא דער מאַמען אַ מלוה מלכה מיט אַלע פּישטשעווקעס. מע גרייט אָן אַ גוטע סעודה, מע לאַדט איין געסט און מע זינגט חסידישע ניגונים ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין.

צום יאָרצייט ווערט אויסגעטיילט אַ סומע געלט פּאַר ישיבות און תלמוד תורות. עס ווערט געהאַלטן אַ בוכהאַלטערישער רעקאָרד פון אַלע אויסגאַבן. דער זון, דער געבאָרענער אַמעריקאַנער, דער פּראָמינענטער אַדוואָקאַט, איז אַליין אַ פּאַרקאַכטער חבד'ניק.

דער אויבן־דערמאָנטער קרייז שטייט ניט אָפּ פון דער צייט. לעצטנס ווערן גענומען מאָוויס פון די מלוה מלכה'ס און זיי ווערן געוויזן בא די מיטינגען ווי אַ ספּעציעלע אַטראַקציע. דאָס איז איינער פון די מיטלען צוצוציען די יוגנט.

די 112 פּאַמיליע קרייזן וואָס זיינען אונטערזוכט געוואָרן פון אונזער גרופּע שטעלן מיט זיך פּאַר אַ קוואָר־שניט פון אידישן פּאַמיליען לעבן אין אַמעריקע, איבערהויפּט פון אידישן מיטלקלאַס, כאָטש, ווי די ציפערן וועלן באווייזן, געפינען זיך אין יעדן קרייז אַ סך אַרבעטער משפחות. איינער פון די אינטערעסאַנטסטע שטריכן פון אַ מיטינג פון אַ קרייז איז די דעמאָקראַטישקייט וואָס הערשט צווישן די מיטגלידער. מע רופט זיך בא די ערשטע עכט־אידישע נעמען, דער רייכסטער און דער אָרימסטער האָבן דיזעלבע רעכט, כאָטש, ווי דער שטייגער איז, קוקט מען אָפן נגיד ארויף און ער האָט די דעה אין קרייז.

לויט דער מיטגלידערשאַפט טיילן זיך די 112 קרייזן איין ווי פאָלגט: 97 קרייזן מיט 7925 יחידים און 15 קרייזן מיט 786 משפחות אַלס מיטגלידער. פון דער צאָל זיינען 52% אַמעריקאַנער געבאָרענע. דער פּראָצענט פון יוגנט (פון 18 ביז 30)

איז 20%. דער גרעסטער קרייז פאַרמאָגט 465 מיטגלידער, דער קלענסטער 15.

לויטן עקאָנאָמישן שטאַנד איז די איינטיילונג פאָלגנדיקע: געשעפטסלייט 50%, אַרבעטער 36%, פּראָפעסיאָנאַלן 14%.

85 פּראָצענט פון אַלע מיטגלידער אין שטים־עלטער זיינען אַמעריקאַנער בירגער. פּאָליטיש, לויט די קרייזן, ווי אָנגעגעבן פון די קרייז־סעקרעטאַרן, איז די איינטיילונג אַזאַ: 15 פּראָצענט רעליגיעז, 35 פּראָצענט האַלב־רעליגיעז, 40 פּראָצענט ציוניסטיש־נאַציאָנאַל, 65 פּראָצענט פּראָגרעסיוו, 3 פּראָצענט ראַדיקאַל.

50% האָבן קולטורעלע טעטיקייטן, ווי לעקציעס און פאַרווילונגען; 75% האָבן טעאַטער בענעפיטן; 65% אין אידישן טעאַטער, 10 אין ענגלישן.

67% פירן זייערע מיטינגען אויף אידיש־ענגליש, 33% בלויז אויף ענגליש. 38% האַלטן די פּראָטאָקאָלן אין אידיש, 62% אין ענגליש.

16% שטיצן היגע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס מיט יערלעכע סומעס. אַ סך סעקרעטאַרן האָבן אונטערשטראָכן, אַז „מיר מאַכן ניט קיין קאָלעקשנס אין קרייז, ווייל מיר ווייסן אַז אונזערע מיטגלידער באַלאַנגען צו פאַרשיידענע סאָסייעטיס און זיי גיבן דאָרט."

די מערסטע קרייזן האַלטן אָפּ זייערע מיטינגען איינמאַל אין חודש, אַ קלענערע צאָל צוויי מאָל אין חודש, אַ קליינע צאָל יעדן קוואַרטאַל און עטלעכע בלויז איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר.

כדי צו באַקומען אַ קלאָר בילד פון דעם ווי אַזוי אַ קרייז פונקציאָנירט, און וואָס ס'איז דער פיזישער און גייסטיקער צושטאַנד פון זיין מיטגלידערשאַפט, וועט זיין נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף איין פאַמיליע קרייז, וואָס איז טיפּיש פאַר אַלע איבעריקע. אונזער גרופּע האָט אַ לענגערע צייט געאַרבעט אויף אַזאַ קרייז און אין די ווייטערדיקע אַרבעטן אין בוך ווערט דערציילט וועגן קולטורעלן און עקאָנאָמישן מצב זיינעם. דאָ וועלן מיר פּרואוון זיך באַקאַנען נענטער מיט אַנדערע דעטאַלן פון קרייז, מיט זיין געשיכטע, טעטיקייטן און מיטגלידערשאַפט.

אט ווי עס באשרייבט א מיטינג פון קרייז אונזער מיט־ארבעטער ראשעל הירשקאן:

„ווען איר קומט אריין אין זאל, איידער דער מיטינג פאנגט זיך נאך אן, באקומט איר דעם איינדרוק, אז דא קומט פאר א שמחה, עפעס א היימישע הוליאנקע.

מענטשן קומען אן פריילעכע, יום־טובדיקע, מונטערע און אין זאל שטייט א היפשער טומל. די פרויען כאפן זיך ארום, קושן זיך, די מענער דריקן זיך ווארים די הענט, קלאפן זיך איבער די פלייצעס און אלע זיינען נייגעריק צו וויסן ווי אזוי מען פילט זיך מיטן „ביסעלע" געזונט, וואס די קינדער מאכן און פארוואס אייניקע פון די עלטערע פון דער משפחה זיינען היינט ניט געקומען צום מיטינג.

די אטמאספערע איז א ווארימע, א הארציקע. איר דערפילט זיך אזוי אייגן צווישן זיי און איר פארגעסט צומאל, אז איר זיינט אליין א פרעמדע.

די גאנצע סאסייעטי באשטייט אממערסטן פון איינפאכע, אבער הארציקע פאלקס־מענטשן. א סך פון זיי זיינען שווערע ארבעטער, א היפשע צאל ביזנעס־לייט און אויך א קליינער פראצענט פראפעסיאנאלן.

די יונגע פרויען זיינען פארפוצט אין נעטע קליידער פון בונטע, אבער ניט שרייענדיקע פארבן, די עלטערע פרויען טראגן טונקעלע אדער שווארצע קאלירן.

אט שטייען עטלעכע גרופן פרויען און מענער נעבן דער טיר און דריקן זיך פריינטלעך די הענט. איך גיי צו נעענטער און הער זיך איין אין זייערע געשפרעכן:

— האו דו יו דו, טאנטע שרה? דיך א גאנצן זומער ניט געזען.

— א דאנק דיר, בעסילע, ווי כ'האב געהערט האט דער אויבערשטער דיר צוגעשיקט א שיינע בעיבי־באי?

— טהענקס גאד, טאנטע... שוין איינמאל א באי... קומענדיקן שבת וועל איך אים ברייגנען צו דיר... יו וויל סי... סאם־באי!

— געהערט, געהערט... זאָל ער ביי דיר וואַקסן מיט מזל...

אַן עלטערער איד קלאַפּט אַ יונגן מאַן איבער דער פּליצע:
— וועל, וועל, מעקסי, ווי גייען עפּעס דיינע ביזנעס?

— אַ דאַנק, אַנקל סיימען, עוועריטהינג איז אַ קיי... קיין ראַקעפעלער איז מען נאָך ניט, נאָר אַ לעבן מאַכט מען...

ביי דער טיר שטייען צוויי אַלטע פרויען אין שוואַרצע קליידער און לאָזן אַ טרער אפן טויט פון זייערער אַ קרובה.

פּונקט 9 אַזייגער עפנט דער פּרעזידענט דעם מיטינג מיט דריי שטאַרקע קלעפּ פון זיין האַמער איבערן טיש. עס ווערט ביסלעכוויז שטיל. אַלעמענס פּנימער דרייען זיך אויס צום פּרעזידענט, וועלכער פאַנגט אָן אַזוי:

— טייערע ברידער און שוועסטער! עס פרייט מיך פון טיפן האַרצן אייך אַלעמען צו זען און באַגריסן נאָך אַ לאַנגן זומער. עז יו נאָו, האָט דער איצטיקער מיטינג באַדאַרפט זיין נאָך די יום־טובים, נאָר אַדאַנק דעם, וואָס דורכן זומער זיינען אונדזערע ביזנעס שטאַרק נעגלעקטעד געוואָרן, האָבן מיר דעסיידעט צו רופן אייך פריער ווי איר האָט עקספּעקטעט. די הויפּט־פראַגן אף היינט זיינען: רעליף פאַר אונזערע ביאַליסטאָקער, דער באַנקעט, דער בייער טויער אף אונדזער סעמעטערי. מיר'ן אויך אויסהערן אייניקע באַריכטן. איך ווינש אייך נאָך אַמאָל געזונט, העפּינעס און פּראָספּעריטי אף לאַנגע יאָרן. (אַפּלאָדיסמענטן) ברודער סעקרעטאַר, לייענט די מיניטס".

דער סעקרעטאַר שטעלט זיך אויף און נעמט לייענען פון זיין העפט: שבת דעם און דעם דאַטום איז באַשלאָסן געוואָרן צו העלפן מיט $25 אַ נויטבאַדערפטיקן ברודער. עס איז דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן אַראַנזשמענט פון אַ סילווער וועדינג פאַר דער ליבער שוועסטער גורדי מיט איר מאַן, א. א. וו.

דער פּראָטאָקאָל ווערט אָנגענומען מיט אַ האַלבן טוץ „קאָרעקשאָנס".

נאָכן סעקרעטאַר גיט די האָספּיטאַלערין אָפּ איר באַריכט.

דאָס איז אַן עלטערע פרוי מיט זייער אַ סימפּאַטישן, מוטערלעכן, אָבער מידן פּנים. זי פאַנגט אָן מיט אַ שטילער האַרציקער שטימע:

— מיינע טייערע ברידער און שוועסטער! דאַנקען גאָט וואָס נאָך אַ לאַנגן זומער, וואָס מיר האָבן זיך ניט געזען, טרעפן מיר זיך ווידער אַלע צוזאַמען. און דאַנקען גאָט וואָס קיינער פון אונז פעלט ניט. אייניקע פון אונדז, וועלכע האָבן געקענט „אפּאָרדן", זיינען געווען אין די מאָונטנס, אַנדערע וואָס האָבן ניט געקענט „אַפּאָרדן" זיינען געווען אין שטאָט, אָבער אַלע זיינען מיר ברידער און שוועסטער, אייגן בלוט און פלייש, און דאַנקען גאָט וואָס מיר זיינען אַלע געזונט און מען זעט זיך. איך קען אייך איבערגעבן זייער אַ פריילעכע בשורה: גיטעלע האָט מיט מזל געבוירן אַ אינגל (עס ווערט אַ פריילעכער טומל. אַלעמענס פּנימער לויכטן אויף. מען אַפּלאָדירט). גלייך ווי כ'האָב זיך דערוואוסט, בין איך אַוועק צו איר אַהיים זי זען און איר טאָקע געבראַכט אַ שיינעם פּרעזענט אין נאָמען פון אונדז אַלעמען. זי פילט, דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביק, זייער גוט. זי איז געווען זייער צופרידן און געשיקט אייך אַלעמען אַ האַרציקן גרוס. (ווידער אַ טומל און אַפּלאָדיסמענטן). טייערע ברידער און שוועסטער, איך קען אייך אויך באַריכטן, אַז סילוויא, דעם אַנקל אברהם'ס, איז געווען זייער קראַנק און מען האָט זי געמוזט אַוועקנעמען אין האָספּיטאַל. פאַרשטענדלעך, אַז איך בין געווען באַ איר עטלעכע מאָל און איצט פילט זי שוין בעסער און וועט גיך „גיין" אַהיים. זי שיקט אייך אַ גרוס און האָפט גיך צו קומען צו אַ מיטינג. טייערע ברידער און שוועסטער, עס קומען איצט אָן די הייליקע טעג פון ראָש־השנה און יום־כּפור, לאָמיר אַלע האָפן, אַז מיר וועלן אויסבעטן פאַר זיך און פאַר אַלע אונדזערע פריינט אַ גוט יאָר און מיר זאָלן אַלע זיין געזונט און קיינער זאָל חלילה פון אונדז ניט פעלן צום נייעם יאָר...

אַלע אַפּלאָדירן ענטוזיאַסטיש.

דער פּרעזידענט דערמאָנט דאַמאָלט דעם עולם, אַז לויט דעם געזעץ, וואָס ער, אַלס פּרעזידענט, האָט אַליין איינגעפירט, ווערט יעדעס ניי געבוירן קינד גלייך אריינגענומען אין דער סאָסייעטי

און ער, דער פּרעזידענט, מוז באַצאָלן דעם ערשטן דאָלער דיוס פאַר דעם.

דער פּרעזידענט דערלאַנגט טאַקע גלייך דעם דאָלער און דער עולם אַפּלאָדירט.

דאמאָלט קריגט דאָס וואָרט דער זיידע פון׳ם ניי-געבוירן קינד. ער דאַנקט פאַרן גרויסן כבוד וואָס מען האָט אים צוגע־טיילט, אריינצונעמענדיק זיין אייניקל אין דער סאָסייעטי און האָפט, אַז ווען יענער וועט אויסוואַקסן, וועט ער טאָן גוטע אַרבעט פאַר זיי.

גאָר אַ שטאַרקע דעבאַטע אַנטוויקלט זיך, ווען עס קומט צו דער פראַגע וועגן דעם 15 יאָריקן באַנקעט פון דער סאָסייעטי. אַלע נעמען אַנטייל אין דער דיסקוסיע, יעדער וויל ארויסזאָגן זיין מיינונג. ערשט לעצטן יאָר האָט מען געפּראַוועט דעם 10 יאָריקן יובילי פון דער סאָסייעטי, אַזוי אַז ביזן 15טן יובילי איז נאָך פאַראַן ניט מער און ניט ווייניקער ווי פיר יאָר. אָבער זיי האַלטן, ווי ס׳ווייזט אויס, פון „פּריפּערעדנעס" און האָבן דער־פאַר זיך געאיילט אויפצונעמען די פראַגע. עס זיינען דערביי גע־פאַלן דריי פאָרשלאָגן: אַזוי ווי אַ בילעט פאַר אַ פּאָרל דאַרף קאָסטן $8 און קיין צו גרויסע גבירים איז מען ניט, טאָ זאָל מען זיך לייכטער מאַכן אף איינעם פון די פאָלגנדע דריי וועגן:

1טער פאָרשלאָג: איינצאָלן 50 סענט צו יעדן קוואַרטאָל. אין 4 יאָר וועט יעדער אויסצאָלן זיין בילעט. צווייטער פאָר־שלאָג: איינצאָלן אַ קוואָדער יעדן קוואַרטל און צום סוף פונם פערטן יאָר צוויי דאָלער מיט אַמאָל. דריטער פאָרשלאָג: איינ־צאָלן צו צוויי דאָלער יעדן יאָר מיט אַמאָל.

נאָך אַ דיסקוסיע פון אַ שעה און אַ האַלב האָט מען גענומען צום שטימען און געזיגט האָט דער ערשטער פאָרשלאָג.

דערנאָך גיט איינער פון דער סעמעטערי קאָמיטע אָפּ אַ באַריכט וועגן נייעם שטיינערנעם מויער, וואָס מען האָט אויפ־געשטעלט אַף זייער סעמעטערי. ער לויבט די אַרבעט און רעכנט געגעני אויס די צאָל נעמען, וועלכע זיינען אויסגעקריצט אַף יעדער זייט פון מויער. דער באַריכט ווערט גוטגעהייסן און ס׳ווערט

אויך באַשלאָסן צו באַצאָלן דעם אויסקריצער די סומע וואָס ער מאָנט פאַר זיין אַרבעט.

עס איז אויך אויפגענומען געוואָרן די פראַגע וועגן אַן איינציטיקער שטיצע דעם ביאַליסטאָקער רעליף מיט הונדערט דאָלער. נאָך אַ דיסקוסיע איז דער פאָרשלאָג גוטגעהייסן געוואָרן.

דער מיטינג האָט זיך געשלאָסן פונקט אַזוי פריילעך און טומלדיק, ווי ס'איז געוועזן פאַרן אָנפאַנג. די פרויען האָבן זיך געזעגנט מיט קושן, די מענער — זיך געדריקט די הענט, איבערגעשיקט פריינטלעכע גרוסן צו די אַפוועזנדע, זיך געוואונטשן אַ כתיבה וחתימה טובה און דערמאָנט איינער דעם צווייטן ניט צו פאַרגעסן צו קומען, מיט גאָטס הילף, צום נעקסטן מיטינג, מיט צוויי וואָכן שפּעטער."

דער אָפּשטאַם פון אונדזער פאַמיליע קרייז ציט זיך צו אַ שטעטל אין פּוילן מיט איבער 100 יאָר צוריק. פון אַ דערפל קאָזשליק איז אַ איד געקומען קיין ביאַליסטאָק. אין אַ צייט אַרום זיינען אַריבערגעקומען פיר לאַנדסלייט, פיר ברידער פון זעלבן דערפל; די פיר ברידער פלעגן אָפט אריינקומען צום אידן, צוליב די טעכטער וואָס ער האָט געהאַט. מיט דער צייט האָבן טאַקע צוויי ברידער גענומען זיינע צוויי טעכטער. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ בונד צווישן צוויי משפחות. די שפּעטערדיקע הייראַטן צווישן די מיטגלידער פוןביידע פאַמיליעס האָבן נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם בונד.

טאַקע דאָרט אין ביאַליסטאָק איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַגודת אַחים פאַריין, צונויפצוהאַלטן די מיטגלידער פון די משפחות. צוליב דעם האָט מען איינגעקויפט אַן אייגענע ספר תורה פאַר 400 רובל. מע האָט זיך געטראָפן אין דער אייגענער שול, מע האָט געהאָלפן איינער דעם אַנדערן אין פאַל פון נויט.

ווען די אינגערע מיטגלידער פון די משפחות האָבן נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם פאַרלאָזן רוסלאַנד און איינגעוואַנדערט קיין ניו יאָרק, האָבן זיי ניט געהאַט פאַרגעסן זייער אַמאָליקן פאַריין. פאַרזוכן זיינען אין פאַרלויף פון יאָרן געמאַכט געוואָרן צו גרינדן דאָ אַ פאַמיליע קרייז, נאָר עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. ערשט

נאכדעם ווי מע האט זיך שוין דא געהאט איינגעבירגערט, ערשט מיט א צוואנציק יאר שפעטער, איז זיי געלונגען צו גרינדן א פאמיליע סאסייעטי. נאר אנשטאט א ספר תורה, האט מען גע־קויפט קרקע. און אזוי ווי צווישן די גרינדער זיינען געווען ריעל עסטעיטניקעס, האט מען געוואוסט וואס צו קויפן. מע האט זיך איינגעהאנדלט א „קארנער". דער פונדאמענט פון דער סאסייעטי איז אבער געווען: משפחה־פריינטשאפט, קעגנזייטיקע הילף, טשאריטי פאר לאנדסלייט דא און אין דער אלטער היים.

ארום דער סאסייעטי האלטן זיך אויף פיר דורות, נאר דער טעטיקער טייל איז דער צווייטער דור. דער ערשטער, עלטסטער דור, מענטשן אין די זיבעציקער, קומט זעלטן צו א מיטינג. אים זעט מען אף א חתונה, אדער אף א סאסייעטי שמחה. דער צוויי־טער דור איז דער לעבעדיקער נערוו פון דער סאסייעטי. דאס זיינען די קינדער פון די וואס האבן אין ביאליסטאק געגרינדעט דעם אגודת אחים. דאס זיינען מענטשן אין עלטער פון 45—50 יאר. טייל האבן שוין אויסגעגעבענע קינדער, און די, דער דריטער דור, איז דורך זיי אויך ארייגעצויגן געווארן אין דער סאסייעטי.

דער דורכשניטלעכער עלטער פון א מיטגליד אין דער סא־סייעטי איז צווישן 40 און 42. די קרוב צו 70 משפחות וואס זיינען אנגעשלאסן אין קרייז שטעלן מיט זיך פאר איבער דריי הונדערט נפשות. פון די ברויט־געבער פון די משפחות זיינען 30 ארבעטער, 15 קליינע געשעפטלייט, 4 גרויסע סוחרים, די איבעריקע פראפעסיאנאלן און ווייסע קאלנער אנגעשטעלטע. דריי זיינען ארבעטלאז און צייטווייליק באשעפטיקט בא דער וו. פ. א.

כאטש א סך מיטגלידער באלאנגען צו פארשיידענע ארגא־ניזאציעס, איז אבער דער פאמיליע קרייז בא זיי דאס נאענטסטע. דא לעבט מען זיך אויס אף אן אינטימען שטייגער. דא ווארעמט מען זיך אן פון דער דרויסנדיקער קאלטער אטמאספערע. אפילו וועגן קרקע רעדט מען דא אנדערש, ווי אין א געוויינטלעכער סאסייעטי. אט ווי דער פרעזידענט פון קרייז האט זיך אויסגע־דריקט וועגן דעם:

„איך שטעל זיך פאָר, ווי אין אַ הונדערט יאָר אַרום, אַז מע וועט געבן אַ קוק אַריף אפן בית עולם און געבן אַ קוק: אָט־דאָ־אָ ליגט אַ פאַמיליע וואָס האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען. אַן אייניקל, אַן אור אייניקל וועט קוקן און ס'וועט בלייבן אַן אייביקער זכרון...״

אמת, די טעטיקע מיטגלידער פון אונדזער קרייז גיבן צו, אַז די יוגנט איז פאַר אים, דעם קרייז, די גרעסטע פּראָבלעם. און מסתּם איז דאָס דער פאַל מיט אַנדערע קרייזן אויך. זי, די יוגנט, האָט ניט קיין אינטערעס אין משפּחה-געזעלשאַפטלעכקייט. פאַרקערט, אין איר עלטער זוכט מען וואָס מער דרויסנדיקע, נייע באַקאַנטשאַפטן. איר גייט ניט אָן קיין קרקע, קיין קראַנקן בענע־פיטן. זי וויס ווינציק־וואָס וועגן אידישן לעבן. טאַקע געגאַנגען אין חדר אַ פאָר יאָר, ביז בר מצוה, נאָר דער חדר האָט ניט איבערגעלאָזט קיין ווירקונג אַף איר: דער חדר איז געווען אַ מין ווילד־גראָז, אַ מוז־זאַך. די מיטינגען ווערן אין קרייז געפירט אין אידיש. וואָס קאָן דער קרייז געבן דער יוגנט? קומט מען צום שלוס, אַז כדי אריינצוקריגן די יוגנט דאַרף מען איר געבן טענץ, „סאָשל״ס, פּאַרטיס, בעלער. נאָר אָט־די פאַרגעניגנס באַ־קומט די יוגנט אין אַ גרעסערער און בעסערער מאָס אין דרויסנ־דיקע אָרגאַניזאַציעס, וואו דאָס וואַכּע אויג פון די עלטערן, אָדער נאָך ערגער, פון דער מומען, קאָן איר ניט גרייכן.

דאָך וויסן די טוער פון דעם פאַמיליע קרייז, אַז די צוקונפט פון קרייז געהערט דער יוגנט. אויב די מיטלען וואָס ווערן אָנ־גענומען אַצינד זיינען ניט בכח צו געווינען די יוגנט פאַרן קרייז, פילן אָבער די טוער אַז די צייט אַליין וועט זיין דער בעסטער מיטל אריינצוברענגען די יוגנט. זאָל זי חתונה האָבן, זאָלן אונ־טערקומען קינדערלעך און מיט זיי וועט קומען די געזעצטקייט, דער פּראַקטישער שכל. דאַן וועט מען אַ טראַכט טאָן וועגן קרקע, וועגן בענעפיטן. דאַן וועט מען זיך פאַרבענקען נאָך פריינט, נאָך נאָענטע, נאָך אייגענע. דאָס אַלץ וועט מען קאָנען געפינען אין פאַמיליע קרייז.

דאָס לעבן אין די נאָענט פון זיבעציק משפּחות גייט אָן נאָרמאַל. ניטאָ קיין גט'ן, ניטאָ קיין געמישטע חתונות. כאָטש

די מערסטע זיינען ניט רעליגיעז, האַלט מען אָבער פון „כשר". מע גייט ראש השנה און יום כיפור אין שול כאָטש מע האָט קיין געפיל ניט דערפאַר. וואָס אין די קליינע אותיע'לעך טוט זיך וויס מען ניט און מע איז ניט פאַראינטערעסירט.

צו דער יוגנט פון קרייז איז פון אונדזער שרייבער־פּראָיעקט ארויסגעשיקט געוואָרן אַ ספּעציעלע אַנקעטע. מע האָט זיך אויך געפּרוּווט זען מיט איר פּערזענלעך. געענטפערט אַף די בויגנס האָבן עטלעכע־און־צוואַנציק יוגנטלעכע אין עלטער פון 20 ביז 26. די מערסטע פון זיי האָבן באַקומען אַ העכערע בילדונג, נאָר איינער האָט דורכגעמאַכט בלויז אַן עלעמענטאַרע שול. זעקס האָבן ב. א. דעגריס. פיר האָבן ניט באַקומען קיין אידישע בילדונג, די איבעריקע זיינען געגאַנגען אין „היברו". דער דורכשניטלעכער סך־הכל פון זייער אידישער דערציאונג איז געווען 2 און אַ האַלב יאָר.

אַף דער פראַגע, צי די אידישע דערציאונג האָט געגעבן פּראַקטישע רעזולטאַטן, האָבן בלויז פיר געענטפערט, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און זיך אַ ביסל באַקאַנט מיט דער אידישער געשיכטע. די איבעריקע האָבן געענטפערט: „קיין רעזולטאַטן".

אַף דער פראַגע, צי זיי וועלן שיקן זייער קינד אין אַ אידישער שול האָבן פיר געענטפערט ניין, זעקס — אַז זיי וועלן זיי שיקן אין אַ „היברו", דריי אין אַ אידישער שול, דריי וועלן זיי באַקאַנט מאַכן מיט דער אידישער געשיכטע. די איבעריקע האָבן ניט געענטפערט. „נעמט איר אַן אַנטייל אין אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן?" אַף דעם האָבן דריי געענטפערט יאָ, איינער האָט געשריבן: „אין פאַמיליע קרייז", די איבעריקע האָבן געענטפערט ניין.

אַף דער פראַגע, צי מע ליידט פון אַנטיסעמיטיזם האָבן 12 געענטפערט ניין, פינף — יאָ („זוכנדיק אַרבעט"), די איבעריקע האָבן ניט געענטפערט.

„דענקט איר, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן דאַרפן עפענען די טויערן פאַר אַ אידישער איינוואַנדערונג?" בלויז איינער האָט

געענטפערט ניין, „ווייל מיר ליידן דאָ פון אַן אַנקומענדיקער כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם". די איבעריקע האָבן אָנגעגעבן פאַר־שיידענע מאָטיוון פאַר זייער יאָ. („אַמעריקע איז דאָס איינציקע זיכערע פּלאַץ פאַר אידן", „צו פאַרלייכטערן זייערע ליידן" א. א. וו.)

„וואָס זיינען, לויט אייער מיינונג, די וויכטיקסטע פּראָבלע־מען פון דער אידישער אַמעריקאַנער יוגנט היינט צו טאָג?" אויף דעם האָבן זיך ניט אַלע אָפּגערופן. דריי האָבן געשריבן, אַז דער וואוקס פון אַנטיסעמיטיזם איז די הויפּט־פּראָבלעם. איינע האָט געשריבן אַז „די דערוואַכונג פון דער אידישער יוגנט צום געדאַנק, אַז זי איז אַ טייל פון אידישן פאָלק און אַז מע דאַרף זיך ניט שעמען מיט אידישקייט, איז די הויפּט־פראַגע פון טאָג". צוויי האָבן געענטפערט, אַז אַרבעטלאָזיגקייט איז די הויפּט פּראָ־בלעם. איינער האָט געענטפערט: „מע קאָן ניט אָפּטיילן די פּראָבלעם פון דער אידישער יוגנט פון די פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דער אַלגעמיינער יוגנט פון לאַנד. די פּראָבלעמען זיינען: אַרבעטלאָזיגקייט, פּטור ווערן פון די איבלען וואָס מאַכן דאָס לעבן היינט צו טאָג אַזוי שווער פאַר יעדן מענטשן, ברענגען אָרדנונג אין אַ וועלט פון כאַאָס".

זיך צוקוקנדיק נענטער צום לעבן פון די עלטערן און קינ־דער אין קרייז, שטויסט מען זיך אָן אַפּן פאַקט, אַז די אימיגראַנ־טישע עלטערן זיינען מאַטעריעל זיכערער ווי זייערע אַמעריקאַנער געבאָרענע קינדער, וואָס האָבן באַקומען אַלע מעגלעכקייטן און צוגרייטונגען צו זיין עקאָנאָמיש אומאָפּהענגיק.

דיפּלאָמעס האָבן ניט תמיד דערגרייכט זייער צוועק. קאָ־לעדזש בילדונג האָט פאַרלאָרן דעם אַמאָליקן צויבער.

רעזומירנדיק וועגן פאַמיליע קרייזן ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן אַנטוויקלען בא אונדז אין לאַנד, איז שווער פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט פון זייער אַנטוויקלונג. עס איז אָבער קלאָר אַז עס זיינען דאָ אַ סך כוחות וואָס האָבן זיי צום לעבן גע־בראַכט. עס איז נויטיק נאָכצופאָלגן זייער וויטערדיקן גאַנג.

טאבעלע וועגן פאמיליע קרייזן

געגרינדעט אין	צאל פאמיליע קרייזן	צאל אינדיווי. אנגעגעבענע פ. ק. מיט מיטגלידער: צאל ארג.	צאל מיטגל.	צאל אמער. געבארענע	פראצענט אמער. געבארענע	פ. ק. מיט אנגעגעבענע צאל משפחות מיטגלידער: צאל ארג.	צאל משפחות	פראצענט אמער. געבוארענע
1909	1	1	110	99	90%			
1910	2	2	180	119	66%			
1912	3	2	255	131	51%	1	150	50%
1913	2	2	140	75	53%			
1916	1	1	48	3	5%			
1919	4	3	127	43	34%	1	29	—
1920	3	3	546	401	74%			
1921	1	1	100	30	30%			
1923	3	3	596	196	33%			
1924	2	1	85	60	51%	1	18	—
1925	1	1	80	12	15%			
1926	1					1	60	50%
1927	4	4	390	230	59%			
1928	7	6	399	211	53%	1	67	30%
1929	2	2	100	60	60%			
1930	2	2	105	64	61%			
1931	6	4	340	194	57%	2	92	22%
1932	6	5	305	76	25%	1	65	20%
1933	8	6	370	189	51%	2	135	37%
1934	13	11	1,060	654	62%	2	75	33%
1935	3	3	175	99	56%			
1936	15	14	1,016	465	46%	1	50	80%
1937	10	10	763	386	51%			
1938	12	10	635	314	50%	2	55	11%
סך הכל	112	97	7,925	4,111	52%	15	796	

צוועק, שפראך, טעטיק., געזעלשאפט. שטיצע, עלעמענט	צאל ארג.	פראצ.
בלויז קרקע	5	5%
קרקע און בעג.	47	42%
בעג. און קרקע	42	37%
סאשעל	18	16%
	112	100%

שפראך ביי מיטינגען		
אידיש	29	26%
אידיש-ענגליש	46	41%
ענגליש	37	33%
	112	100%

פראטאקאלן		
אידיש	39	35%
אידיש-ענגליש	3	3%
ענגליש	70	62%
	112	100%

קארעספאנדענץ		
אידיש	19	17%
אידיש-ענגליש	19	17%
ענגליש	74	66%
	112	100%

קולטורעלע טעטיק.		
יע	57	51%
קיין	55	49%
	112	100%

שטיצן אינסטיטוציעס		
היגע און היימ.	41	37%
בלויז היגע	18	16%
בלויז היימישע	14	12%
קיינע	39	35%
	112	100%

עלעמענט — 39 פ. ק. מיט 3,228 מיטגל. האבן אנגעגעבן:		
ארבעטער	1,167	36%
געשעפטסלייט	1,625	50%
פראפעסיאנאלן	436	14%
	3,228	100%

IV

דער עקאָנאָמישער מצב פון פאַמיליע־קרייז

ווען מע שטעלט אַוועק די פראַגע: ווי אַזוי לעבט די אידישע משפחה אין ניו יאָרק און וואָס איז איר עקאָנאָמישער מצב? קלינגט דאָס פון אויבן אויף אַביסל מאָדנע און רופט ארויס אויפן גערדאַנק אַקעגן פראַגע: איז דען דאָ אַ ספּעציפיש אידישע עקאָ־נאָמיק? אין אַ געוויסן זין איז די דאָזיקע קעגן־פראַגע אַ בארעכ־טיקטע. אַודאי איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער אידישער פאַמיליע, פונקט ווי פון דער גאַנצער אידישער סביבה, געקניפּט און געבונדן מיט דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד. פון דעסטוועגן, ווען מען רירט זיך צו צו אידישע פּראָ־בלעמען, ווען מען באקענט זיך גרינטלעכער מיט פאַקטן פון אידישן לעבן שטויסן מיר זיך אָן אף דערשיינונגען וואָס וואַרפן אַ באַ־זונדער ליכט אַף דער אידישן מצב.

מיר ווייסן, למשל, אַז אידן ווערן ניט צוגעלאָזט צו אַ סך עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. פאַקטן פון דיסקרימינאַציע זיינען היינט צו טאָג אין אַמעריקע קיין נייעס ניט. די אידישע יוגנט ווערט ניט אריינגעלאָזן אין אַ היפּשער צאָל לערן אַנשטאַלטן, אַ סך פון די גרעסטע „יוטיליטי קאָמפּאַניס" מיידן אויס אַנצושטעלן אידן בא זיך אין די אָפיסעס, א. א. וו.

פון דער שטודיע וואָס מיר האָבן געמאַכט פון פאַמיליע קרייז, האָבן מיר געקראָגן אַ קלאָרן באגריף ווי אַזוי עס האַלט אין אַלגעמיין מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער אידישער פאַמיליע.

די געשיכטע פון די פאַמיליעס אין אונדזער קרייז איז זייער ענלעך אויף דער געשיכטע פון צענדליקער און הונדערטער טויזנ־טער אַנדערע אידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און דינט ווי אַ קווער־שניט פון דער אידישער באפעל־קערונג אין ניו יאָרק.

די מיטגלידער פון אונדזער קרייז האָבן אַהער אריינגעוואַנ־דערט פון דער באַקאַנטער אידישער שטאָט ביאַליסטאָק. געקומען זיינען זיי אַהער ניט אַלע מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז. פריער — אַ טאַטע, דערנאָך אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ זון. יעדער איינער

האָט, לויט זיינע כחות, געפּרובירט אַריבערנעמען אַהער די נאָענטסטע.

קיין איינעם פון דעם אַלטן דור איז ניט באַשערט געווען געבוירן צו ווערן אין „אַ ייִדן העמדל". ניט געווען דאָרטן קיין גבירים צווישן זיי. אַלע האָרעפּאַשנע, שווער אַרבעטנדיקע מענטשן. צו 10 און 12 יאָר האָבן זיי אָנגעהויבן צו אַרבעטן און טראַכטן וועגן אַ תכלית. די מערסטע פון זיי זיינען געווען באַלמעלאָכעס, געאַרבעט באַ שניידעריי, וועבעריי, געווען באַלעגאָלעס, אַ פּאָר קרעמער און סתם קבצנים.

דאָ אין אַמעריקע, ווי אַלע אימיגראַנטן אין יענער צייט, האָט יעדער איינער פון זיי דורכגעמאַכט קאַלטס און וואָרעמס. סוועטשאַפּ, לאַנגע שטונדן, קליינע פאַרדינסטן.

מיט דער אויסנאַם פון איינעם, וועלכער האָט אַהער גע־בראַכט פון דער אַלטער היים אַ סומע געלט, האָבן די איבעריקע געדאַרפט אָנהויבן איבערבויען זייער לעבן מיט די נאַקעטע צען פינגער.

דאָס וואָס סיי די מענער און סיי די פרויען פון אונדזער קרייז זיינען אַהער געקומען מיט פאַכן אין די הענט איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע טובה. אונדזערע פאַמיליעס — אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אַרונטער פון דער שיף, האָבן געהאַט וואָס צו „פאַרקויפן". זיי האָבן געהאַט מלאָכות אין זייערע הענט און זיי זיינען אַוועק אַרבעטן באַ זייערע פאַכן. די וואָס זיינען געווען אין דער אַלטער היים שניידערס, זיינען דאָ אַוועק אַרבעטן באַ שניידעריי; די וואָס זיינען געווען מוליאַרעס זיינען דאָ געוואָרן בריקלייערס און האָבן גלייך אָנגעהויבן פאַרדינען.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז דער גאָר ערשט אַריבער־געקומענער עמיגראַנט פון דער משפחה, אַ היטל מאַכער, איז שוין אויפן צווייטן טאָג נאָך זיין קומען געזעסן אין אַ שאָפּ און געניייט „קעפּס".

דער נייער עקאָנאָמישער לעבנס־שטייגער האָט אָבער אין אַ סך פאַלן געענדערט די באַשעפטיקונגען פון אונדזערע מיטגלי־דער און מע האָט זיך געדאַרפט צופּאַסן צו די נייע אומשטענדן.

אַ פּאָר אילוסטראַציעס וועלן זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט דער לאַגע.

אילוסטראַציע נומער איינס:

אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ גאַרבער. היינט־צו־טאָג איז ער אין די „גאַראַדזש־ביזנעס". צו 21 יאָר איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע. איצט איז ער 51 יאָר אַלט. האָט אַ פרוי מיט צוויי פּאַרהייראַטע קינדער. ער אַרבעט שווער און פאַרדינט 30—35$ אַ וואָך.

30 יאָר האָט אים גענומען זיך צו דערשלאָגן צו אַט דער לעבנס פּאָזיציע. לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, איז דאָס געווען 30 יאָר פון „אויסגעריסן ווערן", פון זיך וואַרפן פון איין פרנסה צו דער צווייטער. ער געדענקט שוין ניט אַפילו די צאָל מלאָכות באַ וועלכע ער האָט זיך געמאַטערט. און די, וואָס ער געדיינקט, שטעלן מיט זיך פאָר אַ היפּשן צעטל פון מענטשלעכער האַרע־וואַניע און עקספּלואַטאַציע.

דזשאָב נומער 1: גלייך באַם אָנקומען קיין אַמעריקע איז ער, אַ 21 יאָריקער בחור, געוואָרן אַ „גראָסערי באָי". געאַרבעט זעקס טעג אַ וואָך פאַר 2$. יעדן טאָג אויסגעשפּאַנט הונדער־טער „פלאָרס". „דזשאָב" נומער 2: אַ „מואווינג־מען". זיך גע־שלעפּט מיט שווערע שטיקער מעבל אויף טרעפּ פאַר 8$ אַ וואָך. נומער 3: געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם פון אַלטן מעבל. 8$ אַ וואָך. נומער 4: אַ פּאָר יאָר געשוויצט אין אַ פאַבריק פון אייזערנע בעטן. אויסגעמאַכט פון 7 ביז 9$ אַ וואָך. „דזשאָב" נומער 5: ווידער אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם פון אַלטע מעבל. קריגט שוין 9$ אַ וואָך. נומער 6: געמוזט נאָכ־אַמאָל ווערן אַ טרעגער אין די „מואווינג ביזנעס". געהאַלט, 8—9$ אַ וואָך. „דזשאָב" נומער 7: זיך אויסגעלערנט מאַכן היטלען. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער שוין „אויסגעאַרבעט" 20—25$ אַ וואָך. עטלעכע יאָר געאַרבעט באַ היטלען, אָנגעזאַמלט אַ פּאָר דאָלער און ענדלעך זיך איינגעהאַנדלט אַ גאַראַדזש וועלכן ער האַלט נאָך איצט.

אילוסטראַציע נומער 2:

געבוירן אין ניו יאָרק. ער איז איצט אין די פריע פער־ציקער, האָט אַ פרוי מיט אַ קינד און אָט וואָס פאַראַ צעטל מיט דזשאָבס אים איז אויסגעקומען דורכצומאַכן:

ערשטער דזשאָב: ווען ער האָט געענדיקט פּאַבליק־סקול, איז ער געוואָרן אַ „בוטשער־באָי״ פאַר 2 מיט אַ האַלב דאָלער אַ וואָך. צווייטער: אין אַ קאָסמעטישער פאַבריק. לאַנגע שטונדן, אומסאַניטאַרישע באַדינגונגען. 8 דאָלער אַ וואָך. דריטער דזשאָב — שיפּינג־קלוירק, $8 אַ וואָך. פערטער — קאָטער בײַ פּרויען היטעלעך, 30—$40 אַ וואָך. פינפטער דזשאָב — אַ פּרייוויליקער מאַטראָס בײַ אַנקל סעמען אין צייט פון דער וועלט־מלחמה. זעקסטער — געקויפט אַ גאַראַדזש און דערלייגט דעם קאָפּ. זיבעטער דזשאָב — אַ קעפּמאַכער. אַכטער — אַ פאַר־זיכערונגס אַגענט. ניינטער — ווידער אַ היטלמאַכער. צענ־טער — אַ טעקסי־טרייבער. עלפטער — געוואָרן מיט אַ שותף אַ „בילדינג קאָנטראַקטאָר״. געבליבן אָן אַ העמד. צוועלפטער דזשאָב — אַ בלאָקער בײַ העטס. דרייצענטער — ווידער אַ טעקסי־טרייבער. פערצענטער — גענומען, מיט אַ שותף, צוזאַ־מענקויפן אַלט גאָלד. און צום סוף געמוזט זיך ווענדן צו אַנקל סעמען נאָך רעליף.

אָט די צוויי ביישפּילן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. זיי דערציילן פון אומענדלעכע מאַטערנישן, פון אָן אַ שיעור ענערגיע און איניציאַטיווע וואָס מענטשן האָבן אָנגעווענדט זייער ציל צו דערגרייכן. די צוויי אילוסטראַציעס ריידן פאַר אַ סך פון דעם קרייז. זיי שטרייכן אונטער דעם האָרעפּאַשנעם כאַראַקטער פון אונדזער פאַמיליען־קרייז.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן אַז די גרעסטע מערהייט פון די אַריבערגעקומענע זיינען געווען אין דעם עלטער פון 15 ביז 35 יאָר. זייענדיק פון דער אַלטער היים האָרעפּאַשנע מענטשן האָט זיך יעדער איינער אויף זיין פּלאַץ געפּרובירט איינאָרדנען דורך שווערער האָרעוואַניע.

זיינען די משפחות פאַרבליבן בײַ זייערע פאַכן און באַשעפ־

טיקונגען וואָס זיי האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע, צי האָבן זיי דאָ געפונען אַנדערע קוואַלן פון פרנסה?

די באַריכטן ווייזן אַז אין אַ סך פּרטים האָבן אַ צאָל משפּחות אין אַמעריקע זיך גענומען צו נייע פרנסות.

אַזוי, למשל, זיינען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אין דער אַלטער היים באַשעפטיקט מיט וועבעריי צי מיט טרייבן אַ פערד און וואָגן, דאָ געוואָרן גאַראַדזש אייגנטימער. אַזעלכע וואָס האָבן געאַרבעט בא שניידעריי אָדער שוסטעריי זיינען דאָ געוואָרן ריעל עסטעיטניקעס אָדער קלאָוק פאַבריקאַנטן.

לויט דער אויספאָרשונג ווייזט זיך ארויס, אַז 60 פּר. מיט־גלידער פון פאַמיליען־קרייז האָבן געענדערט און פאַרביטן זייערע פריערדיקע מלאכות אויף אַנדערע פאַכן און באַשעפטיקונגען. די איבעריקע 40 פּר. זעצן פאָר כמעט די זעלבע אַרבעט וואָס זיי האָבן געטאָן אין דער אַלטער היים.

כדי לייכטער צו אָפּערירן מיט די צוזאַמענגעקליבענע סטאַ־טיסטישע מאַטעריאַלן, האָבן מיר צעטיילט „אונדזער קרייז" אין עטלעכע גרופּן. נעמענדיק איינע פון זיי, אַ מער כאַראַקטעריס־טישע, פון אומגעפער אַ 20 מענער און די זעלבע צאָל פרויען, וועלן מיר אַ קוק טאָן אויף זייערע פרנסות אין דער אַלטער היים און פרואוון נאָכפאָלגן וואָס פון זיי איז געוואָרן אין אַמעריקע:

מ ע נ ע ר

פרנסה אין דער אַלטער היים	פרנסה אין אַמעריקע
אַ היטלמאַכער	אַ קעפּמייקער
אַ פאַרמאַצעפּט	אַ פאַבריקאַנט פון קאָסמעטיקס
2 שניידער	קלאָוקס־פאַבריקאַנטן
2 שניידער	פרעסערס בא קלאָוקס
אַ שניידער	אַ באַאַמטער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן

2 פורלייט	פּרעסער בא קלאָוקס. אין „סלעק" טרייבן זיי טראָקס.
אַ שניידער	האַלט אַ גאַראַדזש.
אַ מוליער	אַ מוליער.
אַ מוליער	האַלט אַ גאַראַדזש
אַ קאַכלער	האַלט אַ גאַראַדזש
אַ וועבער	אַ רייכער ריעלעסטעיטניק
אַ דרוקער	האַלט אַ רעסטאָראַן
אַ לערער	אַ דרעס־קאַטער
אַ לעדער אַרבעטער	אַן איינקויפער אין אַ פוטער־שאַפּ.
אַ פורמאַן	אַ פוטער־אַרבעטער
אַ סטאָליער	אַ פּעדלער.
אַ שוסטער	אַ פּלאַמבער.

פון 20 פרויען וואָס האָבן אין דער אַלטער היים געאַרבעט בא וועבעריי, שניידעריי, אָדער געהאַנדלט, זיינען בלויז 2 דאָ געבליבן שאַפּ־אַרבעטער, די איבעריקע זיינען הויז־פרויען.

פאַרגלייכנדיק די מענערשע פאַכן אין אַמעריקע און אין דער אַלטער היים, זעען מיר, אַז בלויז 8 פון 20 וואָס מאַכט אויס 40 פּר. האַלט זיך אינגאַנצן אָדער טיילווייז בא זייערע אַלטע פּרנסות. די איבעריקע — ארום 60 פּר. — האָבן אינגאַנצן געביטן זייער באשעפטיקונג און זיך גענומען צו נייע, מעגלעך קיינמאָל פריער ניט געהערטע, מלאָכות, ווי פּלאַמבינג און גאראדזש געשעפטן.

ס'איז אויך נויטיק צו באמערקן, אַז די היגע הויז־פרויען האָבן די ערשטע צייט נאָך זייער אָנקומען קיין אַמעריקע גע־אַרבעט אין דרעס־שעפּער און ארויסגעהאָלפן זייערע מענער זיך איינאָרדענען אין נייעם לאַנד.

וועגן איינער פון זיי איז באוואוסט אַ פאַקט, אַז נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אין הויז און ארום עטלעכע קינדער, פלעגט זי יעדן אָוונט זיך ארייג'גנב'ענען, אַז די שכנים זאָלן ניט באמערקן,

צום מאַן אין גאַראַדזש, און ביז שפּעט אין דער נאַכט אים גע־האָלפן וואַשן די אויטאָמאָבילן.

האָבנדיק פאַר זיך אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיק בילד פון די פּרנסות פונם ערשטן דור אימיגראַנטן, איז אינטערעסאַנט באַכצופאָלגן די באַשעפטיקונג פון זייערע אַמעריקאַנער קינדער און זען וויפל פון זיי זיינען אַוועק אין די עקאָנאָמישע פוס־טריט פון זייערע עלטערן און וויפיל ציען זייער חיונה פון פּרנסות, וועלכע זיינען געווען פרעמד זייערע עלטערן אין דער אַלטער היים.

ווי פריער, וועלן מיר זיך אויך איצט באַנוצן מיט צוויי כאַ־ראַקטעריסטישע גרופּעס פון פאַמיליע קרייזן.

פאַכן פונם יונגן, אַמעריקאַנער דור

מענער	פרויען
פאָליסמאַן	הויז־פרוי
דראָגיסט	לערערן
אייגנטימער פון אַ גאַראַדזש	דעזיינערן פון שיך
פאָרמאַן אין אַ העט־פאַבריק	פּריוואַטע סעקרעטאַרשע
רופער	בוכהאַלטערן
וו. פּ. א. אַרבעטער	אָפיס מיידל
טעקסי טרייבער	סטענאָגראַפיסטקע
קאַפעטעריע מענעדזשער	העט מאַכערן
לאָיער־סיילסמאַן	דרעסמאַכערן
פּאַבליק־עקאַונטענט	סיילס־ליידי
מילכמאַן	אַרבעט אין אַ קאָנווערטן פאַבריק
לאָיער־מוליער	לאָיער־לערערן
דעזיינער	
אַוויאַציע־אינזשינער	
מאַטראָס	
בלאָקער באַ העטס	

זעען מיר, אַז אין גאַנצן מענערשן צעטל געפינען זיך בלויז צוויי פאַלן, וואו אַמעריקאַנער קינדער האַלטן זיך אָן דעם פאָ־טער׳ס מלאָכה: איינער — אַ פאָרמאַן אין אַ העט־פאַבריק, ווע־

מעס פאָטער איז געווען אַ היטל־מאַכער, און דער צווייטער — אַ מוליער'ס אַ זון, וועלכער האָט שוין עטלעכע יאָר געענדיקט אַף לאַיער, און שטייט נאָך ביז איצט צוזאַמען מיטן פאָטער אַף די רעשטעוואַניעס און בויט הייזער.

עס איז וויכטיק צו באמערקן אַז אַלס האָרעפּאַשנע מענטשן זיינען די מיטגלידער פון אונדזער קרייז פון אָנהויב אָן געווען פאַרבונדן מיט דער טרעיד יוניאָן באַוועגונג.

אַ סך פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין סטרייקס. אַ סך געהערן נאָך איצט צו דער קלאָוק, בריקלייער, מילינערי און פאַריערס יוניאָנס.

פונקט ווי זייערע טאַטעס אין דער אַלטער היים, אַזוי האָבן אויך די אַמעריקאַנער קינדער געמוזט, אַפט נאָך אין זייער פריעסטער יוגנט, אַ טראַכט טאָן וועגן ארויסהעלפן זייערע נויט באַדערפטיקע פאַמיליעס. און אויב זייערע עלטערן האָבן זיך ניט אַזוי שטאַרק גענויטיקט — איז דאָס געווען צוליב פאַרדינען אַ פאָר סענט אַף זייערע אייגענע, קליינע באַדערפענישן. פון די צוויי געגעבענע גרופּעס קינדער, איינע פון דער אַלטער, די צווייטע פון אַמעריקע, באַקומען מיר דאָס פאָלגנדיקע בילד.

אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער אַלטער היים:

אינגלעך	מיידלעך
4 צו 10 יאָר	1 צו 10 יאָר
4 " 11 "	1 " 11 "
9 " 12 "	5 " 12 "
7 " 13 "	4 " 13 "
1 " 14 "	9 " 14 "
1 " 15 "	2 " 18 "
1 " 16 "	8 האָבן ניט געאַרבעט
1 " 17 "	
1 " 18 "	
1 " 20 "	
30	30

איצט וועלן מיר די צוויי טאַבעלן פאַרגלייכן מיט דער זעלבער צאָל קינדער, געבוירן אין אַמעריקע.

אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַמעריקע:

אינגלעך	מיידלעך
3 צו 12 יאָר	1 צו 13 יאָר
3 " 13 "	2 " 14 "
10 " 14 "	5 " 15 "
4 " 15 "	9 " 16 "
5 " 16 "	7 " 17 "
1 " 17 "	4 " 18 "
1 " 18 "	2 האָבן ניט געאַרבעט
3 " 20 "	
30	30

לויט די טאַבעלעס קומט אויס, אַז אויך אין אַמעריקע האָבן די קינדער זיך ארויסגעלאָזט זוכן אַרבעט ווען זיי זיינען נאָך געווען זייער יונג. פון דעסטוועגן האָבן די קינדער פון אונדזער קרייז, ווי די מערסטע קינדער בכלל אין ניו יאָרק, געהאַט בעסערע באַדינגונגען ווי די קינדער פון דער אַלטער היים. פאַקטיש אָבער העלפן צענדליקער טויזנטער שול־קינדער דעם בוטשער, דעם לאַנדרימאַן און גראָסערימאַן אין זייערע פרייע שטונדן, און דאָס האָבן אויך געטאָן די קינדער פון אונדזערע פאַמיליעס.

אין דער צייט ווען די עלטערן פון אונדזערע קינדער האָבן ניט באַוויזן צו געניסן פון וואוילטאָג, ווייל זייערע עלטערן האָבן אַליין געלעבט אין דחקות, און אַ צוקערקע איז פאַר זיי געווען אַ געשעעניש, האָבן די אַמעריקאַנער קינדער פון די ביאַליסטאָקער עלטערן געהאַט באַנאַנעס מיט אָראַנדזש זאַפט, געזעסן אין ליכטיקע לופטיקע שולצימערן, און געשפּילט באַל מיט קינדערשן ברען.

אַ צאָל פון זייערע עלטערן האָבן אין לויף פון יאָרן באַוויזן

צו ווערן פאַבריקאַנטן, ריעל עסטעיטניקעס, און די וואָס זיינען רייך ניט געוואָרן, האָבן געמאַכט אַ שווערן, אָבער אַ גוטן לעבן.

דערפאַר באמערקן מיר אַ ירידה ביי די פאַמיליעס מיטן אָנקום פונם קריזיס פון 1929. דער חורבן וואָס יענער קראַך האָט אָנגעמאַכט אין אַמעריקע האָט אויך געהאַט זיין ווירקונג אויף דעם פאַמיליען קרייז. אַרבעטער וואָס האָבן פריער גאַנץ גוט פאַרדינט און געלעבט אַ רואיקן צופרידענעם לעבן, האָבן פלוצלינג אָנגעהויבן צו קריגן איין שניט נאָכן צווייטן. מענטשן וואָס זיינען פאַר יאָרן געזעסן אויף גוטע דזשאָבס, אָדער פאַרמאָגט גוט איינגעאָרדנטע „ביזנעס" זיינען פלוצלינג ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס און געבליבן אָרימעלייט.

דער קריזיס האָט געטראָפן אַ צאָל מיטגלידער פון אונדזער קרייז, נאָר קיין קאַטאַסטראָפאַלע ווירקונג האָט ער פון דעסטוועגן אויף זיי ניט געהאַט. זייער לעבנס סטאַנדאַרד איז היפּשלאַך ארונטערגענידערט געוואָרן, נאָר זיי זיינען ניט געבליבן אויסגעזעצט צו הונגער.

היינט צו טאָג שטעלן די וועכנטלעכע פאַרדינסטן פון די מיטגלידער פאָר די פאָלגנדיקע טאַבעלע:

צאָל משפחות	קריגן אריין וועכנטלעך
3	צו $100 און מער
6	פון 60 ביז $70
20	" 40 " $50
15	" 30 " $40
10	" 20 " $25
5	" 15 " $20
1	אַרבעטלאָז.

פאַרשטייט זיך, אַז דער עקאָנאָמישער וואוילזיין פון דער פאַמיליע איז אָפּהענגיק לויט איר צאָל מיטגלידער און עס איז דערפאַר וויכטיק אָנצואווייזן די גרויס פון די פאַמיליעס פון אונדזער קרייז.

די באַריכטן דערציילן, אַז ניט געקוקט אויף דער גרויסער אָרעמקייט, איז די צאָל קינדער אין דער אַלטער היים געווען זייער גרויס. לויט דער אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען פון 50 פאַמיליעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז:

צאָל משפחות	צאָל קינדער (ניט אריינרעכענענדיג די פארשטאָרבענע)
6	פון 10 ביז 12
8	" 7 " 10
10	" 5 " 7
12	" 4 " 5
14	" 3 " 5

סך הכל 50 פאַמיליעס

די קינדער פון אָט די עלטערן, סיי אין דער אַלטער היים, און שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, האָבן גאַנץ היפּשלעך רעדוצירט די צאָל קינדער.

לויט ווי די סטאַטיסטיק ווייזט האָבן:

צאָל משפחות	צאָל קינדער
2	צו 8
1	6
3	5
3	4
12	3
18	2
8	1
5	פון די עלטערע האָבן אינגאַנצן ניט קיין קינדער.
8	יונגע פּאָרלעך האָבן אינגאַנצן ניט קיין קינדער.
60	פאַמיליעס, צוזאַמען 129 קינדער.

די טאַבעלעס ווייזן, אַז די משפחות פון אונדזער קרייז האָבן נאָכגעפאָלגט די אַלגעמיינע אַמעריקאַנער טענדענץ פון האָבן וואָס ווייניקער קינדער. אין דער צייט וואָס אין דער אַלטער היים

האָבן זייערע עלטערן געהאַט כמעט ווי צו זיבן קינדער אויף אַ משפחה, האָבן זייערע קינדער דאָ אין אַמעריקע געהאַט צו עטוואָס אַריבער צוויי קינדער.

אין דער אַלטער היים, צי אַפילו אין די קליינע ישובים דאָ אין אַמעריקע, איז דירה ניט אַזאַ שאַרפע פּראָבלעם ווי עס איז די פראַגע פון וואוינונגען אין אַזאַ שטאָט ווי ניו יאָרק. דאָ איז דירה געלט איינער פון די שווערפּונקטן. „באַפריי מיך פון רענט און איך בין פריי פון דעם גרעסטן קאַפּוויטאַג", איז דאָ זייער אַ פּאָפּולער ווערטל. ווען אַ פאַמיליע פאַרדינט 30 צי אַפילו 35 דאָלאַר אַ וואָך און אַז זי דאַרף אַ וואָך שכירות אָפּגעבן אויף דירה־געלט, איז דאָס אַ געוואַלדיקער פּראָצענט פון די פאַרדינסטן.

עס וועט דעריבער זיין אינטערעסאַנט צו זען ווי גרויס זיינען די וואוינונגען פון אונדזערע פאַמיליעס, און וויפיל געלט זיי צאָלן.

10 משפחות פאַרמאָגן אייגענע הייזקעס, מערסטנס אין ברוקלין, געוויינלעך פונם צווייפאַמיליען טיפּ, מיט 5 אָדער 7 צימערן.

2 משפחות באַוואוינען צו 6 צימערן.
3 — צו 5 צימערן
15 — צו 4 צימערן
24 — צו 3 צימערן
6 — צו 2 צימערן.

אין פּרט פון דירה־געלט צעטיילן זיך די פאַמיליעס אַפן פאָלגנדיקן אופן:

10 משפחות האָבן אייגענע הייזקעס. זייערע אויסגאָבן זיינען געוויינלעך צווישן 30 און 40 דאָלאַר אַ חודש.

(אויסנאַמען זיינען די צוויי ברידער, די קלאָוק־פאַבריקאַנטן, וואָס באַוואוינען רייכע הייזער).

7 צאָלן צווישן 50 און 60 דאָלאַר אַ חודש דירה־געלט.
14 צאָלן — צווישן 40 און 50 דאָלאַר.
16 צאָלן — צווישן 30 און 40 דאָלאַר.
6 צאָלן — צווישן 25 און 30 דלאָלאַר.
7 צאָלן — צווישן 15 און 20 דאָלאַר.

60

צוועלף פאַמיליעס פון אונדזער קרייז האָבן אייגענע אויטאָ־מאָבילן. ארום 70 פּראָצענט האָבן פארשיידענע פאָרמען פון אינשורענס־פּאָליסיס. דער דורכשניט פון די אינשורענס איז פון 1,000 ביז 2,000 דאָלאר. אין פאַרבינדונג מיט דעם איז וויכטיק צו באמערקן אַז צוליב די שלעכטע צייטן האָבן עטלעכע אין דעם קרייז געמוזט איינגאַנצן אויפגעבן זייערע אייגענע פּאָליסיס ווי אויך די פּאָליסיס פון זייערע קינדער. 40 פּראָצענט האָבן טע־לעפאָנען אין די הייזער. 75 פּראָצענט האָבן „פרידזשידעירס". 13 פּראָצענט וואוינען אין עלעווייטער אַפּאַרטמענטס. 80 פּראָ־צענט רייניקן אַליין די הייזער. 2 פּראָצענט האָבן שטענדיקע דינסטן. 30 פּראָצענט האָבן „וועקיום־קלינערס".

אַזוי ארום קען מען דעם עקאָנאָמישן מצב פון אונדזער קרייז צעטיילן אף דריי חלקים:

אָפן סאַמע שפּיץ פונם לייטער געפינען מיר — איין דער־פאָלגרייכן ריעלעסטייטניק, צוויי ברידער — רייכע קלאָוקס־פאַבריקאַנטן, איין אייגנטימער פון אַ קאָסמעטיק פאַבריק און עט־לעכע בעלי־בתים פון קלענערע שעפער — צוזאַמער ארום אַ 10 פּראָצענט. דעם מיטלסטן שטאַפּל פאַרנעמט די מערהייט: דאָס זיינען קליינע סוחרים, אייגנטימער פון גאַראַזשן און בעסער באַ־צאָלטע אַרבעטער. זיי ציילן ארום 70 פּראָצענט. און צום סוף קומען די האַרעפּאַשניקעס: שניידער, שוסטער, די דריי וו. פּ. א. אַרבעטער און דער איינציקער אַרבעטלאָזער אין קרייז 20 פּר.

די יוגנט

לויט די באריכטן וואָס זיינען אריינגעבראַכט געוואָרן וועגן דער יוגנט, די אַמעריקאַנער געבוירענע, האָבן בלויז 10 פּראָצענט פון זיי פאַרגעזעצט די זעלבע מלאָכות פון זייערע עלטערן. די גרעסטע מערהייט האָבן זיך געלאָזט אין גאַנצן אויף אַנדערע געביטן. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן באשעפטיקונגען פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. למשל: די כאַראַקטעריסטישע מלאָכות פון זייערע עלטערן אין דעם קרייז זיינען: נאָדל טרעיד אַרבעטער, גאַראַדזש אייגנטימער און בריקליירערס. די אַמעריקאַנער געבוי־

רענע, אָדער אַזעלכע וואָס זיינען אַהער געקומען זייער יונג, האָבן זיך גענומען צו אַזעלכע פּראָפעסיעס און פאַכן ווי: מענער — לאָ־פּראַקטיק, דראָגיסטן, טעקסי דרייווערס, קלוירקס, מענעדזשערס, פּאַרלייט, מילכלייט; און פרויען — בוכהאַלטערנס, סטענאָגראַ־פיסטקעס, סיילסליידיס און לערערנס.

די באַריכטן דערציילן, אַז אַ היפּשע צאָל פון דער יוגנט האָט צוליב דעם קריזיס געמוזט אויפגעבן קאָלעדזש, אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט בדעה צו שטודירן און ווערן פּראָפעסיאָנאַלן, האָבן, צוליב דער זעלבער סיבה, געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זייערע שטרעבונגען. אַ סך פון זיי וואָס האָבן אַפילו באַוויזן צו גראַ־דואירן און קריגן דיפּלאָמעס, פאַרנעמען זיך איצט גאָר מיט אַנ־דערע אַרבעטן. מיר ווייסן פון צוויי יונגעלייט וואָס זיינען גראַ־דואירטע לאָיערס, איז איינער אַ בריקליייער, טראָגט אַ פאַרטוך און לייגט ציגל, און דער צווייטער אַרבעט בא זיין פאָטער אין פּאַרפיום־פאַבריק אַלס סיילסמאַן.

די פּראָבלעם פון קריגן אַרבעט, די ניט זיכערקייט מיט דעם דזשאָב, די אַלגעמיינע שווערקייט פון ארויספאַרבעטן זיך, האָט די יונגע אין אַ גאָר גרויסער מאָס אויסגעניכטערט און זיי זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר דער דילעמאַ פון: „ליטל מען, וואָהט נאַו?"

אין איינעם פון די באַריכטן שטויסן מיר זיך אָן אויף אַזאַ ווייגעשריי. אַ צוואַנציק יאָריקער זון פון איינעם פון די משפּחות, וועלכער איז אַ פּרעסער ביי קלאָוקס, רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן. ער דערציילט אַזוי:

„איך האָב געלערנט מיט גרויס חשק, געקראָגן אַלע מאָל די העכסטע אויסצייכנונגען, דורכגעמאַכט פּאָבליק סקול, היי סקול, און אויך קאָלעדזש, און, נאָך אַלעמען, ווייס איך ניט צו וואָס איך זאָל זיך נעמען. שוין וואָכן אַז איך זוך, נישטער אין די ,עדס' פון די צייטונגען, אפשר וועט זיך מאַכן עפּעס צו טאָן, נאָר — אַ נעכטיקער טאָג. איך בין שוין מיד און פאַרצווייפלט פון ארומדרייען זיך איבער די גאַסן. סוף כל סוף וועל איך זיך אַנ־שליסן אין דער אַרמיי, קיין אַנדער אויסוועג זע איך ניט".

אין אָנהויב פון אַרטיקל האָבן מיר באַמערקט, אַז די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם, די פראַגע פון דיסקרימינאַציע קעגן אידן, האָט פאַרשאַרפט די עקאָנאָמישע לאַגע און באַזונדערס פון דעם יוגנטלעכן. כאָטש מען קען ניט ריידן פון דיסקרימינאַציע קעגן אידן אַף אַ ברייטן מאַסשטאַב, פאַסירן אָבער לעצטנס זייער אָפט פאַלן וואו היגע געבוירענע אידן קריגן ניט קיין אַרבעט צוליב זייער אָפּשטאַם.

אַזאַ פאַל פון עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם האָט פאַסירט מיט אַ טאָכטער פון אַ מיטגליד פון קרייז. זי האָט זיך געווענדט צו דער עלעקטריק קאָמפּאַניע נאָך אַ דזשאָב. זי האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַן עקזאַמען. זי איז נאָכגעקומען אַלע כללים אַף דעם גלענצענדסטן אופן, און דאָך האָט זי דעם דזשאָב ניט געקראָגן, ווייל מען האָט אויסגעפונען אַז זי איז אַ אידישע. אַ צווייטע, וועלכע אַרבעט אַלס אַ פּריוואַטע סעקרעטאַרשע בא איינעם פון די בעלי־בתים פון אַ רייכן „אימפּאָרט הויז", דערציילט, אַז טאָג איין, טאָג אויס קומט איר אויסצוהערן באַליידיקנדיקע באַמער־קונגען אויף דעם אידישן אַדרעס. זיי, אין אָפּיס, ווייסן ניט אַז זי איז אַ אידישע טאָכטער און רעדן פאַר איר פריי. מיט טרערן אין די אויגן קומט איר אויס צו איינזאַפּן אין זיך די העצעס וואָס ווערן געטריבן קעגן אידן.

די אַלגעמיינע אַרבעטלאָזיגקייט אין לאַנד פון איין זייט און דער וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם פון דער צווייטער — שפּיגלען זיך אָפּ קלאָר אין דעם לעבן פון נייעם דור פון אונזער פאַמיליע קרייז און איז מאַסגעבנדיק פאַר דער לאַגע פון דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט בכלל.

V

בילדונג און קולטור פון פאַמיליע־קרייז

1. דער עלטערער דור.

אם אין קמח, אין תורה. דער ברייטער זין פון אָט־דעם אמת אַנטפּלעקט זיך, אין אַ גרויסער מאָס, ווען מע שטודירט געַנוי דורך די לעבנס־באַשרייבונגען פון די אינדיווידועלע מיט־גלידער פון אונדזער פאַמיליע־קרייז. פון אַזאַ דורכשטודירן די איינצלנע באַריכטן וואַקסן שוין, ווי פון זיך אַליין, אַרויס די פאַקטן און ציפערן, דער סך־הכל פון דעם היימישן און היגן קולטור־באַגאַזש פון די אינטערוויואירטע משפחות.

ווער איז דער אַלטער דור פונם פאַמיליען־קרייז? פון וואַנען שטאַמט ער? ביי ווען האָט ער זיך דערצויגן? פון וועלכן קלאַסן־שיכט קומט ער? — דאָס זיינען גרונטאָוונע פראַגעס, ווען מען פאַרנעמט זיך געבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער קולטורעלער הויך, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער געזעלשאַפטלעכער פאַזע, פון אַ גרופּע מענטשן.

דערציילט אונדז איינער, אַ מיטגליד פונם פאַמיליע־קרייז, איינער פונם אַלטן דור: זיין טאַטע איז געווען אַ בעל־עגלה, אַ קבצן. אין הויז — אַ ווייב מיט זעקס קינדער. מע האָט גע־ליטן הונגער, מע איז געווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די מאַמע האָט געמוזט אַרויסהעלפן מיט פרנסה. זי האָט זיך אַרומגע־שלעפּט איבערן מאַרק, איינגעהאַנדלט מציאות און זיי פאַר־קויפט, מיט אַ קליינעם רווח צו די מער באַמיטלטע אידן פון שטאָט. ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן איז ער, אונדזער מיט־גליד, שוין אַלט געווען צען יאָר. מען האָט אים אַרויסגענומען פון חדר און אָפּגעגעבן צו אַ בעל־עגלה, דערנאָך צו אַ מוליאַר, דערנאָך ווידער צו אַ בעל־עגלה, א. אַז. וו. זיין פּראָצעס פון בילדונג האָט אויפגעהערט אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך, צו צען יאָר, אָוועקגעזעצט אויף דער קעלניע און אַ טשוויק געטאָן

מיט דער בייטש איבער די פערד: „וויאָ, פערדעלעך, נאָך פרנסה!"
מער ווי דאַוונען, ווי אַביסל לייענען און שרייבן אידיש —
שרייבן קוים-קוים! — האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט. ערשט
אויפן וועג קיין אַמעריקע, ווען ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן אַ
בריוול צו זיין יונג ווייבל, האָט ער דערפילט, אַז אַפילו קיין
אידיש קען ער נישט שרייבן, אַזויפיל מאַטערניש האָט אים גע־
קאָסט אָנשרייבן עטלעכע ווערטער. ס'לאָזט זיך נישט זאָגן, אַז
דער־אָ מענטש איז געווען אינגאַנצן קולטורלאָז. אמת, די לאַנד־
שפּראַך, רוסיש, האָט ער לייענען און שרייבן נישט געקענט. די
עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן נישט דערלאָזט, אַז קינדער פון זיין
שטאַנד זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו באַזוכן וועלכע עס איז אַנ־
דערע שול, חוץ אַ חדר. די קולטור פון אידישקייט, פון דאַווע־
נען, פון מעשות און לעגענדעס פון דער וויטער, אידישער פאַר־
גאַנגענהייט, איבערגעגעבן פון די עלטערע דורות צו די קינדער
— אָט־די קולטור האָט ער געהאַט. זיין פאַנטאַזיע איז געווען
אָנגערעגט; זיין וואונטש צו קענען, צו האָבן אַ מעגלעכקייט זיך
צו לערנען איז געווען וואַך. נאָר דערגרייכן עס, מאַכן פון דעם
וואונטש אַ רעאַליטעט, דאָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן.

כמעט אַלע פון דעם אַלטן דור, סיי מענער, סיי פרויען, רעדן
וועגן דעם מאַנגל פון זייער בילדונג מיט טיפן באַדויער. מע האָט
אָנגעהויבן אַרויסהעלפן אין הויז מיט פרנסה צו אַכט, צו צען,
צוועלף און פערצן יאָר. מע איז אַוועק אַרבעטן ביי מוליערייַ,
צו בעל־עגלות, אין די ביאַליסטאָקער טוך־פאַבריקן. אַ גאָר קנאַפּע
צאָל פון די אינטערוויואירטע האָט באַזוכט אַ רוסישע עלעמענ־
טאַר שול, אָדער אַ העכערע שול. מיר ווייסן אויך נישט פון קיין
איין מענטשן אין פאַמיליע־קרייז, וואָס געהערט צום אַלטן דור,
וועלכער זאָל האָבן געקומען קיין אַמעריקע אָן אויסשטודירטער, אַ
פּראָפעסיאָנאַל; נישט פון קיין איינציקן, וועלכער זאָל האָבן אין
אַלטן, צאַרישן רוסלאַנד פאַרענדיקט אַ העכערע שול. חדר, ישיבה,
רוסישע עלעמענטאַר־שול, אַ טעכנישע שול — דאָס איז דאָס
העכסטע, וואָס די אָרעמע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג
האָבן אין דער אַלטער היים געקענט דערגרייכן. אונזער אויספאָר־

שונג פונם פאַמיליע־קרייז באַווייזט, אַז די אידישע בילדונג פונם אַלטן דור טיילט זיך איין ווי פאָלגט:

80% זיינען געגאַנגען אין חדר.

15% זיינען געגאַנגען אין אַ ישיבה.

5% האָבן באַזוכט אַ העברייאישע שול.

צווישן זיי זיינען פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן געהאַט אויך אַן אַלגעמיינע בילדונג. דער פּראָצענט איז נישט קיין גרויסער. ער טיילט זיך איין:

20% האָבן באַזוכט אַ רוסישע עלעמענטאַר־שולע.

1% איז געגאַנגען אין אַ טעכנישער שולע.

אָט־די אויבן־אָנגעגעבענע ציפערן גיבן אַ באַגריף וועגן דער בילדונג פונם אַלטן דור מענער אין דער אַלטער היים. די ביל־דונג פון די פרויען פונם אַלטן דור איז געשטאַנען נאָך אויף אַן ערגערער שטופע. זיי, די פרויען, האָבן שוין פון אַ גאָר פריער קינדהייט געמוזט זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון הויז און פאַבריק־אַרבעט. די פּראָבלעם פון געבן זיי אַ וועלכע עס איז בילדונג, איז ביי זייערע עלטערן נישט געווען אַזוי אַקטועל, ווי זי איז עס געוויינטלעך ביי אידישע עלטערן צו זייערע זין. זיינען די רעזולטאַטן אויף אַזויפיל נעגאַטיווער, ווי עס באַווייזן פאָלגנדיקע ציפערן:

70% האָבן, ווייזט אויס, גאָר קיין אידישע בילדונג ניט באַקומען.

20% זיינען געגאַנגען אין חדר.

10% האָבן זיך געלערנט אידיש פּריוואַט.

אינגאַנצן 10 פּראָצענט פון די פרויען האָבן באַזוכט אַ רוסישע עלעמענטאַר־שול. די איבעריקע האָבן אין זייער יוגנט פון קיין אַלגעמיינער בילדונג ניט גענאָסן.

דאָס מיינט נישט, אַז סיי די מענער, סיי די פרויען זיינען נישט באַווירקט געוואָרן פון אַנדערע, דרויסנדיקע קולטור־איינ־פלוסן פון אַ גועזלשאַפטלעך־פּאָליטישן כאַראַקטער. סיי די רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג, סיי דער ציוניזם האָט ביז אַ געוויסן גראַד געווירקט אויף אַ צאָל יחידים און סטימולירט זייער דראַנג

צו באַקענען זיך בעסער מיט דער טעאָרעטישער זייט פון די באַוועגונגען. אינם פאַל פונם אַלטן דור אין אונדזער פאַמיליע־קרייז איז די ווירקונג פונם „בונד" געווען די דאָמינירנדיקע. אינטערעסאַנט איז, אַז דוקא יענער טייל מענער און פרויען, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון אַ געזעלשאַפטלעכער שטרעמונג (אין דעם פאַל דערהויפּט דער „בונד"), איז געווען באַלעזענער, גראַמאַטנער. מע האָט פאַרגנבעטערהייט געלייענט די פאַרבאָטענע ליטעראַטור. אין די אָפענע אַרבעטער, לייען־און שטודיר־קרייזן, האָט מען געלייענט די שיינע אידישע ליטעראַטור.

לויט אונדזער אויספאָרשונג זיינען 14% פון דעם אַלטן דור געווען אונטער אַזאַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן איינפלוס. נישט קיין שלעכטער דורכשניט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די גע־פאַר, וואָס האָט אין יענער צייט געלויערט אויף יעדן, וועלכן די רעגירונג האָט בלויז פאַרדעכטיקט, אין האָבן וועלכע עס איז שייכות מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נויט, אָרעמקייט, אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען — אָט דאָס זיי־נען געווען ווירקנדיקע פאַקטאָרן אין דעם מאַנגל פון בילדונג און דערציאונג פונם אַלטן דור מענער און פרויען, מיטגלידער פון אונדזער פאַמיליען־קרייז. פאַקטאָרן, וואָס האָבן איבערגעלאָזט, געמוזט איבערלאָזן, שפּורן. די שפּורן זיינען טיפע און אין דעם פּראָצעס פון איבערוואַנדערונג און איבערפלאַנצן זיך אין אַן אַנ־דער לאַנד, אין אַן אַנדערער סביבה און אַן אַנדערער שפּראַך, קומען זיי נאָך דייטלעכער צום אויסדרוק.

. . . פון דער שיף איז ער אַרונטער אין באָסטאָן: גלייך געגומען אַ „טרעין" קיין ניו־יאָרק, וואו ער איז פאַרפאָרן צו אַ שוועסטער „דאַנטאַן". ביי דער שוועסטער האָט ער פאַרבראַכט אַ טאָג און אויף מאָרגן איז ער שוין געווען אַ „באָרדער" ביי אַ ברודער אין בראַנזוויל. אויפן דריטן טאָג אין אַמעריקע איז ער שוין געשטאַנען אויף אַ „סקעפאָלד" און געלייגט ציגל. אפילו דעם אָטעם נישט אָפּגעכאַפּט. אַזוי דערציילט איינער פון דעם פאַמיליען־קרייז. היינט איז ער שוין אַ מענטש אין די פופציקער, ער האָט אין אַמעריקע „געמאַכט גוט", אָבער קיין שפּראַך האָט ער

כמעט נישט. זיין ענגליש איז אָרעם און האַמעטנע, שוין אָפּגע־רעדט פונם אַקצענט. זיין אידיש איז אַ מישמאַש פון ענגלישע און אידישע ווערטער. אויפן שרייבער וועלכער אינטערוויואירט אים, קוקט ער מיט פאַרוואונדערטע אויגן: „דו הערסט", זאָגט ער צו זיין פרוי, „ווי ער רעדט אידיש? פונקט ווי אין יוראָפּ—."

ביידע, ער און זיין ווייב, האָבן אין אַמעריקע קיינמאָל נישט באַזוכט קיין אָוונט-קורסן. נישט געווען קיין צייט. זי — אַ פאַרהאָוועטע, אַ פאַריאָגטע מיט הויז־אַרבעט, מיט די קינדער. ער — צען, צוועלף שעה אין טאָג אויף דער רעשטאָוואַניע. וואָס מער שטונדן אין טאָג — אַלץ בעסער! מע האָט געדאַרפט אָפּשפּאָרן אַ טאָלער. מע האָט געדאַרפט אַריבערברענגען קיין אַמעריקע אַן אייגענעם. מע האָט געדאַרפט אַרויסהעלפן די איבערגעבלי־בענע אין דער אַלטער היים. ווער האָט עס, אין יענע יאָרן, גע־האַט צייט צו גיין זיך לערנען אין די אָוונטן! די שכירות זיינען געווען קליינע, די אַרבעט-שטונדן לאַנגע — מ'איז געווען אויס־געשעפּט.

אַזעלכע און ענלעכע ענטפערס הערט מען, ווען מען פּרואווט זיך דערגרונטעווען צו דעם קולטור־צושטאַנד פון דער פאַמיליע. נישט יעדער נוסח איז דערזעלביקער. ס'ווערט פאַרן אויספאָרשער אָבער קלאָר, אַז די הויפּט־אורזאַכן פאַרן מאַנגל אין בילדונג זיי־נען פון אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער. אפילו דאָרט, וואו עס איז געווען אַביסל מער צייט, מער מעגלעכקייט פאַר קולטורעלער אַנטוויקלונג ביי די מענער און פרויען פונם אַלטן דור, איז אָבער דער דראַנג, דער חוש פאַר וויסן, פאַר האָבן פאַרגעניגן פון לערנען זיך, געווען אַזוי פאַרנאַכלעסיקט און נישט אַנטוויקלט, אַז מע האָט זיך אַליין וועגן אָט-דעם מאַנגל אַפילו קיין חשבון נישט אָפּגע־געבן.

עס זיינען, נאַטירלעך, צווישן די מיטגלידער פונם פאַמיליען־קרייז געווען אַזעלכע, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ דראַנג צו לער־נען, וואָס האָבן באַזוכט אָוונט-קורסן, געלערנט ענגליש, געליי׳ענט ביכער און אין אַלגעמיין געסטאַרעט זיך פירן אַ קולטורעל לעבן. אַזעלכע געפינען מיר אָבער אין אַ קליינער צאָל. עס וואָלט

אָבער זיכער געווען אומגערעכט צו באהויפּטן, אַז די מיטגלידער פונם פאַמיליען־קרייז, וועלכע זיינען אין אַ גרויסער מאָס כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דורכשניטלעכער, איינגעוואַנדערטער אידישער פאַמיליע אין אַמעריקע, האָבן געפירט און פירן אַ קולטורלאָז לעבן. מענטשן, וועלכע לייענען אַ טעגלעכע צייטונג, וועלכע הערן זיך איין צו ראַדיאָ־פּראָגראַמען, וועלכע באַזוכן „מואַוויס" און טעאַטערס און ענלעכע פאַרוויילונג־פּלעצער — אַזעלכע מענטשן פירן שוין ממילא נישט קיין לעבן אָן קולטור. עס שטעלט זיך בלויז די פראַגע: וואָס זוכן די מענטשן אין זייערע פאַרוויילונגען — אין זייערע ראַדיאָ־פּראָגראַמען, אין זייערע צייטונגען א. אַז. וו. און נאָך — קענען זיי זיך פאַנאַנדערקלייבן אין גוטער און שלעכטער פאַרוויילונג, אין עכטער און אומעכטער קונסט; זוכן זיי דעם עסטעטישן גענוס פלוס אונטערהאַלטונג, צי זוכן זיי בלויז אַ „גוד טאַים"? עס ווייזט אויס, אַז אַ היפּשער טייל זוכט דאָס לעצטע: דאָס ביליקע אידישע טעאַטער, דורכשניטלעכע פילם־בילדער, לייכטע ראַדיאָ־פּראָגראַמען. ביכער לייענט מען זעלטן. מיט אידישע, אָדער אַלגעמיינע קולטור־פּראָבלעמען אינטערעסירט מען זיך ווייניק. עס איז צום באַדויערן, וואָס נאָך אַ סך יאָרן אין אַמעריקע, נאָך אַ סך יאָרן לייענען אידישע צייטונגען, איז דער אינטערעס פאַר אידישער ליטעראַטור אַזאַ קנאַפּער. אויך דאָ זיינען פאַראַן אויסנאַם־פאַלן. ס'הייסט: מענטשן אינם פאַמיליע־קרייז, וועלכע ווייזן יאָ ארויס אינטערעס צו אידישע און אַלגעמיינע קולטור־פראַגן, אָבער דאָך זיינען זיי אויסנאַמען. אַפילו צווישן יענע משפחות, וואו עס געפינט זיך אַ ביבליאָטעק אין הויז, באַשטייט די ביבליאָטעק מערסטנס פון טעקסט־ביכער, לערן־ביכער פאַר די קינדער, ענגלישע ליטעראַטור, וועלכע ווערט געלייענט פון די קינדער, און ביכער צו וועלכע מען רירט זיך נישט צו, וועלכע זיינען אַ מין דעקאָראַציע און וועלכע האָבן בלויז די מיסיע פון אויספילן די פּאָליצעס פונם ביכער־שראַנק. איז טאַקע נישט קיין וואונדער, וואָס דער דורכשניטלעכער מיטגליד פון דער פאַמיליע, פונם אַלטן דור, ווייס נישט פון אַזאַ זאַך ווי באַציאונג צו זיין אייגענער שפּראַך, צו דעם וואָרט, וואָס דאַרף

זיין דער פאַרמיטלער פון זיין טראַכטן און פילן, צווישן אים און זיין אומיטלבאַרער סביבה.

דערציילט אַ פרוי פונם אַלטן דור, דוקא איינע, וואָס לייענט אַ אידישע צייטונג יעדן טאָג, וואָס גייט אין אידישן טעאַטער און האָט ליב אידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען — דערציילט זי וועגן אַ פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק אין אַזאַ אידיש: „—האָבן די פּאָגראָמ־שטשיקעס גענומען נאָקן אין די טירן און געשריען: קאָם אָן, אָטוואָרי דהי דאָר!"

דאָס איז בלויז איין זאַץ פון אַ גאַנצער געשיכטע, וועלכע איז געווען ענג דורכגעפלאָכטן מיט אַזעלכע מוסטערן פון שפּראַך, זיכער האָט זי געקענט אַביסל רוסיש. אָבער אין איר אומשולדיקער באַציאונגלאָזיקייט צו שפּראַך, פעלט איר אַפילו דאָס באַוואוסטזיין, אַז זי האָט נישט קיין איין שפּראַך, וועלכע איז באמת אירע.

אַן אַנדערע פרוי זאָגט זייער אומשולדיק און מיינט אַז זי רעדט אידיש: „איך האָב גאָרנישט געהאַט אין מאַינד, אַז איך דאַרף זיך וואַטשן אויפן סאַיד־וואָק".

אָט איז אַ טאַבעלע פון די פאַרשידענע צווייגן פון בילדונג ביי דעם אַלטן דור פונם פאַמיליען־קרייז, דאָ אין אַמעריקע, אויף ווי ווייט מיר האָבן געקענט דערגיין:

מענער:

40% האָבן באַזוכט ענגלישע אָוונט קלאַסן.
6% באַזוכן וו. פּ. א. קלאַסן.
5% האָבן באַזוכט האַי־סקול אין די אָוונטן.

פרויען:

15% האָבן באַזוכט אָוונט קורסן.
12% באזוכן וו. פּ. א. קלאַסן.

ס'ווייזט אויס, אַז אין האַי־סקול, אין די אָוונטן, איז פון דעם עלטערן דור פרויען קיין איינע נישט געגאַנגען.

פון די מענער רעדן פליסיק ענגליש 20%; פון די פרויען: 25%.

אַז וואָס עס דערציילן די באַריכטן וועגן ביכער־שראַנקן ביי די פאַמיליעס פונם אַלטן דור:

30% האָבן ענגלישע און אידישע ביכער.
15% בלויז ענגלישע ביכער.
12% האָבן מערסטנס אידישע ביכער.
8% פון די פאַמיליעס האָבן אינגאַנצן נישט קיין ביכער.
2% בלויז רעליגיעזע ספרים.

די איבעריקע 23% האָבן אינגאַנצן נישט קיין ביכער־שראַנקן.

אַז ווי עס ווערט פאַרטיילט, לויט אונדזערע באַריכטן, דאָס לייענען פון ביכערביים אַלטן דור מענער פונם פאַמיליען־קרייז:

4% לייענען בלויז אידישע ביכער.
16% לייענען ענגלישע און אידישע ביכער.
25% לייענען אינגאַנצן נישט קיין ביכער.
30% לייענען זעלטן.
25% נישט באַוואוסט.

נישט אומעטום האָט מען געקענט דערגיין צי לייענט מען טאַקע, צי לייענט מען נישט; נישט אומעטום האָט מען געקענט דערגיין וועלכן סאָרט ליטעראַטור מען לייענט. אויף ווי ווייט מיר ווייסן, לייענען די בעסערע ליטעראַטור און ביכער פון קלאַסיקער, סיי אידיש, סיי ענגליש, און די מאָדערנע, גוטע ליטעראַטור בלויז 16%. די איבעריקע לייענען, ווייזט אויס, וואָס עס קומט זיי אין די הענט אַריין. דאָס אַליין מוז שוין לאָזן אַ צווייפל וועגן דער קוואַליטעט פון די ביכער וואָס זיי לייענען. דאָס איז וועגן די מענער. וועגן דעם לייענען פון די פרויען פונם אַלטן דור איז אויך געווען שווער צו קומען צו באַשטימטע אויספירן. עס טיילט זיך איין אומגעפער אַזוי:

8% לייענען בלויז אידישע ביכער.
14% לייענען בלויז ענגלישע ביכער.
18% לייענען ביידע שפּראַכן.
23% לייענען אינגאַנצן נישט קיין ביכער.
37% נישט באַוואוסט.

די מערסטע פון די פרויען, וואָס לייענען, זוכן דעם „שפּאַנ־ענדיקן ראָמאַן". בלויז אַרום אַ 6%, לויט אונדזערע באַריכטן, לייענען באַוואוסטזיניק דאָס בעסערע, דאָס וואָגיקערע בוך.

די מערסטע מיטגלידער פונם פאַמיליען־קרייז, פונם אַלטן דור, גייען אין די פאַרשידענע טעאַטערס. די איינטיילונג פון אינטערעס צום בעסערן און ביליקערן אידישן טעאַטער איז מער־ווייניקער גלייכמעסיק:

35% גייען אין בעסערן אידישן טעאַטער.
65% באַזוכן דאָס ביליקערע אידישע טעאַטער.

פון די אויבן־דערמאָנטע גייען 20% סיי אין אידישן, סיי אין ענגלישן טעאַטער. 10% פון די דערמאָנטע האָבן ליב ענגלישע אָפּערעטעס.

אין די מואוויס גייט מען אַ היבש ביסל מער ווי אין די טעאַטערס. לויט אונדזערע באַריכטן, ווייסן מיר:

90% גייען אין די מואוויס.

דער געשמאַק פאַר די פאַרשידענע פילמען טיילט זיך איין:

8% האָבן געזען — און האָבן ליב — אידישע פילמען.
30% האָבן ליב אַלגעמיינע, בעסערע פילמען.
12% האָבן געזען, און האָבן ליב זען, סאָוועטישע פילמען.

דער איבעריקער טייל האָט גלאַט ליב מואוויס און מען זעט וועלכן פילם עס מאַכט זיך.

וועגן ראַדיאָס און מוזיק ביי די פאַמיליעס פונם אַלטן דור:

100% האָבן ראַדיאָס אין הויז.
16% האָבן ליב בלויז ענגלישע פּראָגראַמען.
50% האָבן ליב אַלגעמיינע לייכטע פּראָגראַמען.
34% האָבן ליב קלאַסישע מוזיק־פּראָגראַמען.
40% האָבן, לויט אונדזערע באַריכטן, ליב אידישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען.
6% גייען צו קאָנצערטן.
10% באַזוכן אָפּערעס.

דאָס לייענען פון צייטונגען, וועלכע זיינען אייגנטלעך דער

הויפּט־פאַקטאָר אין באַאיינפלוסן דאָס קולטורעלע לעבן פון דער אידישער פאַמיליע פונם אַלטן דור, טיילט זיך איין:

אידישע צייטונגען:

40% לייענען דעם „פאָרווערטס״.
35% לייענען דעם „טאָג״.
12% לייענען דעם „מאָרגן זשורנאַל״.
10% לייענט אינגאַנצן ניט קיין אידישע צייטונג.
3% לייענען די „מאָרגן פרייהייט״.

צווישן זיי לייענען אַ טייל אויך ענגלישע צייטונגען:

20% לייענען די „טאַימס״.
15% לייענען די „פּאוסט״.
10% לייענען די „ניוס״.
6% לייענען די „טעלעגראַם״.

אין די היימען פון די פאַמיליעס געפינט מען אָפט פּאָר־שידענע ענגלישע זשורנאַלן. זעלטן ווען אַ אידישן זשורנאַל. די מערסטע זשורנאַלן ווערן געלייענט פון קינדער און געהערן צו דעם ביליקערן סאָרט.

און אָט ווי עס טיילט זיך איין די שפּראַך פון הויז ביי דער פאַמיליע:

35% פון די פאַמיליעס רעדן בלויז אידיש.
40% רעדןביידע שפּראַכן.
25% רעדן בלויז ענגליש.

קאָן זיין, אַז צווישן די מיטגלידער פונם אַלטן דור, זיינען געווען אַ גאַנצע ריי מענטשן מיט אַמביציעס צו עפּעס העכערס. דעם איינציקן אָנדייט וועגן דעם האָבן מיר אין די רייד פונם אַלטן דור אין באַצוג צו זייערע קינדער. פון די קינדער האָט מען גע־וואָלט מאַכן דאָס, וואָס מען האָט אַליין נישט געקאָנט ווערן. מיט די קינדער וויל מען זיך גרויסן. און כאָטש עס קומט אָפט אָן גאַנץ שווער צו געבן די קינדער די געהעריקע בילדונג, איז מען אָבער גרייט מקריב זיין אַסך פון דער אייגענער באַקוועמלעכקייט, אַסך מי און מאַטערניש, אַבי דערפירן די קינדער צו „עפּעס בעסערס״,

ווייל — „דאָס, וואָס טאַטע-מאַמע קענען אויפטאָן פאַר קינדער אין אַמעריקע, האָט מען אין יוראָפּ פאַר קינדער נישט געקענט אויפ־טאָן — ".

זיכער האָט דאָס נישט געקענט אויפטאָן יענער שיכט אידן, פון וועלכן עס שטאַמט דער אַלטער דור פונם פאַמיליען-קרייז, וועגן וועלכן מיר שרייבן.

2. דער יונגער דור.

דער יונגער אַמעריקאַנער דור פונם פאַמיליען־קרייז רעדט ווינציק און דערציילט ווינציק. זיינע קינדהייט־דערפאַרונגען זיי־נען נישט פון אַזאַ כאַראַקטער, וואָס לאָזן זיך פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס עס האָט צו דערציילן וועגן זיך דער עלטערער דור. נישטאָ יענע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, נישטאָ יענער מאַנגל אין מעג־לעכקייטן פאַר קולטורעלער אַנטוויקלונג, וואָס איז געשטאַנען אין וועג זיינע עלטערן.

אָט־דאָס אַלץ, וואָס דער עלטערער דור האָט אַפילו קיינמאָל נישט געקענט חלומען צו דערגרייכן אויפן קולטור־געביט, אָט־די אַלע טירן, וואָס זיינען געווען פאַרהאַקט פאַר דעם אָרעמען מענטשן בכלל, און פאַר דעם אָרעמען אידן בפרט, אין דער אַלטער היים — זיינען דאָ געשטאַנען אָפן פאַר די קינדער פונם אַלטן דור. פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען זאָגט, אין אַזאַ פאַל, „גע־שטאַנען אָפן", פאַרלירט מען נישט אויסן אויג סיי די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן, אין די מערסטע פאַלן, נישט דער־לויבט די עלטערן צו געבן די קינדער זייערע אַ העכערע ביל־דונג, סיי יענע לערן־אינסטיטוציעס, צו וועלכע אידן קענען זיך, אויך דאָ, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, דערשלאָגן בלויז דורך רייכקייט און די סאַמע בעסטע פאַרבינדונגען אין דער העכערער געזעלשאַפט. נאָר דאָרט, וואו עלטערן זיינען געווען איינגע־שפּאַרט און קינדער האָבן קאָאָפּערירט, זיינען פונדעסטוועגן די מעגלעכקייטן פאַר בילדונג געווען גאַנץ ברייטע.

פאַר דער איינגעוואַנדערטער אידישער פאַמיליע איז די פּראָבלעם פון געבן זייערע קינדער אַן אַמעריקאַניש־וועלטלעכע

בילדונג, געווען אַסך קלענער, ווי די פּראָבלעם פון געבן זיי אַ אידישע, אָדער אידיש־רעליגיעזע בילדונג. אין דער הינזיכט האָבן זיי זיך געמוזט אָנשטויסן, און האָבן זיך אָנגעשטויסן, אָן ניכטערע רעזולטאַטן.

ווען מע רעדט מיט דעם עלטערן דור וועגן אָט־דער פּראָבּלעם, שטויסט מען זיך אָן אויף אַ רעזיגנירטן צי מיט די אַקסלען: „ס'איז אַמעריקע"... יאָ, מען האָט געפּרואווט, מען האָט זיך אָנגעשטרענגט, מען האָט די קינדער געשיקט אין חדר, אין העברייאישער שולע, אין תלמוד־תורה — ס'איז אָבער גאָרנישט געוואָרן דערפון. דער אינטערעס פאַר אידיש, פאַר אידישער קולטור, פאַר ענג־אידישע פּראָבלעמען האָט זיך ביי די קינדער נישט אַנטוויקלט. מע שרייבט אַביסל אידיש, מען לייענט אַביסל — ס'הייסט, מע קאָן אַביסל לייענען — לייענען לייענט מען גאָר זעלטן. מיט טאַטע־מאַמע רעדט מען אַ געמיש פון אידיש און ענגליש. אויסערן ענגן פאַמיליע־קרייז הערט אידיש, אין די מערסטע פאַלן, אויף צו עקזיסטירן פאַרן יונגן דור. מיר האָבן זיך געפּרואווט דערגרונטעווען, צי זיינען אויפן געביט פון שפּראַך פאַראַן צוזאַמענשטויסן צווישן עלטערן און קינדער. ס'וויזט זיך אַרויס, אַז אין פּרט פון שפּראַך קומען קיין ערנסטע צוזאַמענשטויסן נישט פאַר. די קינדער זיינען טאָלעראַנט צו דער שפּראַך פון זייערע עלטערן, כאָטש זייער קוק אויפן גערעדטן אידישן וואָרט איז אָפּט אַ גרינגשעציקער. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס די אידישע שפּראַך, ווי די קינדער הערן זי, אין זייער הויז, איז אַזוי צעקאַליעטשעט, אַז פאַרן אויער פון די קינדער מוז זי קלינגען עפּעס אַזוי מאָדנע־אומגעלומפּערט... עס איז אונז אויסגעקומען צו הערן פון דעם יונגן דור באַמערקונגען פון אייבעראַשונג, ווען זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַ מענטשן, וועמענס אידיש עס איז געווען ריין פון אַנגלאַציזמען. מיט געציילטע אויסנאַמען האָט דער יונגער דור קיין אַנונג נישט וועגן אידיש, ווי וועגן אַ ריינער, ליטעראַרישער שפּראַך. אויסנאַמען זיינען פאַראַן.

אַזוי ווייסן מיר וועגן אַ יונגן מענטשן, אַ הי־געבוירענעם,

פונם פאַמיליען־קרייז, וואָס האָט גראַדואירט פון אַ העכערער שולע, וועלכער איז אָנגעזאָפּט מיט דער ענגלישער און וועלטלעכער ליטעראַטור און האָט אויך, נישט געקוקט דערויף, אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַר דער מאָדערנער, אידישער ליטעראַטור. אין זיין ביכער־שראַנק געפינען זיך בענדער פון ראָזענפעלדן, עדעלשטאַטן, גאָדירן, אַשן, יאָסל קאָטלערן און אַנדערע. מיט קאָטלערן איז ער זיך גאָר מחיה. ער לייענט די ביכער נישט צו אָפּט. ער איז צו פאַרנומען, אָבער ער לייענט זיי און קען זייער אינהאָלט. ער אַליין רעדט אידיש ריין און פליסיק, האָט ליב אידיש טעאַטער, אידישע לעקציעס, איז פאַראינטערעסירט אין מאָדערנער אידישער דיכטונג, פּראָזע א. אַז. וו. ווי אַזוי האָט ער אַנטדעקט אידיש? נישט דירעקט דורך זיינע עלטערן. זיינע עלטערן האָבן אים בלויז געשיקט אין תלמוד־תורה. דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אידיש. אידישע ליטעראַטור האָט ער אַנטדעקט דורך אַ צופאַל, אין אַ אידישן בוך־געשעפט. ראָזענפעלדס לידער האָבן געעפנט פאַר אים די טירן צו דער אידישער ליטעראַטור. ער גיט מיט אַ היפשער מאָס באַגייסטערונג צו, אַז ער איז אָט־דעם צופאַל דאַנקבאַר. איז זיין אינטערעס און קענטשאַפט פון אידיש טאַקע אַן עקסטרעמער צופאַל ביים יונגן דור! אינערלעך זיינען די מערסטע פונם יונגן דור פרעמד דעם אידיש־קולטורעלן לעבן. קיין וואונדער איז דאָס נישט, שוין דערפאַר, ווייל דער עלטערער דור איז, צום גרעסטן טייל, אויך אַ קנאַפּער קרוב אָט־דעם ווינקל פון אידישן לעבן. אויב עס קומען יאָ פאָר צוזאַמענשטויסן צווישן עלטערן און אינגערן דור, קומען זיי דערהויפּט פאָר אויפן געביט פון רעליגיע, אָדער פון דעם, וואָס עלטערן ווילן נישטליידן, אַז קינדער הויבן אָן אין זייער קולטור־לעבן גיין אויף „קרומע וועגן". מיר ווייסן וועגן אַזוינע צוזאַמענשטויסן צוליב ראַדיקאַלע אויסגאַבעס, וואָס יונגע סטודענטן האָבן גענומען אַריינברענגען אין הויז און טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערשראָקן; געיאָדעט דערפאַר און דערגאַנגען די קינדער די יאָרן. מיר ווייסן וועגן צוזאַמענשטויסן צוליב גלאָט לייענען ביכער, וועלכע האָבן נישט קיין פאַרבינדונג מיט דעם שטודיר־קורס,

וועלכן דאָס „קינד" נעמט גראַד אויף. די אידישע קולטור אָבער, אין אַ ברייטערן זין, איז צווישן עלטערן און קינדער נישט קיין פּראָבלעם.

אָט ווי עס טיילט זיך איין די אידישע בילדונג פונם יונגן דור, לויט אונדזערע באַריכטן:

30% זיינען געגאַנגען אין חדר.
30% קענען עטוואָס לייענען און שרייבן אידיש.
10% זיינען געגאַנגען אין אַ העברייאישער שולע.
4% האָבן באַזוכט אַן אַרב. רינג שולע.
18% האָט אינגאַנצן נישט קיין אידישע בילדונג.
8% גאָרנישט געקענט דערגיין.

גאָר אַנדערש — און ס'איז נישט מער ווי נאָרמאַל — האַלט עס מיט דער בילדונג און קולטור־אַנטוויקלונג פונם יונגן דור אין דער שפּראַך פון לאַנד — אין ענגליש. כאָטש נישט ביי אַלע פונם יונגן דור איז דער קולטור־ניוואָ אַ הויכער, אָדער אַפילו אַ מיטלמעסיקער, האָבן אָבער די מערסטע פונם יונגן דור באַקומען די קולטור פונם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער קינד. מע לייענט צוליב לייענען און אָפט גלאַט צוליב לייכטער פאַר־ווייַלונג.

אין די מערסטע פאַלן האָט מען דורכגעמאַכט עלעמענטאַר־שולע, אָדער האַי־סקול, און אַוועק אַרבעטן — אַרויסהעלפן אין הויז. און דאָרט וואו מען איז אַוועק אין די קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, איז מען, אין אַ גרויסער מאָס, אַוועק אַהין־צו אין די אָוונטן — בייטאָג האָט מען געאַרבעט אין שעפּער, ביי מוליערריי א. א. וו. אין די זומער־מאָנאַטן האָט מען אָפט גע־אַרבעט אין די זומער־האָטעלן. אַף צו לעבן אַ דורכאויס פאַר־טיפט קולטורעל לעבן איז קיין צייט נישט געבליבן. די צייט, וואָס מען האָט יאָ געקענט אָפּשפּאָרן, האָט מען אָפּגעשפּאָרט אַף פאַרווייַלונג.

אַלע (100 פּראָצענט) פונם יונגן דור האָבן געענדיקט די עלעמענטאַר־שול. באַזוכט אַ העכערע שול האָבן:

4% טעכנישע שולע.	20% אוניווערזיטעט.
10% „ביזנעס סקול".	60% „האַי־סקול".

מע מוז נעמען אין באטראכט, אַז נישט אַלע פונם יונגן דור האָבן געהאַט אַ דראַנג צו שטודירן און אַז אַף וויפל די עלטערן האָבן געפּרואווט ווירקן אַף זיי צו גיין אין די שולעס, האָבן די קינדער דאָך פאַרגעצויגן צו לערנען זיך אַ פאַך, צו גיין אַרבעטן און ווערן אומאָפּהענגיק וואָס גיכער. די טענה, אין די לעצטע יאָרן, איז גאַנץ אָפט געווען: — וואָס טויג דאָס שטודירן, דאָס ווערן אַ לערער, אָדער אַ דאָקטאָר, אַז אַ שאַפּ־אַר־בעטער האָט אין די קריזיס־יאָרן בעסערע שאַנסן צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. אַף ווי וויט די־אַ טענה איז, פונם ריין־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, נישט גאַנץ אומבאַרעכטיקט, קען מען קריגן אַ באַגריף, ווען מען שטויסט זיך אָן אינעם פאַקט, אַז אַ סך פון די, וואָס האָבן שוין יאָ דערגרייכט אַ פּראָפעסיע, זיינען געווען געצוואונגען זיך אויסצולערנען אַנדערע בארופן, ווייל אין זייערע פּראָפעסיעס איז פאַר זיי קיין אַרבעט נישט געווען.

צווישן די 26 פּראָצענט פונם יונגן דור, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אוניווערזיטעט און געוואָרן, לויטן טיטל נאָך, פּראָ־פעסיאָנאַלן, פון זיי האָט אַ דריטל נישט געהאַט די מעגלעכקייט די פּראָפעסיעס צו פּראַקטיצירן. מע איז אַוועק אַרבעטן אין אָפיסעס, געוואָרן געשעפט־לייט א. א. וו. אַזוי אַז אין אַ גע־וויסער מאָס איז די טענה פון יענעם טייל פונם יונגן דור, וועל־כער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שטודירן צוליב ריין־פּראַקטישע אורזאַכן, נישט אינגאַנצן גרונטלאָז.

עס איז אפשר נישט מער ווי אַ צופאַל, וואָס אין אונזערע באַריכטן וועגן דעם יונגן דור געפינט זיך נישט קיין אָנדייט אַף קרעאַטיווקייט — נישטאָ קיין אַרטיסטן, שוישפּילער, דיכטער, מוזיקער און טענצער. מיר וויסן בלויז וועגן איין פאַל וואו די אַמביציע איז געווען צו ווערן אַ טענצערן. אויסגעלאָזט אָבער האָט עס זיך מיט בלייבן אַרבעטן אין שאַפּ.

נו, און ווי האַלט עס מיטן אינטערעס פאַר צייטונגען און פאַרוויילונגען ביים יונגן דור? דער אויבנאויפיקער איינדרוק איז, אַז די היגע יוגנט איז דערהויפּט פאַראינטערעסירט אין דעם ביליקערן סאָרט צייטונגען, פון פאַרוויילונגען איז שוין אָפּגע־

רעדט. עס ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז דאָס לייענען פון צייטונגען טיילט זיך אין נישט אַזוי נעגאַטיוו. אָט זיינען די ציפערן:

30% לייענען די „ניוס".
20% לייענען די „פּאָסט".
18% לייענען די „טאַימס".
15% לייענען דעם „מיראָר".
8% לייענען די „טעלעגראַם".
2% לייענען דעם „דעילי וואָירקער".

מיט די פאַרווייליונגען ביים יונגן דור איז שוין אַביסל אַנדערש. דאָ פאַרנעמען די „מואוויס" דעם אויבן־אָן. אין די מואוויס גייען כמעט אַלע. אַפילו די, וואָס זאָגן, אַז זיי גייען „זעלטן", שטרייכן מיט דעם „זעלטן" אונטער, אַז זיי זיינען „מואווי"־באַזוכער. כאָטש מואוויס קענען זיין, זיינען אָפּט, אַ גאַנץ קאָנסטרוקטיווער טייל אפן קולטורעל־פאַרווייליקן געביט, וואַרפט זיך עס אָבער שוין צו שטאַרק אין די אויגן, אַז דער יונגער דור איז ווינציק פאַראינטערעסירט אין די אַנדערע, מער ערנסטע פאַרווייליונגען — בעסער טעאַטער, אינטערפּרעטיווער טאַנץ א. א. וו. די פאַרווייליונגען טיילן זיך איין:

20% גייען צו מוזיקאַלישע קאָמעדיעס.
20% — אין בעסערן ענגלישן טעאַטער.
3% — אין אידישן טעאַטער.
30% לייכטע מוזיק־פּראָגראַמען.
45% קלאַסישע מוזיק־פּראָגראַמען.

אָט־אַזוי טיילט זיך, לויט אונזערע אַנקעטעס, איין דער קולטור־אינטערעס און די בילדונג פונם יונגן דור ביים פאַמיליען־קרייז. אונזערע אַנקעטעס באַווייזן אויך, אַז די אידיש־אַמעריקאַנישע יוגנט האָט זיך נאָך נישט דערפילט ווי אַ טייל פון זיין פאָלק — אַ פאָלק מיט אַן אייגענער שפּראַך, אַן אייגענער קולטור, מיט אייגענע, דרינגענדע קולטור־פּראָבלעמען, לעבנס־פּראָבלעמען, לויט וועלכע מע האָט אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט, אַ סך מער ערנסט מצד דעם יונגן דור.

VI

דריי דורות

צוויי שוועסטער — צוויי וועלטן (ערשטער דור)

1. באַשע

די אלמנה באַשע איז איצט אַלט 72 יאָר. זי איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק אין 1867. אירע האָר זיינען גרוי. די הויט פון איר פּנים צעקנייטשט. אירע הענט ריין און אָפּגעוואַשן, נאָר די בלויע, אָנגעשוואָלענע אָדערן אויף זיי דערציילן נישט נאָר פון עלטער נאָר אויך פון יאָרן שווערער אַרבעט. פון אונטער אירע גרויע ברעמען קוקן אַפיר צוויי גרויסע גרין־בלוילעכע אויגן — וואָס לויכטן נאָך איצט אָפּטמאָל אויף מיט אַ ליכטיקער שיין.

באַשע שטאַמט פון דורות פרומע און האָרעפּאַשנע אידן. אין דער יוגנט האָט איר טאַטע געאַרבעט ביי שוסטעריי, אָבער אין די שפּעטערע יאָרן איז ער געוואָרן אַ פורמאַן. ער פלעגט אָנלאָדן, און פירן, מיט פערד און וואָגן, ליים און זאַמד, און פון דער שווערער אַרבעט פלעגט ער מפרנס זיין זיין פרוי און קינדער.

באַשע רעדט אַ פּליסיקן, פאָלקסטימלעכן אידיש. זי וואַרפט אָפּטמאָל אריין אַ באַ׳טעמ׳ט אידיש ווערטל, אַן אַלט־אידישן אידיאָם, אָבער לייענען און שרייבן קאָן זי נישט. צוליב נויט האָט זי געמוזט אין די צאַרטע קינדער יאָרן אַוועק אַרבעטן אין אַ וועבעריי־פאַבריק אין ביאַליסטאָק, אַלס שפּולערין. זי פלעגט אַרבעטן שווער און לאַנגע שטונדן — און אַז זי האָט זיך צוריק־געקערט אַהיים פון דער אַרבעט, דערציילט זי, האָט שוין פון מידקייט דער קאָפּ נישט געדינט מער צום לערנען זיך.

אין איר טאַטנס הויזגעזינט, דערציילט באַשע, האָט מען גע־לעבט אָרעם און שפּאָרעוודיק. פון דער אָרעמקייט האָבן אירע עלטערן געקליבן גראָשן צו גראָשן, האָבנדיק אין זינען אַ תכלית פאַר די קינדער. ווען באַשע איז אַלט געוואָרן 20 יאָר איז אַ

שדכן געקומען צו איר טאַטן און אים פאָרגעשלאָגן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער. איר טאַטע האָט געגעבן 100 רובל נדן, און אין דעמזעלבן יאָר, אין 1886, האָט באַשע חתונה געהאַט מיט אַ ביאַליסטאָקער יונגענמאַן.

זרח איז אַלט געווען 20 יאָר, פונקט ווי זיין כלה. ער איז געווען, דערציילט באַשע, אַ שיינער, קרעפטיקער יונג און האָט געאַרבעט אַלס פורמאַן. אויך זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע, האָרעפּאַשנע פּורלייט. זרח פלעגט צעפירן מיט פערד און וואָגן אַלערליי וואַרעס, וואָס ער פלעגט אָנלאָדן ביי דער באַן. זיי האָבן חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט אין גליק און אין ליבשאַפט 6 יאָר צייט. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער מאַן און אַ געטרייער טאַטע. נאָך דער חתונה האָט באַשע געבוירן איר ערשט קינד, אַ טאָכטער. זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער טאָכטער פערל לאה, נאָך באַשעס מוטער. די טאָכטער איז פאַרהייראַט און וואוינט אין די בראָנקס. דאָס צווייטע קינד — אַ אינגעלע — האָט אָפּ־געלעבט אַ יאָר צייט, פאַרקילט זיך, קראַנק געוואָרן און דער אויבערשטער, דערציילט זי, האָט דאָס צוגענומען יונגערהייט צו זיך. און אויפן זעקסטן יאָר — דאָ ווערט באַשעס קול ציטערדיק און ציטערדיקער, ביז זי ברעכט פלוצים אויס אין אַ געוויין. און דורך טרערן און מיט אַ שטיקנדיק קול — הויבט זי ווידער אָן צו דערציילן, ווי אַזוי דורך דער צייט וואָס זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט איר איינציקן לעבעדיקן זון, וואָס געפינט זיך אויך אין אַמעריקע — איז איר געליבטער מאַן דערטרונקען געוואָרן...

טרערן רינען איבער אירע באַקן. זי בלייבט שטיל, ציט ארויס אַ טיכל און ווישט זיך די אויגן, און באַלד הויבט זי ווידער אָן צו דערציילן ווי אַזוי דאָס גרויסע אומגליק האָט געטראָפן: איינמאָל אין אַ הייסן זומערטאָג האָט איר מאַן אָפּגעפירט דאָס פערד צום טייך, עס זאָל זיך אויסבאָדן אין קילן וואַסער. ווען דאָס פערד האָט זיך אַוועקגעלאָזט שווימען מיטן טייך האָט איר מאַן מורא געהאַט אַז עס זאָל זיך נישט טרינקען, און זיך אַוועק־געלאָזט ראַטעווען דאָס פערד. אַ טיפער קעסלגרוב האָט אים

אַנגעהויבן דרייען און ווירבלען. — נו, נו, — פאַרענדיקט זי, — וואָס זאָל איך אייך פיל דערציילן. דאָס פערד האָט מען ארויס־געשלעפּט אַ לעבעדיקן, אָבער מיין מאַן, — זי ענדיקט ניט, נאָר צעוויינט זיך הויך אויף אַ קול. אַ פּאָר מינוט פאַרגייען אין שווייגן, ביז זי נעמט אַוועק דאָס טיכל פון די אויגן, און הויבט אָן צו ריידן מערער צו זיך אַליין ווי צו מיר:

— אַן אומגליק, אַ גרויסער אומגליק האָט פּאַסירט !...

— מיין זון איז אונטערגעגאַנגען אין מיטן העלן טאָג !...

— פון דעמאָלט אָן האָב איך אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן !...

— געהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט און ווייטער גאָרנישט !...

— און ווען איך האָב נאָך דעם גרויסן אומגליק געבוירן אַ זון, בין איך געווען צופרידן, וואָס איך וועל כאָטש האָבן וועמען אַ נאָמען צו געבן נאָך מיין טייערן מאַן...

באָשע האָט שוין קיינמאָל נישט חתונה געהאָט מער. באַלד נאָך דער קימפּעט, דערציילט זי, איז זי ווידעראַמאָל אַוועק, ווי מיידלווייז, אַרבעטן אין אַ וועבעריי־פאַבריק, אַלס שפּולערין. די קינדער, די טאָכטער און דעם זון, פלעגט זי איבערלאָזן ביי שווער און שוויגער. זי פלעגט אַרבעטן פון 12 ביז 14 שעה אַ טאָג און פאַרדינען פלעגט זי אַ רובל מיט 50 קאָפּיקעס אַ וואָך. זי האָט געאַרבעט שווער און אַזוי לאַנג ביז זי איז קראַנק געוואָרן און געווען געצוואונגען אויפצוגעבן די אַרבעט אין דער וועבעריי־פאַבריק.

זי האָט אָבער באַלד געמוזט געפינען אַן אַנדער באַשעפטיקונג, און איז אַוועק אַרבעטן ביי אַ נייעם פאַך. די נייע אַרבעט איז באַשטאַנען פון צעשניידן און אויסזאָרטירן שמאַטעס. אין אָנהויב האָט זי פאַרדינט ווייניק ביי דער נייער אַרבעט, אָבער מיט דער צייט האָט זי זיך אויסגעלערנט אַרבעטן זייער שנעל ביי דעם נייעם פאַך, און זי פלעגט פאַרדינען פון דריי ביז פיר און אַפילו ביז פינף רובל אַ וואָך.

— מיין שווער און שוויגער האָבן מיך און די קינדער שטאַרק ליב געהאַט. זיי זיינען אונדז געווען געטריי און איבערגעגעבן.

זיי זיינען אָבער אַליין געווען זייער אָרעם. איך האָב אַליין גע־מוזט דערציען מיינע קינדער. איך האָב זיי געשיקט אין חדר. מיינט נישט — אַז דאָס אַלץ איז מיר אַזוי גרינג אָנגעקומען. דאָס זיינען געווען שווערע, זייער שווערע יאָרן. אָבער אַז די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן האָב איך זיי אַוועקגעגעבען זיך אויסלערנען שניידעריי. און אַז מיין זון איז עלטער געוואָרן, האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט מיינעם אַ פלימעניק אין נעוו־יאָרק, און אַזוי שנעל ווי איך האָב געקראָגן זיין צושטימונג בין איך אַוועק צו אַ רייזע־אַגענט אין ביאַליסטאָק, אים באַצאָלט 100 רובל, און ער האָט מיר אַריבערגעשיקט מיין זון קיין אַמעריקע. נאָך דעם וואָס מיין זון איז דאָ אָפּגעווען עטלעכע יאָר, אין 1913, האָט ער מיר געשיקט אַ שיפסקאַרטע און איך בין אַריבערגע־קומען צו אים. איך בין דאָ באַלד אַוועק אַרבעטן אַלס וואַרטס־פּרוי. איך האָב אָבער געבענקט נאָך מיין טאָכטער און נאָך מיינע אייניקלעך וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין ביאַליסטאָק, און נאָכדעם וואָס איך בין דאָ אָפּגעווען אַ יאָר צייט, האָב איך באַשטימט צוריק פאָרן קיין רוסלאַנד. אין 1914, פּונקט 9 טעג פאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה, בין איך אָנגעקומען קיין ביאַ־ליסטאָק. אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב אַוועקגעשטעלט מיין פוס אויף דער רוסישער ערד, האָב איך תיכף איינגעזען אַז איך האָב געמאַכט אַ גרויסן טעות. עס האָט מיך תיכף פאַרדראָסן!... עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט!...

פרעגט שוין נישט, — זאָגט זי, — וואָס מענטשן באַדאַרפן זיך אויסשטיין אין צייט פון מלחמה! עס איז נישט געווען וואָס צו עסן, עס איז נישט געווען וואָס צו טרינקען, מ'האָט מורא געהאַט זיך צו לייגן שלאָפן. אָט זיינען אריין די דייטשן, אָט זיינען אריין די רוסן, און שפּעטער די פּאָליאַקן. אָבער איר פאַר־שטייט דאָך אַליין, אַז אַממערסטן האָבן געליטן די אידן, ווי אַלעמאָל. מיר זיינען דאָך אַלעמאָל דאָס כפרה־הינדל... דער אויבערשטער איז אַ גרויסער בעל־רחמים, אַז ער האָט אונז גע־געבן כוחות אויסצושטיין אַזויפיל יסורים און שרעק דורך די מלחמה־יאָרן, און מיר זאָלן בלייבן לעבן". זי בלייבט שטיל.

שאָטנס באַוועגן זיך אויף די ווענט. און אין שכנישע הייזער לייכטן אויף פייערן אין די פענסטער.

פרוי באַשע דערציילט אויף איר פשוטן פאָלקסטימלעכן אופן וויפל זי האָט זיך אָנגעליטן, וויפל גרויזאַמקייט זי האָט זיך אָנגעזען דורך די מלחמה־יאָרן. מען ווערט טיף־גערירט פון איר פשוטער נישט־אַרטיקולירטער דערציילערישקייט, פון אירע פּראָסטע רייד וואָס ווערן כמעט אַלעמאָל באַגלייט פון אַ הייסן טרערן־שטראָם — און ס'איז שווער צו וויסן צי וויינט זי דאָס דערפאַר ווייל זי לעבט איצט ווידעראַמאָל איבער יענע שוידערלעכע פאַרגאַנגענע יאָרן, צי וויינט זי דאָס איצטער אויף איר עלנטקייט.

פון אירע ערשטע מלחמה־שילדערונגען וואַקסט ארויס אַן אוממיטלבאַרע אָנקלאַגע קעגן די אַלע פינצטערע כוחות — וואָס זיינען דירעקט אָדער אומדירעקט פאַראינטערעסירט אין פאַראורזאַכן מלחמות. זי דערציילט פון די מלחמה־יאָרן, פון אַלגעמיינע געשעענישן און פלוצים צעוויינט זי זיך:

— אָפּגעפינצטערט אַ לעבן, מיין זון האָט זיך אויסגעלאָשן אין מיטן העלן טאָג!...

— איצטער בין איך עלנט ווי אַ שטיין...

זי וויינט זיך אויס. ווישט זיך אויס די אויגן און דערציילט ווייטער:

— אַז גאָטס צאָרן, — זאָגט זי, — האָט זיך ענדלעך איינגעשטילט, און די מלחמה איז געווען פאַריבער, האָט זי געשריבן צו איר איינציקן זון, דזשעיקן, ער זאָל זי אַריבערנעמען קיין אַמעריקע. ער האָט איר תיכף ארויסגעשיקט אַ שיפסקאַרטע און באַלד נאָך דער וועלט־מלחמה איז זי צום צווייטן מאָל אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע.

— וואָס ווייסט איר, — זאָגט זי מיט פרייד אין איר קול, — ווי גליקלעך איך האָב זיך געשעצט דעם טאָג וואָס איך בין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע!... דאָ גייט מען דאָך ארום פראַנק־און־פריי אויף די גאַסן, און קיינער שטעלט אייך נישט אָפּ און קיינער זאָגט אייך גאָרנישט. קיינער פרעגט אייך נישט צי איר זייט אַ איד צי אַ גוי. אַלע זיינען דאָ גלייך!...

דאַ באַדאַרף מען נישט מורא האָבן פאַר יעדן שכור, פאַר יעדן זשאַנדאַר און פּאָליציינִיק. אַ טייער לאַנד אַמעריקע!...

מ׳דאַרף דאָ פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן (זי הויבט אויף אַ האַנט און ווייזט צום הימל) — אַ חוץ פאַר גאָט!...

באַשע דערציילט, אַז ווען זי איז אָנגעקומען צום צווייטן מאָל קיין אַמעריקע האָט זי שוין געטראָפן איר זון — אַ טאַטע פון קינדער.

איר זון, האָט ווי אַלע מאָל דאָ שווער געאַרבעט, און זי אַליין איז ווידער אַ מאָל אַוועק וואוינען ביי איר שוועסטער נעשקע.

אויף דער פראַגע: „פאַרוואָס האָט איר נישט געוואוינט מיט אייער זון?" ענטפערט זי פאַרבייגייענדיק: „כ׳האָב ליבערשט צו זיין אַ גאַסט ביי מיינע קינדער. עס איז בעסער פאַר מיר און בעסער פאַר זיי".

„אַז איך בין אָפּגעווען אין אַמעריקע עטלעכע טעג און זיך אָפּגערוט אַ ביסל, האָב איך באַלד אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. און ס׳האָט מיר לאַנג נישט גענומען און איך האָב באַלד געקראָגן איין שטעלע נאָך דער צווייטער אַלס „וואַרטס-פרוי" (באָבע ביי קימפּעטאָרינס).

„מענטשן האָבן אין יענע צייטן גוט פאַרדינט. אַ סך האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט געלט פון די פעטע מלחמה־יאָרן — און וועגן אַרבעט האָט מען זיך נישט באַדאַרפט זאָרגן, ווי איצטער. מ׳האָט בלויז באַדאַרפט זיין געזונט".

זי פלעג פאַרדינען, דערציילט זי, 30 און 35 דאָלער אַ וואָך. אמת, גיט זי צו, מיינט נישט, אַז מ׳האָט איר געצאָלט אומזיסט אַזוי פיל געלט! זי פלעג אַרבעטן שווער און ביטער — לאַנגע שטונדן, זי פלעג, זאָגט זי, אַרבעטן כמעט טאָג און נאַכט.

זי פלעג דאַרפן אויפפּאַסן אויף דער קימפּעטאָרן, באָדן דאָס קינד און אויך טאָן פאַרשיידנערליי אַרבעטן אין הויז. אָבער ווי לאַנג זי איז געווען געזונט האָט איר נישט געאַרט — דערציילט זי. פון דעם געלט — איז ביי איר ווייניק אַוועקגעגאַנגען. אירע הוצאות זיינען געווען קליינע. זי פלעג אַמאָל געבן עטלעכע דאָלער איר זון — און דאָס איבעריקע האָט זי אָפּגעשפּאָרט.

פון אַ טייל פון אירע פאַרדינסטן האָט זי אויך אין 1922 געקויפט אַ שיפסקאַרטע און געשיקט נאָך איר אײדעם, װעלכער איז אויך אינגיכן אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע צום צווייטן מאָל.

באַשע דערציילט ווי שווער זי האָט געאַרבעט. געשפאָרט אַ פּעני צו אַ פּעני. קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט צו טאָן עפּעס פאַר זיך אַליין.

דורך די אַלע יאָרן, זאָגט זי, האָט זי נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך איר טאָכטער און אירע אייניקלעך וואָס זיינען געבליבן אין דער אַלטער היים. און אין 1928 האָט זי זיך צונויפגערעדט מיט איר איידעם, זיי האָבן ביידע צונויפגעלייגט דאָס ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט, געקויפט שיפסקאַרטעס און אָוועקגעשיקט נאָך איר טאָכטער און אירע אייניקלעך. אָבער איין אייניקל, זאָגט זי מיט אַ טרויעריק קול, האָט געמוזט פאַרבלייבן אין ביאַליסטאָק, צוליב זיין שלעכטער ראיה.

די טאָכטער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע מיט דריי קינדער בלויז. דאָס האָט געשאַפן אַן אייביקן ריס אין איר האַרץ. באַשע שפּאַרט זיך אָן אין בענקל, הויבט זיך לאַנגזאַם אויף, גייט צו צום קרעדענץ, וואו עס שטייען אויסגעשטעלט פאַרשיידענע פאָטאָגראַפיעס און בילדלעך פון אירע אייניקלעך און פון איר שוועסטער נעשקעס קינדער און אייניקלעך, און ברענגט צו טראָגן אַ בילד און וויזט מיר: — „אָט דאָס איז ער! אַ וואוילער יונג, אַ יאָ?״ — און נאָך איידער איך שטים צו גיט זי באַלד צו מיט טרערן אין די אויגן: — עס איז אים באשערט אָפּצולעבן אַ לעבן ווייט פון טאַטע־מאַמע, פון ברידער און שוועסטער און פון קרובים...

זי דערציילט, ווי די צעשיידונג האָט זיך שלעכט אָפּגערופן אויף איר טאָכטערס געזונט. זי איז געוואָרן, זאָגט זי: „נערוויאיש״, זי איז צעטראָגן און אַלעמאָל פאַרזאָרגט וועגן איר קראַנקן און עלנטן זון פון יענער זייט ים...

זי שווייגט אַ ווייל, פאַרטראַכט זיך און דערציילט ווייטער, אַז ווען איר טאָכטער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע איז אַלץ געווען פאַרגרייט פאַר איר. צימערן, מעבל, טעלער. „איך האָב

אַפּילו פאַרזאָרגט פּסחדיק שמאַלץ. אָבער וואוינגען וואוין איך מיט מיין שוועסטער אַלע יאָרן...״

— מיין טאָכטער וואוינט איצט אין די בראָנקס און איך אין בראָנזוויל. קיין סך צייט האָט זי נישט, זעען מיר זיך נישט אַזוי אָפט ווי מיר וואָלטן זיך באַדאַרפט זען. אין אַמעריקע איז דאָך אַלץ פאַראַן אַ חוץ צייט... זי קומט אַמאָל צוגאַסט... אַמאָל טרעפן מיר זיך אויף אַ מיטינג פון אונדזער „סאָסייעטי״... זי ברענגט אויס אין אַ געוויין, און הערט נישט אויף צו ווידערהאַלן אירע קלאָג־רייד וואָס הויבן־אָן צו קלינגען אין מיינע אויערן ווי אַ רעפרעין פון אַ טרויעריק און צערפּול ליד:

— כ׳האָב אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן,
— מיין זון האָט זיך פאַרלאָשן אין מיטן העלן טאָג,
— כ׳האָב קיינמאָל נישט אָנגעזען די ליכטיקע שיין,
— און איצט איז מען עלנט ווי אַ שטיין!...

***

מיטן אָנקומען פון לעצטן קריזיס איז באַשע געצוואונגען געווען צו געפינען פאַר זיך אַ נייע באַשעפטיקונג. דאָס מאָל איז זי אַוועק אַרבעטן ביי אַ קצב. זי פלעגט דאָרט פליקן פעדערן און אָפּסמאַליען און צורעכט מאַכן די הינער פאַר די באַלעבאָסטעס וואָס פלעגן קומען קויפן זייערע עופות ביי דעם קצב.

אויך די פּרנסה איז נישט פון די גרינגסטע; אויך דאָ האָט זי געאַרבעט שווער און ביטער. פונדעסטוועגן, גיט זי צו, וואָס קאָן זיך אַ מענטש העלפן? — בעסער ווי פאַלן צו לאַסט! 6 יאָר צייט, דערציילט זי, האָט זי אָפּגעאַרבעט ביי דעמזעלבן קצב. ער פלעגט איר צאָלן 8 דאָלער אַ וואָך אַ חוץ וואָס זי פלעג פאַר־דינען אין „טיפּס״ וואָס די באַלעבאָסטעס פלעגן איר געבן. קיין גליקן, זאָגט זי, האָט זי נישט געמאַכט, אָבער עס פלעג איר אויס־טראָגן אַ דורכשניט פון 17 ביז 18 דאָלער אַ וואָך. ביז אין 1934 איז דער קצב פּלוצים געשטאָרבן. פון דעמאָלט אָן אַרבעט זי נישט. מ׳קאָן נישט קריגן קיין אַרבעט, באַקלאָגט זי זיך. אָדער מ׳זאָגט איר, מ׳דאַרף נישט קיין פעדער־פליקערן, אָדער מ׳זאָגט איר, אַז זי איז צו אַלט. וואוינט זי דאָ מיט איר שוועסטער.

— נאַטירלעך, איך קום נישט אָן צו קיינעם! איך האָב נאָך אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט וואָס איך האַלט ביי מיינע פּלימע־ניקעס! — איך טראָג צו יעדן חודש מיין חלק צו די הוצאות פון הויז!

— יעדן חודש צאָל איך 9 דאָלער פאַר דירה־געלט און פאַרן עסן! נאָר קיין סך געלט איז מיר שוין נישט געבליבן, און אַמאָל אַז איך בין באַזאָרגט דערפון, און באַקלאָג זיך וועגן דעם פאַר מיינע פּלימעניקעס: — וואָס וועט זיין? עס איז מיר שוין אַזוי ווייניק פאַרבליבן פון מיינע שפּאָרעוודיקע און שווער־פאַר־האָרעוועטע גראָשנס. — וואָס וועט זיין ווען זיי וועלן מיר אויס־גיין, וואָס?

לאַכן זיי פון מיר.

— טאַנטע, נישט געזאָרגט זיך, ווי לאַנג מיר לעבן וועט אַלצדינג זיין אַלרייט!... — און זי גייט אָן מיט איר מאָנאָלאָג:

— יאָ, מיין שוועסטער האָט גאָלדענע קינדער. זיי היטן זי אָפּ ווי דאָס אויג פון קאָפּ. זיי טיילן איר צו פאַרגעניגן און כבוד. אַ מאָל נעמען זיי אונדז מיט אין אידישן טעאַטער, אין אַ מואווי, אָבער צו אָפט קאָנען מיר נישט גיין. נישט אַלעמאָל פילן מיר זיך אין כוח ארויסצוגיין פון הויז. פון זינט מיין שוועסטער נעשקעס מאַן איז געשטאָרבן, פילט זי זיך נישט אַמבעסטן. אָבער די פּלימעניקעס האָבן גאָלדענע הערצער. יום־כפור און יאָנטעוו קויפן זיי אונדז „טיקעטס” אין שול אריין. איר ווייסט דאָך, עס איז אַלעמאָל פאַראַנען אויף וואָס, פאַר וועמען און צו וועמען צו בעטן. באַזונדערס מיר אידן” — און זי לאָזט אויס איר ביטער האַרץ אויף היטלערן, און קללות פון דער תוכחה פליסן פון איר מויל — מיט דעם ריטם פון געבעט.

— אַז איר קאָנט נישט לייענען קיין אידיש און קיין ענגליש, פונוואַנען־זשע ווייסט איר וואָס ער קומט פאָר אויף דער וועלט?

— מיר הערן זיך צו צו דעם וואָס מענטשן רעדן. די פּלי־מעניקעס און די פּלימעניצעס דערציילן אונדז פון צייט־צו־צייט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מיר פרעגן זיך נאָך ביי זיי און זיי דערקלערן אונדז.

ס'ווערט שטיל אַ ווייל און פרוי באַשע ברעכט ווידער אַמאָל אויס אין אַ געוויין, וואָס קלינגט ווי אַן אָנקלאָג, ווי אַן ארויסרוף:

— פון קליינערהייט געלעבט אין אָרעמקייט,

— אָפּגעהאָרעוועט אַ וועלט —

— און געבליבן בלינד און שטום ווי אַ בהמה!

— אַפילו לייענען און שרייבן נישט באַוויזן זיך אויסצו־לערנען!

— אַזוי ווי דאָס וואַסער שווימט מיט די טייכן, אַזוי זיינען די יאָרן אַוועק!...

2. נעשקע

1

נעשקע, אַן אלמנה, איז 70 יאָר אַלט, און איז די מוטער פון אַכט זין. זיבן פון זיי געפינען זיך אין אַמעריקע און איין זון — אין קאַנאַדע. נעשקע וואוינט אין בראָנזוויל, אין אַן אַפּאַרטמענט פון 4 צימערן. אינאיינעם מיט איר וואוינט איר שוועסטער באַשע.

באַלד ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון נעשקעס וואוינונג וואַרפן זיך צוויי זאַכן אין די אויגן: 1) פאָטאָגראַפיעס וואָס באַצירן די ווענט — בילדער פון חתן־כלה, פון יונגע פּאָרלעך, פון גאַנצע משפחות, פון יונגוואַרג, און פון קליינינקע קינדערלעך — אייניקלעך און אוראייניקלעך; און 2) בלומען־טעפּ און וואַזאַנעס אָנגעשטעלט אויף די פענצטער און אויף די דילן. פון דעם אַלץ איז גרינג צו דערקענען, אַז נעשקע האָט אַ שוואַכקייט פאַר בלומען און אויך פאַר ראַשיקע פאַרבן און קאָלירן. די קישעלעך, די פאָרהאַנגען און די טישטוכער אין הויז זיינען אַלע פון פאַרבנ־רייכן, קוויטלדיקן מאַטעריאַל. אַז מען צערעדט זיך מיט פרוי נעשקע דערוויסט מען זיך באַלד, אַז איר ליבשאַפט פאַר בלומען און קאָלירן איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַן איינגעבוירענע ליבשאַפט.

זי דערציילט, למשל, אַז נאָך אַלס קינד אין ביאַליסטאָק האָט זי ליב געהאַט צו שפּאַצירן הינטער דער שטאָט און קוקן מיט גרויס ליבשאַפט אויף די פאַרשידנערליי קאָלירפולע בלומען און אַפילו נאָך דער חתונה, ווען זי האָט זעלטן געהאַט אַ פרייע מינוט פאַר זיך, פלעג זי זיך פון צייט צו צייט, אַרויסגנבענען הינטען דער שטאָט, וואו זי פלעג אויף די פעלדער אַנקלייבן בלומען און זיי אַהיימברענגען, און מיט זיי באַצירן איר הויז.

פון נעשקעס רייד דערוויסט מען זיך, אַז זי האָט געהאַט אַ שווער לעבן, און אַז זי האָט זיך פיל אָנגעליטן אויף דער וועלט. זי רעדט אַ פיינעם־פאָלקסטימלעכן אידיש, פונקט ווי איר על־טערע שוועסטער באַשע, און זי דערציילט, אַז צו 12 יאָר האָט זי שוין געמוזט אַנהייבן פאַרדינען פאַר זיך אַליין. אַלס קינד האָט זי שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ טוך־פאַבריק אין ביאַליסטאָק. זי האָט, דערציילט זי, געאַרבעט שווער און לאַנגע שטונדן, און די פאַרדינסטן זיינען געווען גאָר קליינע. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָט זי נאַטירלעך נישט באַוויזן צו קריגן אַן עלעמענטאַרע ביל־דונג, און ווען זי רעדט דערפון, רעדט זי מיט גרויס באַדויער.

„מיינע עלטערן זיינען געווען ערלעכע און האָרעפּאַשנע מענטשן, אָבער גרויסע אָרעמעלייט. איך האָב נאָך אַלס קינד אָנגעהויבן צו אַרבעטן, און אַזוי איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און איידער וואָס־ווען בין איך שוין אַלט געווען 20 יאָר". אין דעם עלטער האָט זי אירער אַ פעטער באַקענט מיט אַ יונגענמאַן. ער איז געווען אַ יונגער, אַרבעטזאַמער פורמאַן, און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט. טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן, ווען זי דערמאָנט איר מאַנס נאָמען. זי דערציילט באריכות פון זייער אָרעמען אָבער גליקלעכן פאַמיליען־לעבן, ביז מיט דריי יאָר צוריק, ווען איר ליבער מאַן איז געשטאָרבן. „מיר זיינען געווען אַ לעבנלאַנג אָרעמע לייט, מיר האָבן אָבער אָפּגעלעבט אַ רייך לעבן, מיין מאַן און איך!

„כ'האָב פאַרלוירן אַ געטרייען לעבנס־באַגלייטער און אַ גע־טרייען חבר אין מיין מאַנ'ס טויט!" איר קול ווערט ציטערדיק און זי ווערט אַנטשוויגן.

2

פרוי נעשקע האָט געבוירן 13 קינדער. 12 אינגלעך און איין מיידעלע. פון די 13 קינדער זיינען 8 געבליבן לעבן — אַלע אינגלעך.

נעשקע קערט זיך צוריק אין געדאַנק צו אירע קינדער־יאָרן און דערציילט, אַז אַ חוץ ביי וועבעריי האָט זי אויך געאַרבעט אַלס אַ פעדערפליקערן, און יאָרנלאַנג האָט זי סאָרטירט שמאַטעס.

זי האָט שפּעטער געאַרבעט אויך נאָך דער חתונה, ווייל איר מאַנס פאַרדינסטן האָבן פּשוט נישט געקלעקט אויף אויסצו־האַלטן אַזאַ גרויס הויזגעזינד ווי אירס, און חוץ דעם האָט זי טאַקע געוואָלט אַרויסהעלפן איר מאַן און אים לייכטער מאַכן דעם שווערן עול פון פּרנסה. זי פלעג אַרבעטן ביז אין די שפּעטע שוואַנגער־חדשים, און איינמאָל, — דערציילט זי, — האָט זי טאַקע שיר נישט געבוירן איינס פון אירע קינדער ביי דער אַרבעט.

אויף דער פראַגע: „ווער פלעג אַכטונג געבן אויף אייערע קינדער אַז איר האָט געאַרבעט?" ענטפערט זי: „די קינדער זיינען געוואקסן איינס נאָכן צווייטן און טאַקע אַליין דערצויגן איינס דאָס צווייטע".

אין 1906, ערב דעם טרויעריק־באַרימטן ביאַליסטאָקער פּאָ־גראָם, איז איר עלטסטער זון אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע.

3

וועגן אירע איבערלעבונגען בעתן פּאָגראָם דערציילט נעשקע פאָלגנדיקס:

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אַ דאָנערשטיק און האָט זיך געענדיקט ערשט שבת. זי איז יענעם טאָג, ווי גע־וויינטלעך, אַוועק צו דער אַרבעט. דער מאַן איז אויך, ווי יעדן טאָג, אַוועקגעפאָרן מיט פערד און וואָגן צו דער אַרבעט, און אין הויז זיינען, ווי געוויינלעך, די קינדער געבליבן אַליין. באַלד ווי דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען האָט מען פאַרהאַקט די טירן און טויערן פון פאַבריק און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט.

— איר קאָנט זיך אָבער לייכט פאָרשטעלן מיין אומגליק־

לעכע לאַגע. — ווענדט זי זיך צו מיר, — אַז די זאָרג פאַר מיינע קינדער און פאַר מיין מאַן האָט מיך שיר פון זינען געטריבן! איך בין געווען זיכער איך וועל דאָס נישט אַריבערטראָגן! נישט איינמאָל בין איך צוגעלאָפן צו דער פאַרריגלטער טיר און פּרובירט זיך דורכרייסן דורך אַלע געפאַרן צו מיינע איינזאַמע קינדער, וואָס זיינען נעבעך געבליבן אַליין און הפקר!

— צו דעם אַלעמען בין איך געווען פאַרגאַנגען אין טראַגן...

איר פּנים לויכט אויף פון פרייד וואָס זי האָט געפילט ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים און געטראָפן אַלע קינדער, אמת, אויסגעמאַטערטע און צעשראָקענע — אָבער אַלע לעבעדיקע!

געראַטעוועט האָט זיי אַ פּוילישער שכן, מיט וועלכן זיי האָבן זיך גוט פאַרהאַלטן. ווען דער פּאָגראָם האָט אויסגעבראָכן און מ'האָט גענומען שלאָגן און הרג'ענען אידן — האָט דער שכן אַריינגענומען די קינדער צו זיך אין הויז אַריין און זיי אויסבאַהאַלטן פון די מערדער.

— גאָט צו דאַנקען! — זאָגט זי, — איך האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען איך האָב אַ האַלב־טויטע איבערגעציילט מיינע קינדערלעך און שפּעטער אויך דערזען ווי ס'פאַרט צו צום הויז מיין ליבער מאַן! איך האָב געמיינט אַז מיט דעם האָט זיך שוין אַלץ געענדיקט! אָבער מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך ערשט אָנגעפאַנגען די שוידערלעכע נאָכווייענישן פון די אומגליקלעכע געשעענישן!

— אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מפּיל געווען מיט אַ קינד פון 5 חדשים. און מיין 13־יאָריקער זונעלע איז קראַנק געוואָרן. די שרעק פון די פּאָגראָם־טעג האָט אים מער קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. ער פלעג קריגן אָנפאַלן פון מרה־שחורה. ער האָט אַלעמאָל געפיבערט, געליטן ביינאַכט פון בייזע חלומות — און צו 15 יאָר איז ער געשטאָרבן! — זי צעוויינט זיך. — אַ טייער קינד געווען! אַ טייער קינד...

אין 1907 איז נעשקעס צווייטער זון אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. די אידישע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער

אין דעם צאַרישן רוסלאַנד, און ווער ס'האָט נאָר געקאָנט, האָט פּרו־בירט אויסוואַנדערן פון דאָרטן.

די זין האָבן שווער געאַרבעט אין נייעם לאַנד. און די ערשטע צייט פּאַרדינט זייער ווייניק. זיי האָבן אָבער אין די ערגסטע צייטן דאָ אין לאַנד קיינמאָל נישט פאַרגעסן אין זייערע עלטערן פון יענער זייט ים און אין זייערע אינגערע ברידערלעך. זיי האָבן אַהיים געשיקט אָפטע בריוו און פון צייט־צו־צייט אַהיים געשיקט אַביסל געלט.

שפּעטער איז אויך נעשקעס דריטער זון אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

אַזוי איז געפלויגן אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז אין אין 1914, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. נעשקעס קינדער זיינען דורך די יאָרן אונטערגעוואַקסן און די צאַרישע רעגירונג האָט צו־גענומען אין מיליטער אירס א זון. ביים אַנהויב, — דערציילט די מוטער, — פלעגן אָנקומען אָפטע בריוו פון אים, אָבער שפּעטער, ווען מ'האָט אים אָפּגעשיקט צום פראָנט, האָבן מיר מער קיין איינ־ציק וואָרט נישט דערהאַלטן פון אונדזער ליבן זון! מיר פלעגן זיך אויסקוקן די אויגן אויפן בריווטרעגער יעדן טאָג. אָבער אומ־זיסט, פון אונדזער זון האָבן מיר מער קיין וואָרט נישט געקראָגן!

— איך פלעג וויינען גאַנצע טעג, און דורך די נעכט פלעגט זיך נישט נעמען קיין שלאָף צו מיינע אויגן. אמאָל פלעג איך אין חלום דערזען שרעקלעכע מלחמה־בילדער. איך פלעג זיך אויפ־כאַפּן מיט אַ געשריי, און טאָג ווי נאַכט האָב איך אַלץ געטראַכט וועגן מיין זון וואָס געפינט זיך ערגעץ אויפן שלאַכט פעלד!

אין 1917 איז די וועלט־מלחמה שוין געווען פאַראיבער. מיר האָבן ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו קריגן בריוו און הילף פון אונדזערע געטרייע זין אין אַמעריקע, אָבער פון אונדזער זון אויפן שלאַכטפעלד האָבן מיר נאָך אַלץ קיין איינציק וואָרט נישט געקראָגן! פאַרשידנערליי שרעקלעכע געדאַנקען פלעגן מיר קומען אין קאָפּ אַריין. איך האָב זיי אָבער אַלעמאָל שנעל פאַרטריבן פון זיך, און געהאָפט אַז מיין זון וועט זיך פאָרט צוריקקערן אַהיים.

ביז איינמאָל אין אַ פריייטיקצונאַכטס, אינמיטן ליכט־בענטשן,

ווען איך האָב, ווי געוויינלעך, געבעטן צו גאָט ער זאָל דערהערן מיין געבעט און זיך אויף מיר מרחם זיין און מיר אומקערן מיין פאַרפאַלן־געוואָרענעם זון — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קלאַפּ אין דרויסן. די טיר פון הויז האָט זיך פּלוצים אָן עפן געטאָן, און אויף דער שוועל איז געשטאַנען מיין זון!

— איך געדענק דאָס ווי היינט, — זאָגט נעשקע, — איך האָב אַ געשריי געטאָן: „ווּעלוול!" און בין באַלד געפאַלן אין חלשות.

נעשקע דערציילט, מיט שטאָלץ, ווי אין 1921 האָבן אירע „אַמעריקאַנער" זין אַרויסגעשיקט שיפסקאַרטעס פאַר זייערע על־טערנס וועגן, און אויך פאַר זייערע אינגערע ברידערלעך. און ווי זיי האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט אויפן וועג קיין אַמעריקע. — מיין מאַן און איך האָבן אַ לעבנלאַנג געוואַרט אויף דעם טאָג! מיר האָבן געוואָלט ווידער פאַראייניקן און צוזאַמענברענגען די גאַנצע משפחה, אַנשטאָט דער צעריסנקייט מיט וועלכער דער ים האָט אונדז אָפּגעטיילט.

— מיין מאַן און איך האָבן אין אַמעריקע געהאַט די גליק־לעכסטע יאָרן!

— קיין זאַך האָט אונדז ניט געפעלט פון דעם טאָג וואָס מיר זיינען אַהער אַריבערגעקומען!

— עס איז אונדז באַשערט געווען אַ גליקלעכע עלטער!

— מיין מאַן און איך האָבן געהאַט גרויס נחת פון אונדזערע אַריבערגעקומענע זין און אייניקלעך.

— אונדזערע קינדער זיינען אונדז געטריי און איבערגעגעבן. נישט אַלע פון זיי זיינען גלייך פאַרמעגלעך, אָבער אַלע זיינען אונדז גלייך געטריי!

— יעדע וואָך שיקט אונדז צו די בוכהאַלטערן פון שאַפּ (מיינע צוויי זין האָבן אַ שאַפּ) אַ טשעק אויף די הוצאות פון הויז. און ווען מיין מאַן האָט געלעבט פלעגן זיי אים געבן אַ פּאָר עקסטראַ דאָלער, ער זאָל קאָנען ביישטייערן אין שול און אויף צדקה־אַנ־שטאַלטן!

פסח פראַוועון מיר אַ גרויסן סדר, עס קומען זיך צונויף

אַלע זין, די שנורן און די אייניקלעך און מיר פּראַווען אַ גרויס־אַרטיקן סדר! אַ קייסער קאָן נישט פּראַווען אַ יום־טוב מיט מער לוקסוס! אָבער . . . די לעצטע פּאָר יאָר, זינט מיין מאַנס טויט, פעלט עפּעס... אין מיין מאַנס טויט האָב איך פאַרלוירן אַ זעלטענעם חבר און אַ זעלטענעם פריינט!... — זי ווערט שטיל, אירע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן, און זי ענטפערט זיך באַלד אַליין:

— אפשר טאָר מען זיך נישט באַקלאָגן!

— ס'וואָלט אפשר געקאָנט ערגער זיין!

— מיינע קינדער זיינען זייער גוט צו מיר.

— זיי היטן מיך אָפּ ווי אָן אויג אין קאָפּ!

— נאָכאַנאַנד זיי פרעגן מיך: מאַמע, וואָס דאַרפסטו? מאַמע, וואָס ווילסטו?

— קיין זאַך איז ניט צו שווער פאַר זיי! — איר פּנים לויכט אויף און צעשטראַלט זיך מיט פרייד פון אַ גליקלעכער און צופרידענער מוטער!...

די געשיכטע פון אַ אידישער משפחה

(צווייטער דור)

מיט 63 יאָר צוריק איז איזידאָר געבוירן געוואָרן אַן איציקל. אויף די אידישע אָרימע „פּיאַסקעס" פון ביאַליסטאָק זיינען אַ סך אַזעלכע אויסשפּראָצונגען געווען. דאָס אידישע עקאָנאָמישע לעבן, אַ מאַגערס; וועגן אריינברענגען אַ טאָלק האָט זיך זעלטן ווער געקימערט. האָבן די אידן סתם אַזוי, אָן חשבון, געפּלאָדיעט קינדער. אַזוי ארום זיינען מיט דער צייט די ענגע, קרומע מסחר־געסלעך אָנגעפילט געוואָרן מיט קינדער, שטיף־מאַמעס און קלאָג־לידער. איז איציקל אויך געבוירן געוואָרן.

איינער פון אַכט קינדער אין שטוב. דער טאַטע, אַ מלמד, אַ שטענדיקער חלוש, און די מאַמע שלאָגט אָן די רייכע טירן מיט אַ זאַק גרינס אָף די פּלייצעס — עול פּרנסה.

אין אַזאַ שטוב, אַן איינציקע, עלטערן זיך קינדער פאַר פרי און יעדעס באַזונדער וויל בסוד סודות אַן אייגענע וועלט אויפ־בויען.

ביז צען יאָר איז איציקל געגאַנגען אין חדר, נאָכדעם האָט ער זיך געלערנט זיין אַ מוליער. די אַרבעט איז אויף אים ניט געפאַלן שווער. ער איז געוועזן אַ געזונט איינגל. אַ חוץ דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקן באַגער עפּעס צו דערגרייכן אין לעבן. איציקל אַנטוויקלט אַ ווילן. ער וואַקסט אַ פאַרעקשנטער, אַ מענטש וואָס וועט אַמאָל שטעלן שטעלן אויף זיך.

דער טאַטע איז אַ קראַנקער און די מאַמע, אַ פאַרהאָרע־וועטע, שלעפּט שווערע פּעק גרינס פון דאָרף אין שטאָט אריין. גאַנצע טעג זעט מען זי ניט אַן. אַ קינד דאַרף דאָך אָבער פאָרט אימיצן האָבן... איז צו יענער צייט טאָקע באַגעגנט איציקל זיינס אַ קוזינע.

איציקל, צען יאָר אַלט, און זיין קוזינע אסתר חיה׳טשע — ניין יאָר. זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן אויף אַ ברית אין זאַבּ־לודאָווע, אַ שטעטל ניט ווייט פון ביאַליסטאָק. זיי האָבן ביידע אַ קוק געטאָן אָף זיך און עס האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש און אָף דער שנעל זיך געגומען וועבן אַ נייער סוד. נאָך אַ פונקט אין איציקלס לעבן, וואָס וועט שפּעטער מוזן דערגרייכט ווערן.

זייט דאַן טרעפן זיך די קינדער פון צייט צו צייט. פאַר איר אַנטפּלעקט איציקל זיינע פּלענער :

ער וועט ניט וואוינען ווי זיין טאַטע אין איין שטוב, נאָר אין צוויי. קיין מלמד וועט ער אויך ניט זיין, נאָר אַ טעשלער ווי איר טאַטע. און טראָגן וועט ער דעם עול פרנסה. געוואוינט זיך אסתר חיהטשע ארויפצוקוקן צו אים, און איציקל פילט ווי ער וואַקסט אַ מענטש מיט אַחריות, אַ מאַן.

זיין עלטערער ברודער יעקב אהרן גייט אין דער ישיבה און עסט טעג. אַ צווייטער לערנט זיך זיין אַ שניידער, אַ דריטער אַרבעט ביי זומער־שיך, אַ שטיף־שוועסטער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל און זי שרייבט אַז ס׳איז איר שלעכט, אָבער קיין חוץ

לאַרץ וועט זי ניט קומען, אַפילו ווען מ׳וועט איר שיקן אַ שיפס־קאַרט.

שטייט איציק אַ פּאַרטראַכטער אַף די רעשטאָוואַניעס פון ביאַליסטאָק, לייגט ציגל, און צוזאַמען מיט זיינע מויערן וואַקסן פּלענער: זיין זיידע און עלטער זיידע, זאָגט מען, וואוינען אַרום 100 יאָר אין דער געגנט. זיי זיינען געווען צווישן די ערשטע אידן זיך דאָ צו באַזעצן. וואָלט ער, איציק, געוואָלט וויטער ציען דעם פאָדים. אַט־אָ־דאָ אויפן „זשווירינייעץ״, אַנטקעגן הויז פון זיין צוקונפטיקן שווער, דאָ וואו ער קאָן יעדעס שטיינדל, יעדעס זעמדל, וואָלט ער נאָך געוואָלט אַן אייגן הויז בויען און זאָלן אַלע זען. נאָר צוריקגעטראַכט, ווערט דאָך דאָ פּאָר אַ אידן וואָס אַמאָל ערגער. אַ אידיש אינגל, אַז ער אַרבעט אָפּ אַ גאַנצן טאָג און ביינאַכט, אַז ער גייט אַהיים פון פּריוואַטן לערער, יאָגן אים אַ סך מאָל נאָך שכורע סטראַזשניקעס. מיט די בלאַנקע שווערדן לויפן זיי און שרייען — „זשידי! זשידי!״ איציקל צוגלייך מיט אַלע אידישע קינדער פון די „פּיאַסקעס״ האָבן מורא פּאַר שכורים, הינט, און פּאַר די פינסטערע נעכט, וואָס שפּרייטן זיך איבער די ניט־באַלויכטענע, אויסגעקרימטע, אידישע געסלעך.

וועגן דעם רעדט זיך איציקל דורך מיט זיין אסתר חיהטשען. ער מאָלט איר אויס אַ וועלט אָן הינט. אין וועלדל, אויף שמאָלע סטעזשקעס, שפּאַצירן זיי, און ער צייגט איר אָן אויפן האָריזאָנט. דאָרטן וואו דער הימל מיט דער ערד קומען זיך צונויף, אַהין וועט ער זי נעמען, אויב ס׳זאָל נאָר זיין געווענדט אָן אים. ער זאָל אַזוי לעבן, ווי אַלץ וואָס ער זאָגט, מיינט ער...

אסתר חיהטשעס פאָטער איז אַ טעשלער, אַ בויער פון הייזער. אָפטמאָל דינגט ער אַזוי פיל ווי 50 אַרבעטער מיטאַמאָל. דאָס איז אָפּהענגיק פון קאָנטראַקט. אָבער זי האָט אַ שטיף־מאַמע... און זי איז איינע פון אַכט קינדער אין שטוב — „מיינע און דיינע״; די מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט. (אָן אָפּטע דער־שיינונג אין יענע געסלעך.) אַרבעט זי ביי שניידעריי. אַ ליכ־טיקע, אַ ניט אויסגעוואַקסענע (אַ פּאַדראַסטעק) מיט טונקעלע

צעפּלעך האָר און שאַרפע ברעמען, זיצט זי צוזאַמען מיט אַנדערע מיידלעך אין ווערקשטאַט און זינגט די יתומים לידלעך.

יאָרן זיינען אַוועק. איציק איז דורך דער צייט געוואָרן אַ בעל מלאָכה, אַ פאַרדינער, און אסתר חייהטשע האָט שוין געקאָנט נייען.ביידע האָבן זיך גענומען באטראכטן אַלס חתן־כלה. דער „זשווירינעץ״ און די „פּיאסקעס״ האָבן זיך אויך אַנגעהויבן צוגע־וואוינען צום פּאַקט. די איינציקע, וועלכע האָבן פּרובירט צו צעשטערן דעם שידוך, זיינען געווען די שדכנים. זיי האָבן ניט געקאָנט איינזען פאַרוואָס עס זאָל מענדל טעשלערן אַזוי לייכט אָנקומען אויסצוגעבן אַ טאָכטער. טאָמער מאַכט זיך אַ לייטישער יונגערמאַן, וואָס אי ער דאַוונט, אי ער פאַרדינט, קאָן מען דערביי גאָרניט טועם זיין. זיי האָבן איציקן גערעדט שידוכים מיט נדן. ספּעציעל ווען עס איז געקומען די צייט פון שטעלן זיך צום מילי־טער, דעמאָלט האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן און אים געוואָלט פאַרשליירן מיט אַ רייכער טאָכטער: מ׳האָט אים געוואָלט צושרייבן צו אַ משפחה אַלס בן יחיד. ער וואָלט אַזוי ארום אויס־געמידן מיליטער דינסט. איציק האָט אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון.

צו 21 יאָר איז ער געווען אַ מיטלוואוקסיקער, ברייט־ביינער־דיקער יונגערמאַן מיט אַ שאַרף־פאַרשפּיצטער מאָרדע, אַ קלוגן בליק און פאַר׳עקשנ׳טן כאַראַקטער. אסתר חייהטשע איז געווען נידעריקער פון אים, אָבער זי האָט זיך אויך שוין געהאַט צע־וואַקסן. אין דער שטיל האָבן זיי באַשטימט, אַז ער וועט זיך ניט אָפּהאַקן קיין פינגער, ווי אַנדערע פלעגן עס טאָן, כדי ניט צו גיין דינען פאָניען. ער וועט זיך ניט מאַכן קיין חולאת׳ן. אַז גאָטס גזר וועט קומען, וועט ער זיך געזעגענען מיט איר און אם ירצה השם אַז ער וועט צוריקקומען, וועלן זיי שטעלן אַ חופּה.

וכך הוה: איציק איז אַף פיר יאָר אַוועק דינען.

עס זיינען שוין קרוב צו 40 יאָר אַוועק, אָבער איזידאָר, דער אַמאָליקער איציקל, געדענקט נאָך צו ענטפערן, אַז מ׳איז געשטאַנען אויפן טשאַסאָוואָי און געשריגן: „קטאָ אידיאָט?״

פיר יאָר האָט ער געדינט. ער האָט זיך אין פּאָלק אויס־

געלערנט שפּילן אויף נאָטן, און איז אריין אין טרומפּייטער־אָרקעסטער. ער האָט זיך אַפילו דערדינט צו אַ ראַנג. צום סוף איז ער באַפרייט געוואָרן ווי אַן ערנהאַפטער סאָלדאַט און איז אַהיים געקומען חתונה האָבן מיט זיין באַשערטער.

עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה כמנהג ישראל. דאָ ענדיקט זיך טאַקע דער ראָמאַן און די צרות הויבן זיך אָן:

צום יאָר איז צוגעקומען אַ קינד און פּונקט צו יענער צייט, אין יאָר 1909, האָט מען צוריקגערופן דעם רעזערוו...

נו, גיט איזידאָר אַ פילאָזאָפיר, אַ מענטש האָט אָפּגעדינט פיר יאָר, — אָלרייט! פיר שווערע יאָר. און צומאָרגנס, נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער, האָט מען אים אַפילו אַ שעה ניט געלאָזט זיין אין מאָסקווע: פּאַניע האָט זיך ווידעראַמאָל דערמאָנט, אַז ער איז אַ איד. נו, קאָן מען זיין אַ פּאַטריאָט פון אַזאַ לאַנד?

האָט זיך דאָס יונג פּאָר פאָלק גענומען פאַרטראַכטן וועגן אַמעריקע. אמת, זיי האָבן ערשט געהאַט אויסמעבלירט צוויי צימערלעך, קוים אָפּגעלעבט צוזאַמען אַ יאָר, אַ פּיצל קינד איז שוין געווען, אָבער קיין תכלית האָט זיך דאָ פאָרט ניט געזען.

צו יענער צייט זיינען שוין איציקס אַ ברודער און שוועסטער געווען אין אַמעריקע. דער שוואָגער האָט געשריבן פון ניו יאָרק, אַז ער איז אַ היטל־מאַכער. אין אַמעריקע, האָט ער געוואָרנט פונדערווייטנס, שאַרט מען ניט קיין גאָלד אין די גאַסן, אָבער אַז מ׳וויל שווער אַרבעטן, קאָן מען מאַכן אַ לעבן.

אין יאָר 1904 איז איזידאָר אָפּגעפאָרן. ער איז דאַן אַלט געווען 26 יאָר. ער איז אָנגעקומען פאַר אייגן געלט. קיין ניו יאָרק איז ער אריין מיט 5 רובל אין קעשענע. דאָס האָט מען געמוזט ווייזן אין עליס־איילאַנד.

ער האָט טעלעגראַפירט זיין שוואָגער פון האַפן, אָבער אים דאַכט זיך, אַז ער איז אָנגעקומען פאַר דער טעלעגראַמע. מען האָט אים ארונטערגעלאָזט אין „קעסל־גאַרדן”. ער איז געבליבן שטיין מיט אַ קאַשיק אין דער האַנט און מיט 5 רובל וואָס מ׳האָט אים פון זיי געמאַכט 2 און אַ האַלבן דאָלער. פון גרויס איבע־

ראשונג און בענקשאַפט צום ווייב האָט ער זיך שיעור ניט צעוויינט, אָבער אַזאַ מענש איז ער ניט... ער האָט שטומערהייט ביים האַפן דאָס קאָשיקל זאַכן „געטשעקט". ער האָט געקויפט אַ טיקעט און צוגעפאָרן צו דער צווייטער סטריט, ניו יאָרק. דערביי וויל ער אונטערשטרייכן וואָס אַמעריקע איז:

— אַמעריקע, — ער איז צוגעגאַנגען צום טיקעט אָפיס פון עלעוויטעד און אַוועקגעלייגט זיין גאַנץ געלט. דער קאַסירער האָט זיך גענומען אַ ניקל, אים געגעבן אַ טיקעט, מיטן איבעריקן געלט צוריק — „אַמעריקע!"

אין דער היים האָט מען געזאָגט אַז אין נעוו־יאָרק גייט די באַן אויף די דעכער. די מויערן זיינען הויך. אַלץ איז גרויס. די וועלט ליגט נאָענט צום הימל, וואָס אַט גליט ער און אַן אַנדערש מאָל פרירט ער, — „פונדאַנען נעמען זיך אַזעלכע היצן און פרעסט אין אַמעריקע".

איז אַז איציק איז אָנגעקומען מיט זיין געפלאָכטן קיישל אויף דער צווייטער סטריט, האָט ער זיך קודם געלאָזט שפּאַנען ארויף צום העכסטן עטאַזש (5 שטאָק). ערשט האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זיי וואוינען אַפן צווייטן שטאָק.

איציק איז געבליבן שטיין, ווי אַ בעטלער ביי דער טיר, אָבער דער שוואָגער און די „נעפיוס" האָבן אים מיט פרייד אויפגענומען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען אים געהאַלטן אין איין אויספרעגן אַפן שטעטל, און דערביי פאַרגאָסן אַ טרער... איציק איז געווען שלעפעריק די גאַנצע וואָך. די „אַמעריקאַנער" האָבן געזאָגט, אַז יעדער „גרינער" איז אַזוי. „מ'דאַרף זיך צוטרייען".

אויסגעשלאָפן זיך, אָפּגעפרייט זיך, האָט זיך איזידאָר אַ נעם געטאָן צו די וואָכעדיקע מלבושים, און אַוועק אַרבעטן. אינגאַנצן אַ וואָך צייט דאָ געווען און שוין געשטאַנען אויף אַ סקעפאָלד: אַ לאַנדסמאַן האָט אים אַריבערגענומען קיין בראַנזוויל, אים רעקאָמענדירט אַרבעט און אויך אויסגעזוכט אַ לאָזשי.

ביי מולעריי האָט מען דאַן פאַרדינט $5.60 אַ טאָג. דאָס איז געווען צווישן די בעסט באַצאָלטע פאַכן. אַרבעט איז געווען גענוג: ס'איז געווען די צייט פון בארימטן בראַנזווילער „ריעל עסטייט

בום״, כדי אָבער צו קריגן אַ דזשאָב צו יענער צייט, האָט מען געדאַרפט ארויסנעמען די ערשטע פּאַפּירן און זיך אַנשליסן אין דער יוניאָן (א. פ. אָוו ל., לאָקאַל 32). האָט ער טאַקע ארויסגע־נומען די „פּאַפּירן״ — און פון איציק איז דאַן געוואָרן איזידאָר.

איזידאָר איז געוואָרן אַ באַרדער. בייטאָג האָט ער געאַרבעט און ביינאַכט געשריבן בריוו צו זיין אסתר חייהטשען.

— ס׳וועט ניט דויערן לאַנג, — האָט ער איר פאַרזיכערט. זאָל ער נאָר אַנזאַמלען די ערשטע פּאָר דאָלער. זאָל איר ניט אַרן וואָס שכנים זאָגן. ער ווייסט, ווי אַלעמאָל, האַלטן וואָרט...

נאָך 15 חדשים האָט ער זי אַראָפּגענומען צוזאַמען מיטן זון, וואָס איז אַלט געווען 18 חדשים. איזידאָר האָט דאַן געדונגען אַ וואוינונג אַף פיטקין עוועניו. עס איז געווען אַ פיר שטאָקיג הויז. פאַר 4 צימערן האָט ער געצאָלט 12 דאָלער אַ חודש.

די וועגן אין דער געגנט זיינען נאָך ניט געווען געפּלאַסטערט. קיין עלעקטריק און סטים איז אויך ניט געווען. דאָס איינציקע ביסל ציוויליזאַציע, וואָס האָט באלויכטן דעם פּלאַץ, איז געווען גאַז. פון קיין בעסערס האָט מען דאַן ניט געוואוסט.

צוועלף יאָר האָט ער אָפּגעאַרבעט אַן אַפּשטעל. אין לויף פון דער צייט זיינען אים צוגעקומען פיר קינדער. דאָס הויז־געזינד האָט וואָס אַמאָל געמאָנט מער עסן און קליידער. אין 1916 איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און ס׳איז געוואָרן אויס דזשאָב. איז ער זיך מישב און פאָרט אַריבער קיין פּעריוויל, מערילאַנד, און קריגט אַ דזשאָב ביי דער רעגירונג (די רעגירונג האָט דאָרטן געבויט אַן אַמוניציע פּלענט).

ווער האָט אים געזאָגט וועגן פּעריוויל?

— וועל, מ׳האָט גערעדט צווישן די באַלמעלאָכעס, אַז דאָרטן קריגט מען אַרבעט. נו, קינדער מיט אַ ווייב האָבן דאָך געוואָלט עסן.

אַ איד, זאָגט איזידאָר, האָט בטבע ניט ליב צו וואַנדערן, אָבער אַז מ׳צייגט אַן וואו ס׳איז ברויט פאַראַן, לאָזט ער זיך אין וועג אריין. (ביז איצט איז ער בלויז געווען אין די קעטסקיל בערג און אין לייקוואוד).

אין יאָר 1918 זיינען שוין דאָ געווען דריי ברידער. זיינען די ברידער זיך אַמאָל צוזאַמענגעקומען און באַשלאָסן, אַז ס'וואָלט שוין צייט געווען אויסצוטוישן די שווערע האַרעוואַניע אויף אַ שטיקל ביזנעס. און אַזוי איז עס געשען: דעמזעלבן יאָר זיינען די בשותפות אַריין אין גאַראַזש ביזנעס.

אַכט יאָר איז איזידאָר געווען אין ביזנעס, ניט זייענדיק קיין פּאַכמאַן אין דער בראַנזשע.. „מ'דאַרף בלויז האָבן", זאָגט ער, „אַ גלוסטער און אַ ווילער צו אַרבעטן אין אַ געשעפט וואָס איז אָפן אַלע טעג און שטונדן פון וואָך".

אין יאָר 1927 איז ער געוואָרן אַן אונטערנעמער, אַ בויער פון געביידעס. ענדלעך האָט ער דערגרייכט זיין ציל. דער אינגלישער חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

— „אַ סך, אַ סך הייזער אויפגעבויט אין ברוקלין. מ'קאָן ניט זאָגן, געלט אויף פּאַרדינט, יאָ, פּאַרדינט. מ'איז אין לויף פון יאָרן געווען ביזי איבער די אויערן. יאָ, יאָ, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך, איציק פון ביאַליסטאָק, געהאָלפן בויען די גרעסטע שטאָט פון דער וועלט — אַמעריקע!"

— און געלט?

— „נו, שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַזוי ווייט ווי 25—30 טויזנט דאָלער". דאָס האָט מען אָבער צוריק אַריינגעלייגט אין ליידיקע „לאָטס". און אַז דער קריזיס איז אויסגעבראָכן אין 1929, האָט מען אַלץ פאַרלאָרן און געמוזט צוריק נעמען די „טולס" אין די הענט אַריין".

— מ'איז געבליבן ליגן גאָלע אויף די לאָפּעטקעס. און איצט, נאָכדעם ווי מ'אַרבעט שוין צוריק עטלעכע יאָר, נאָכדעם ווי מ'איז שוין אויף דער עלטער און פיר קינדער בריינגען אַריין „פּעי", האָט מען אַרום און אַרום אָנגעזאַמלט 3 טויזנט דאָלער, אַ ניט־אויסגעצאָלט פאַמיליע הויז און אַ קאַר".

— „נו, אַבי מ'האָט גוטע קינדער און מ'איז קיינעם גאָרניט שולדיק. אין די סאָסייעטיס איז מען אויך גוט שטייענדיק און אַז מען דאַרף טשאַריטי, גיט מען. אין דער גאַס גייט מען נאָך אַלץ אַלס עושר. נו, אַבי מ'איז ניט אין יוראָפּ"...

איזידאָר איז זייער שטאָלץ מיט אַמעריקע, כאָטש מ'קאָן ניט באהויפּטן, אַז ער איז איינגאַנצן אַמעריקאַניזירט: צו די קינ־דער רעדט ער האַלב־אידיש און האַלב־ענגליש. די קינדער האָט ער אַלע יאָר געפּרואווט געבן אַ אידיש־רעליגיעזע דערציאונג, אָבער אַליין גייט ער אויך ניט מער ווי די ימים נוראים אין שול אריין.

אַז מען רעדט וועגן אַמעריקאַניזאַציע ווייס ניט איזידאָר גענוי וואָס מען מיינט דערמיט. אייגנטלעך איז ער שוין דאָ מער אין לאַנד ווי אין דער אַלטער היים. די אַלע יאָרן וואָס ער איז דאָ, האָט ער געאַרבעט. הייסט עס דאָך, גיט ער מיט כמעט איינצלנע, אָפּגעריסענע ווערטער צו פאַרשטיין, אַז ער האָט צו־שטייער געגעבן צום לאַנד. אַי דאָס ביסל ענגליש וואָס ער האָט ניט דערלערנט? נו, אויף דעם איז דאָך ניט געווען קיין צייט. און איצט איז אַ מענטש שוין אויף די עלטערע יאָרן און ס'גייט ניט אַזוי גרינג אין קאָפּ אריין... אויסער דעם, איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין צייט.

— איז וואָס זשע פּאָרט מיינט מען דערמיט וואָס מען זאָגט אַמעריקאַניזאַציע? אפשר מיינט מען, צי ער מישט זיך אין פּאָליטיק? מישט ער זיך ניט, האָט זיך ניט געמישט, דאָסזעלבע זיין הויז־געזינט. צוריקגערעדט, אָבער, איז ער אַ דעמאָקראַט. לעצטנס האָט ער געשטימט אויפן „לייבאָר" טיקעט. ער דענקט, אַז דאָס איז די בעסטע אַדמיניסטראַציע וואָס אַמעריקע האָט ווען געהאַט.

— יאָ, איז — אַז אַמעריקע האָט ער געהאָלפן בויען, שטימען שטימט ער רעגולער פאַרן בעסטן קאַנדידאַט, איז דאָס אַלץ נאָך ניט אַמעריקאַניזאַציע?

וואָס נוגע אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד, וועגן דעם דענקט ער אַז ס'איז גלייכער ניט צו דערמאָנען. הלמאַי זאָל ער ליגן זאָגן, ס'האָבן זיך לעצטנס געיאָוועט אַ סך הינט. נאָך גוט וואָס זיי האָבן ניט קיין כח צו בייסן.

איזידאָרס געזעלשאַפטלעכקייט באַשטייט פון געהערן צום ביאַליסטאָקער ביקור חולים, צו אַ יוניאָן, און צום פאַמיליע קריין.

באזונדערס שטאָלץ איז ער אויף דעם קרייז. אָט אָ דאָ, זאָגט ער, אָנצייגנדיק אַף אָ קיך־טיש, האָט מען עס אין 1928 געגרינדעט דעם קרייז. דאָס וואָס ער איז העכער זעקס יאָר אָ באַאַמטער פון ביקור חולים, איז אַוואַדע אַ גרויסע זאַך, אָבער דאָס וואָס זיין נאָמען צוזאַמען מיטן נאָמען פון זיין דזשעקן, זיינען אויסגע־קריצט אויף די „געיטס" פון פאַמיליע־קרייז בית עולם, דאָס איז נאָך אַ גרעסערע זאַך. אײן קליײניקייט! ער און זיין באַליבטער זון זיינען צווישן די גרינדער פון דעם פאַמיליע קרייז.

מאָדנע ווי דאָס פאַרהערלעכן דעם אייגענעם בית עולם איז ביי די איינגעוואַנדערטע אידן געוואָרן כמעט אַ פעטיש. מע יאָגט זיך נאָך אַ ביסל וואַרימקייט און צוזאַמענזיין. ביים לעבן דער־גרייכט מען עס זעלטן. איז „איבער 120 יאָר", זאָל מען כאָטש ליגן צוזאַמען.

אַ ביסל גאַנצקייט אין דער גרויסער צעוואָרפענער שטאָט, ניו יאָרק. נאָך דעם בענקט כמעט יעדער אידישער אימיגראַנט.

איזידאָר איז צופרידן פון זיינע אויפטואונגען ביז איצט. זיין פאַמיליע־לעבן האָט ער פלאַנירט און אינעווייניק הערשט אַ זעל־טענע רואיקייט. איזידאָר האָט זיין הויז־געזינט געבויט אין איינ־קלאַנג מיט דער טראַדיציע פון זיין אָפשטאַם. זיינע קינדער און אייניקלעך פרובירן פאַרצוזעצן דאָסזעלבע. דער אונטערשייד איז בלויז וואָס זיי רעדן אַן אַנדער שפראַך. עס בינדט זיי אָבער אַלעמען די קרובהשאַפט, די טאָג־טעגלעכע נויטן און די מיטל־מעסיקייט אויף וועלכע זיי שטייען. די פאַמיליע האָט זיך אין משך פון יאָרן ניט פאַרטיפט. זי איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אָרנט־לעכע, אַרבעטנדיקע משפחה פון דורכשניטלעכן דינסטאָג און מיטוואָך.

אין דערציען דאָס הויז־געזינט האָט אַ גרויסן חלק די אַמאָ־ליקע אסתר חייהטשע. זי איז ניט געגאַנגען אין שאָפּ אריין אַרבעטן, ווייל עס האָבן געהאַלטן אין איין אונטערקומען קינדער. זי האָט, אַזוי צו זאָגן, אַלע יאָרן געאַרבעט אין איר אייגענעם שאָפּ... היינט וואוינט זי אַף ראַקאַוועי פאַרקוועי אין 4 צימערן פון אייגענעם הויז. היינט מאַכט דאָס דירה געלט אויס 45

דאָלער און עס איז אַ ביסל באַקוועמער ווי אַמאָל, ווען מ׳האָט געוואוינט אף פּיטקין עוועניו פאַר 12 דאָלער אַ חודש און די קינדער זיינען נאָך דאָן געווען קליין...

זי איז געבליבן די היימישע באַלעבאַטישע הויז־פרוי, וואָס אַלץ דאַרף זי פאַרבויגן און פאַרגלעטן. דער צענטער פון דער וועלט איז ביי איר די קינדער, דאָס רייניקן די וואוינונג, קאָכן און זען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג. אירע צימערן בלאַנקען און עס פילט זיך דאָ אַן אַנגענעמע, גאַסט־פריינטלעכע וואַרימ־קייט. איר מלוכה פירט זי מיט 25 דאָלער אַ וואָך, ד. ה. פאַר זיך, מיטן מאַן און 2 קינדער (צוויי זיינען פאַרהייראַט). דערביי איז נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז זי האַלט כשרות און בענטשט ליכט.

— מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז זי האָט זיך ניט אַנטוויקלט אין לויף פון יאָרן: זי געהערט צו אַ ליידיס אַקזילערי, זי גייט רעגולער צו די וואַלן, און וואָס שייך אירע אַמעריקאַנער קינדער, האָט זי זיי שנעלער באַגריפן ווי איר מאַן. „אַ מאַמע איז פאַרט אַ מאַמע״. זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט דעם נייעם שטראָם פון אַמעריקע. זי רעדט אָבער ניט וועגן דעם. ס׳פעלן איר אויס ווערטער און מוט. זי לאָזט דעם מאַן דערציילן און אַליין שמייכלט זי צו, ווי איינער זאָגט — „אמת, אמת, איך בין אַן עדות דאַרויף״. איר מאַן איז דער באַרעדעוודיקער. אַמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס האָט ער זיך אַנטוויקלט אַף איר חשבון. מיט עטלאַכע און דרייסיק יאָר צוריק האָט זי אים פריוויליק געגעבן די אויטאָ־ריטעט. זייט דאַן קוקט זי אַרויף צו אים און לעבט אין זיין זכות. ער האָט זי אָבער ניט געמאַכט פאַר זיין פוס־בענקעלע.

ער טיילט זיך מיט איר וועגן אַלץ. דאָס דערקאָנט מען לויטן אופן ווי זי רעאַגירט אַף זאַכן און לויט דעם ווי זי צוימט אים מיט אירס אַ בליק בשעת ער פאַררעדט זיך.

נעיטן, זייער עלטסטער זון, איז איצט אַלט 36 יאָר. ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דערציען אין אַמעריקע, איז זיין פאָטער נאָך געווען אַ גרינער. זיין פאָטער (לויט נעיטנ׳ס אָנצוהערענישן) האָט צו יענער צייט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט באַגרייפן דאָס

לעבן פון אַ היגן באַי, וועלכער האָט ליב צו שפּילן באָל, א. אז. וו.

נעיטן גדענקט אַ פאַל ווען זיין שוועסטער האָט צעבראָכן אַ וואַזע. ביים פאָטער איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נעיטנס אַרבעט, וואָרים ווער דען האָט עס געקענט טאָן, אַז ניט דער באָל־שפּילער? מען האָט אים דאַן אויפגעוועקט פון שלאָף און אים געשלאָגן. נעיטן קאָן דאָס ניט פאַרגעסן.

נעיטן, פונקט ווי זיין פאָטער, איז געוואַקסן פאַר׳עקשנ׳ט. דער פאָטער האָט מיט זיין עקשנות דורכגעבראָכן. נעיטן, פאַרקערט, האָט ס׳זייניקע ניט דערגרייכט, איז ער אויסגעוואַקסן אַ פאַרשטומטער, אַ מענטש מיט שטימונגען.

נעיטן לייגט קיינמאָל ניט קיין האַנט אַף זיין אייגענעם זון. ער גיט זיין קינד אַ רעליגיעזע דערציאונג, כאָטש אַליין האָט ער ניט געוואָלט גיין אין חדר. נעיטן אַרבעט אַלס מילך־דרייווער. ביים טאָג שלאָפט ער און ביינאַכט אַרבעט ער. ס׳איז אַ שווער שטיקל ברויט, אָבער ער איז צופרידן...

נעיטן געהערט צו דער יוניאָן און צום פאַמיליע קרייז, אָבער ער האָט ניט קיין צייט צו זיין אַקטיוו אין ערגעץ. ער פירט אַן אַרבעטער לעבן. דאָס גליק פונעם פאַרפאָלק דריקט זיך אויס אין דעם וואָס זיי האָבן אַ געראָטענעם זון, וועלכן זיי גרייטן צו בר מצוה.

וועגן איזידאָרס צווייטן זון, דזשעק, רעדט מען אין דער משפחה, ווי וועגן אַן אויסדערוויילטן. ער איז אַ פאַרמאַציסט און איז אַלט 23 יאָר. ער איז אַ מיטלוואוקסיקער, אַ שטאַרקגעבויטער. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ צוריקגעהאַלטענעם, אינטעליגענטן יונגנמאַן.

דזשעק האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווען ער איז אַלט געווען 16 יאָר. ער האָט געאַרבעט, ניט ווייל עס האָט אים געצוואונגען די נויט, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט ווערן אומאָפּהענגיק. ער האָט אָנגעהויבן אַלס שיפּינג קלוירק. שפּעטער האָט ער געאַרבעט ביי הארטער גומי.

דזשעק איז אַ הי־געבוירענער. ער האָט דאָ געענדיקט פּאָבליק סקול, היי סקול און ברוקלין קאַלעדזש. ווען ער איז

געגאַנגען אין קאַלעדזש, האָט ער שבתים געאַרבעט. זומער פלעגט ער אויך אַרבעטן אין די קעטסקיל בערג אַלס קעלנער. צווישן דער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ ביסל אידיש שרייבן און לייענען. ער לייענט אָבער בכלל ווייניק. „ס'איז ניטאָ קיין צייט דערפאַר, אַז מען אַרבעט 12 שעה אַ טאָג".

קיין פלענער פאַר דער צוקונפט האָט דזשעק ניט. ער אַר־בעט און פאַרדינט. זיין באַלעבאָס איז אַ איד. עס קומען צווישן זיי ניט פאָר קיין צוויסטיגקייטן. יענער אַרבעט אויך.

ער האָט זיך ניט אָנגעשלאָגן אַף אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד, כאָטש אַ סך פון זיינע לערער און מיטשילער זיינען געווען קריסטן. וואָס ער הערט יאָ, אינם סטאָר, איז אַז די קריסטן זאָגן אָפט־מאָל: „דזשעק, דו ביזט אָלרייט, נאָר ניט די אַנדערע אידן". אין זעלבן געשעפט קומען אריין אַ סך איטאַליענער. אַ צאָל זיינען אויסגעשפּראָכענע פאַשיסטן.

דזשעק פאַרבערענגט ניט געזעלשאַפטלעך מיט זיינע פאַרמאַ־ציסטן. ער האָט זיך זיינע חברים, וואָס לייענען פונקט אַזוי וועניק ווי ער. ער איז אין ערגעץ ניט אַקטיוו. ווען עס זאָל אויסקומען צו שטיצן, וואָלט ער געשטיצט די אידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, פונקט ווי די אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס. ער געהערט צום פאַמיליע־קרייז, אָבער ער קומט זעלטן צו אַ מיטינג. זיין געזעלשאַפטלעך פאַרברייינגען באַשטייט פון גיין אין אַ מואווי, צו אַ טאַנץ און אַמאָל אויך אין אַ אידיש טעאַטער, אויב ס'קומט אויס.

דזשעק איז אַ טונקעלער, ווי זיין פאָטער. זיין פּנים איז רונדער און איידעלער. צו אַטלעטיקס האָט ער ניט קיין ספּע־ציעלע נייגונג, ווי למשל, זיין אינגערער ברודער העראָלד. ווי ס'קוקט אויס, האָט די משפּחה, מיט איר אָפּשיי פאַר אים, ארויפ־געלייגט אַף אים אַ מין געזעצטקייט. מע דערוואַרט שטענדיק צו הערן פון אים אַ וואָגיק וואָרט. ער אַליין האַלט זיך איינפאַך.

העראָלד איז דער אינגסטער, דער מיזיניק אין הויז. אַז ער זיצט אויף דער קאַנאַפּע און האַצקעט זיך, קאָן מען אים זיך לייכט פאָרשטעלן מיט דעם באָל אין האַנט. ער איז פון דער

זעלבער דורכשניטלעכער הויך וואָס די פאַמיליע. דערפאַר אָבער איז אַף זיין פנים און פּלייצעס אויסגעוואַקסן אַ ריזיקע געזונטקייט. ער איז קערפּער אין יעדן ריר.

העראָלד איז אַ שיפּינג קלוירק, זינט ער איז אַלט געוואָרן 12 יאָר. איצט אַרבעט ער אין אַ שאַפּ פון פּרויען־אונטערוועש. ס'זיינען דאָרטן אָנגעשטעלט אַרום 100 מיידלעך און איין מאַן.

העראָלד איז אַלט 21 יאָר, און פאַרדינט 16 דאָלער אַ וואָך. אָבער אין דער היים האַלט מען אים פאַר דאָס קינד. במילא ווינצלט מען זיך איבער אים. העראָלדן אַרט עס ניט.

זיין „פּעי" ברענגט העראָלד אַהיים. דערפאַר גיט אים די מאַמע צו עסן, קליידן, און מע שפּאָרט אַ טאָלער פאַר אים. אַ „באָל" האָט ער, אין אַ מואווי גייט ער און ער איז צופרידן.

וואָס שייך אידישקייט, ווייס העראָלד, אַז „היברו" איז אַ שפּראַך, סכין — אַ מעסער, און לחם — ברויט. דאָס איז אַלץ וואָס ער געדענקט פון חדר. צו בר מצוה האָט ער אָפּגעזאָגט די ברכות, און פאַרטיק.

העראָלד איז ניט קיין יוניאָן מאַן. ער טראַכט ניט וועגן אַרויפאַרבעטן זיך. ער וויל בעסער ווערן אַ טשעמפּיאָן בעסקעט־באָל שפּילער.

העראָלד לייענט די „דעילי ניוס". ער איז פון דעם טיפּ אַמעריקאַנער יוגנט, וואָס לייענען מער די „פּיקטשעס" ווי די נייעס, מער די „פאַניס" ווי עפּעס אַנדערש.

אַנאַ איז די טאָכטער אין שטוב. זי זיצט אין אַ ווינקל און פילט זיך אַביסל פאַרלוירן אין אַ פרעמדנס קעגנוואַרט. זי האָט אַ „באָי פריענד". ער איז, ווי זי, אַן אַמעריקאַנער געבוי־רענער. ער אַרבעט ביי „פּאָר". זיצט זי אין אַ ווינקל און הערט זיך איין וואָס יעדער זאָגט.

אַנאַ איז אַרום 5 פוס, 4 אינטשעס הויך. זי איז אַ שלאַנקע. אַ פנים האָט זי אַן אָוואַלס, מיט דינע, דעליקאַטע שטריכן. זי האָט אַ שיינעם קאָפּ טונקעלע האָר און גייט געשוירן. אַלץ צוזאַ־מען גיט איר אַ נעט־עלעגאַנטן אויסזען.

אַנאַ אַרבעט אין אַן עקספּאָרט אָפיס. נאָך דער אַרבעט

העלפט זי דער מאַמען אין שטוב. אין אָפיס אַרבעט זי אַלס בוכ־האַלטערקע. שריפטלעך שטייט זי אין קאָנטאַקט מיט צענד־ליקער פירמעס פון גאַנץ אַמעריקע און דאָך איז זי געבליבן אַ היימיש, כמעט אַ ביאַליסטאָקער מיידל. אירע באַלעבאַטים זיינען אידן, דאָסזעלבע אירע פריינדינעס. די מיידלעך קאָן זי נאָך פון דער צייט וואָס זי איז געגאַנגען אין פּאַבליק סקול און אין היי־סקול. זי שליסט ניט שנעל קיין פריינטשאַפט.

דעם טאָן אין שטוב גיבן די מענער. די מאַמע און טאָכ־טער האָבן זיך לויט דער אַלטער טראַדיציע צוגעוואוינט צו טאָן זייער אַרבעט אין דער שטיל.

אַנאַ איז אַ היימיש מיידל, וואָס פּונקט אַזוי ווי איר עלטערע פאַרהייראַטע שוועסטער שוירלי, און פּונקט ווי די מאַמע, וועט זי אויך האַלטן אַ כשר הויז און בענטשן ליכט פון צייט צו צייט. אַמעריקאַנישקייט און אידישקייט זיינען ביי איר צענויפגעמישט. זי זעט זיי ביידע צוזאַמען. זי ווייס אויך אַז די „פאַרעינערס", פּונקט ווי איר טאַטע, האָבן געהאָלפן בויען אַמעריקע. ס'איז דעריבער ביי איר איינגעוואָרצלט אַ מין דרך ארץ צו די אויס־לענדער וואָס זיינען אַהער געקומען און מיט די אייגענע צען פינגער געבויט זייערע לעבנס דאָ.

אין הויז ביי איזידאָרן רעדט מען אָפט וועגן זיין טאָכטער שוירלי. אַ סימן, מ'איז צופרידן פון איר הייראַט.

איזידאָר גיט אָנצוהערן, אַז זיין אײדים, מאָריס, האַנדלט מיט זייד.

— אַ זיידענער יונגערמאַן?

— יאָ, די ארומיקע זיינען צופרידן פון דער טרעפלעכקייט.

שוירלי איז 33 יאָר אַלט, איר מאַן 35. זיי האָבן זיך ביידע געטראָפן מיט 11 יאָר צוריק ביי אַ באַנקעט פון די „בייט אָוו פיטיאַס". דער טאַטע האָט זי דאָן מיטגענומען. דאָס פּאָרל איז זיך געפעלן פון ערשטן אָנבליק.

שוירלי איז ענלעך אָפן טאַטן, נאָר איר געזיכט איז העלער, ווייכער און אַ ביסל זומער־געשפּרענקלט. זי האָט קליינע, ברוינע, בלענדנדיקע אויגן און אַ קורצע אָדלער־נאָז, וואָס איז לייכט

אויסגעבויגן. דאָס גיט איר אַ טיפּיש־אידישן אויסזען. זי איז, וואָס מע רופט, אַ שיינע אידישע פרוי. עלף יאָר ווי זי איז פאַרהייראַט. זי האָט צוויי קינדער: הערבערט — 7 יאָר אַלט און עטעלע — 3 יאָר. דער יאָך פון קינדער דערציען, ציט זי אַביסל ארונטער. אירע פּלייצעס האָבן זיך אַ ביסל אויסגעבויגן. זי פילט עס אָבער ניט. ס'דאַכט זיך איר, אַז פאַר דעם איז זי געבוירן.

שוירלי איז אַלס מיידל געווען אַ בוכהאַלטערקע. זי האָט גאַנץ גוט פאַרדינט און ליב געהאַט ארומצושטיפן מיט אירע פריינדינעס. איצט איז זי אַ מאַמע מיט אַ מאַן, מיט עטלעכע שכנים, צוויי קינדער, און ארום דעם דרייט זיך דאָס לעבן.

שוירלי וואוינט אין 4 צימערן, וואָס קאָסטן 47 דאָלער אַ חודש. מיט ווייניקער צימערן וואָלט שווער געווען אויסצוקומען. נו, איז טאַקע דאָ וואָס צו ריייניקן. צימערן, קינדער, אַ מאַן אָפּצוואַרטן, ס'איז שווער. אָבער איר מאַן מאָריס העלפט איר. אַכט אין אָוונט קומט ער פון דער אַרבעט, גיט זי אים צו עסן, נאָכדעם לייגט ער די קינדער שלאָפן. זי צעוואַשט דערווייל דאָס געפעס. אין דער צווישן־צייט באַוויזט נאָך מאָריס אריינ־צוקוקן אין דער „פאָסט". לאַנג אַזוי לייענען קאָן מען ניט, וואָרים מ'איז מיד. דרעמלט ער איין אָפּן ביינקל.

מאָריס איז געבוירן אין רוסלאַנד. נאָך צוויי יאָר זיין אין לאַנד האָט ער זיך באקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער שוירלין און נאָך 4 יאָר זיין אין לאַנד האָט ער מיט איר חתונה געהאַט. געטריבן פון היימישער נויט איז ער צופרידן געווען אריינצופאַלן אין אַ היימישער משפּחה. ער האָט דעריבער ניט קיין צייט געהאַט פאַר קיין אַנדער געזעלשאַפטלעך לעבן אין אַמעריקע.

אין די 16 יאָר וואָס ער איז דאָ אין אַמעריקע, האָט ער שוין געאַרבעט פאַר יענעם, געהאַט אַן אייגן געשעפט און איצט איז ער צוריק אַ סעילסמאַן ביי זייד.

מאָריס פאַרדינט ארום 40 דאָלער אַ וואָך. „דאָס, מיט אַ פאָליסי, אַ דאָקטאָר און נאָך עפּעס — קיין געלט קאָן מען ניט שפּאָרן".

דורך שוירלין געהערט מאָריס צום פאַמיליע קרייז. ער איז זייער צופרידן דערפון און דענקט אַז קיין בעסערע און וואַרימערע אָרגאַניזאַציע איז גאָר ניטאָ אין אַמעריקע.

מאָריס רעדט גוט ענגליש. דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט אין די ביזנעס און אַף די אָוונט־קורסן. ער רעדט אַפילו אַן אַן אויסלענדישן אַקצענט און פאַרמאָגט אַ היפּשן וואָקאַבולאַר. מאָריס זיצט אַנ'עם רעקל ביי זיך אין דער היים און דערציילט ווי אַזוי ער האָט אַלס אינגל געשריבן לידער, פירנדיק זעקלעך תבואה איבער די רוסישע באַנען, ווי אַזוי ער האָט געאַרבעט אין אַ וועשעריי אין פּאַריז; ווי ער כאַפּט זיך איינמאָל אין יאָר אריין אין אַ טעאַטער, און ווי אַ אידישע צייטונג לייענט ער נאָר ווען ער גייט ארויף צום שווער, וועלכער וואוינט אינגאַנצן עטלעכע בלאָק אַוועק.

— — — — — — —

איזידאָר, דאָס אַמאָליקע איציקל פון ביאַליסטאָק און דער היינטיקער טאַטע פון אַ צעצווייגטער משפחה, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס שטייט פעסט אַף דער ערד. אַזאַ קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן אין די אַרבעטס־קליידער. אַזאַ מענטש רעש'ט ניט, ווען ער שטייט מיטן דלאָט און האַמער אין האַנט, וואָרים ער איז פאַר דעם געבוירן. פונקט אַזוי טומלט זיך ניט אַזאַ מענטש ווען ער איז אין ביזנעס און גייט אַנגעטאָן אין די שבת'דיקע קליידער. איבעראַל וואו אַזאַ מענטש זאָל ניט קומען, וועט ער שטרעבן אויפצובויען זיין הויז און ארומצוצוימען אַ פּאַרקאַנדל ארום אייגן פאַרפלאַנצטן גאָרטן.

אַ פאַמיליע ווי איזידאָרס איז מער אַ מיטוואָכדיקע ווי אַ שבתדיקע. יעדער טאָג איז אַ לעבלעך־וואָרימער. דערפאַר צע־ברענט זיך דאָ זעלטן דאָס געמיט צו אַ גרויסן יום טוב. אויבנ־אויפיק איז אַזאַ פאַמיליע גאָרניט מחדש אין דער וועלט, אָבער אין תוך זיינען דאָך אירע טעג אָנגעפילט מיט שווערער פּראָ־דוקטיווער האָרעוואַניע. אין תוך האָט איזידאָר אָנגעהויבן צו אַרבעטן צו 10 יאָר, 4 יאָר האָט ער געדינט אין מיליטער, ער האָט זיך פאַרליבט אַלס קינד און זיין עקשנות דורכגעפירט ווי

אַ העלד, ער האָט דאָ געבויט הייזער, געעפנט גאַראַזשעס, פּאַר־קויפט, פאַרדינט געלט, פאַרלוירן, אַרבעט שוין ווידער, איז אַקטיוו אין אָרגאַניזאַציעס, — וואָס נאָך קאָן אַ מענטש זיין?

איזידאָר און זיין פרוי האָבן אין משך פון 35 יאָר זיך גע־בויגן אונטערן איינפלוס פון דער נייער וועלט, אַמעריקע, און לסוף זיינען זיי געבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער דור.

איינער פון יונגן דור

(דריטער דור)

איך האָב נייטענען אין זיין פּאָליצייסקן אוניפאָרם קיינ־מאָל נישט געזען. איך וויים: אַ „קאָפּ”, ווען ער נעמט אַראָפּ זיין האַרטן דאַשעק, ווען ער טוט אויס דעם שווערן ראָק און שפּיליעט אָפּ דעם רימען מיטן רעוואָלווער, ווערט זיין גאַנצע דערשיינונג עפּעס פאַרמענטשלעכטער; עס פאַלט פון אים אָפּ די האַרטקייט, די שטייפע אָפיציעלקייט, וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט אַ מונדיר און — עס באַווייזט זיך דער מענטש, מיט אַ פּנים וואָס שמייכלט, מיט אויגן, וואָס האָבן אָפט אַסך וואַרעמקייט, מיט אַ קאָפּ האָר, וואָס איז יוגנטלעך און אַנגענעם פאַרן אויג.

נייטענען האָב איך אין מונדיר נישט געזען. איך שטעל מיר אָבער פאָר: נייטען, דער אידישער פּאָליסמאַן, דער מיטגליד פונעם פאַמיליע־קרייז, מאַרשירט אַרום אויף זיין „ביט” איבער די בראָנז־ווילער גאַסן, אפשר נודיעט ער זיך און אפשר נודיעט ער זיך נישט — סייווי, ער שפּילט זיך מיט זיין „קלאָב” — ווי עס טוען דאָס געוויינטלעך פּאָליסלייט, ווען זיי לאַנגווײַלן זיך בעת זייער שעהן־לאַנגגן אַרומשפּאַנען איבער די טראָטואַרן, — איז שפּילט זיך נייטען אַזוי מיט זיין „קלאָב”, קוקט מעכאַניש אין די וויטרינעס און פייפט אפשר שטילערהייט אונטער אַ ניגונדל.

נאָר פּלוצים, אַזוי שטעל איך מיר פאָר, שטעלט זיך נייטען אָפּ לעבן אַ וויטרינע, אויף דער ברייטער שויב שטייט אָנגעשריבן, מיט אידישע בוכשטאַבן: „בוך געשעפט”, און ער קוקט, נייטען, ער

לייענט די איבערשריפטן אויף ביכער און זשורנאַלן, ער פאַררוקט דעם דאַשעק אַביסל אַרויף־צו איבערן ברייטן שטערן און זיינע גרויסע, לעבעדיקע, גרויע אויגן שמייכלען עפּעס אַזוי מאָדנע־וואַרעם. דערנאָך רוקט ער אַרונטער איבער דיזעלבע שמייכ־לענדיקע, העלע אויגן דאָס טונקעלע, פּאָליצייסקע היטל, כאַפּט אַ קוק אויף ביידע זייטן טראָטואַר און גלייכגילטיק דרייענדיק דעם „קלאָב" צווישן זיינע פינגער, פאַרשווינדט ער, מיט לאַנגזאַמע טריט, הינטער דער טיר פונעם אידישן בוך־געשעפט. דאָרטן, אין דעם שמאָלן, האַלב־טונקעלן בוך־געשעפט, קומט פאָר די איבערראַשונג, דאָס גרויסע וואונדער . . . דאָרטן, אַזוי שטעל איך מיר פאָר, שטיי איך צווישן אַ גרופּע אידישע לייענער און שרייבער און מיר רעדן אַרום די פּראָבלעמען פונעם אידישן בוך, פון דער אידישער ליטעראַטור. פּלוצים דערזעען מיר ווי ס'שטייט לעבן אונדז אַ פּאָליסמאַן און רוקט אַריין אַ נייגעריקן קאָפּ אין אונדזער ענגן קרייז. מיר, אַזוי שטעל איך מיר פאָר, — ווערט ביים אַנבליק פונעם „קאָפּ" אַביסל קיל אונטערן לעפּעלע... כ'וויס אַליין נישט פאַרוואָס! מונדירן, ווייזט אויס, האָב איך נאָך פיינט פון פאַר־צייטן, נאָך פון „יוראָפּ", וואו הינטער יעדן מונדיר איז געלעגן באַהאַלטן אַ שטיק רציחה — נאָר זיי, די בראַנזווילער, און דער אייגנטימער פונעם בוך־געשעפט, טוען זיך אַ כאַפּ אַרום מיטן „קאָפּ", ווי מיט אַן אַלטן גוטן ברודער, און איידער ווער־וואָס־ווען, גייט שוין אַוועק אַ שמועס מיט אַט־דעם אוניפאָרמירטן פאַר־שוין וועגן אידיש, וועגן אידישע ביכער, אידישע פּראָבלעמען, אי־דישע אַווטאָרן — און ער, דער „קאָפּ" אַליין, לייגט אַוועק אַ אידיש, כאַטש נעם, — כאַטש נעם גיי צו צו אים, דערלאַנג אים דעם אמתן שאָלעם אַלייכעמדיקן שלום־עליכם און פרעג: „פון וואַנען קומט אַ איד?"

דעמאָלט — שטעל איך מיר פאָר — דערזע איך ערשט, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ געפערלעכער „קאָפּ" אַט־דער אוניפאָרמיר־טער פּאָליסמאַן, נאָר פאַרקערט — ער האָט אַט־די גראָע אויגן, דעם הויכן, קלוגן שטערן, דאָס רונדע, שטאַרקע פּנים, וואָס מען קען כמעט אָנרופן „שיין", און אַז אַרום און אַרום איז ער . . . יאָ,

אַבער דאָס אַלץ שטעל איך מיר בלויז פֿאָר, און אַזוי וואָלט עס טאַקע זייער גרינג געקענט פּאַסירן און האָט טאַקע מסתמה פּאַסירט — מיט אַנדערע.

איך אַליין האָב זיך מיט נייטענען באַקענט אויף אַביסל אַ פּראָזאַאישערן אופן, טאַקע ביי נייטענען אין הויז, אין זיין איי־גענער, געשמאַק־איינגעאָרדנטער וואוינונג. אָנגעטאָן איז ער אין יענעם אינדערפֿרי — אַ טאָג נאָך די ניו־יאָרקער וואַלן, — געווען נישט אין קיין פּאָליציייסקן מונדיר, נאָר אין אַן איינפֿאַכן, ברוי־נעם שלאָפֿראָק. ער האָט אין יענעם מאָמענט נישט אויסגעקוקט אויף קיין איין האָר סטראַשנע, און ווען איך זאָל נישט געווען וויסן, אַז כ׳האָב דאָ פֿאַר זיך אַ אידישן פּאָליסמאַן, וואָלט איך אים אויף מיין לעבן נישט געוועזן אָנגענומען פֿאַר אַ „קאָפּ״.

נייטען האָט זיך אַנטשולדיקט: ער איז נאָך פֿאַרשלאָפֿן און נישט אָנגעטאָן. זאָל איך פֿונדעסטוועגן אַריינקומען און צו־וואַרטן אַ מינוט, ביז ער׳ט זיך אַרומוואַשן.

ער מעסט מיך אָפּ מיט זיינע גרויסע, גראָע אויגן און שמייכלט ביז גאָר פֿריינטלעך:

— יאָפּ, צוואַנציק שעה האָט ער געהיט די ברוקלינער וואַל־צענטערן, און דאָס איז אָפּילו פֿאַר אַ פּאָליסמאַן אויך אַ שטיקל אָנשטרענג!

מיר לאַכן ביידע און איך נעם בעת מעשה אַרום נייטענס פיגור מיט די אויגן: פֿעסטע פּלייצעס, אַ פֿעסטן, רונדן האַלדז; מיטלוואוקסיק, געדיכטע ברעמען, וואָס שטייען אין קאָנטראַסט צו דער שיטערקייט פֿון די צעשויבערטע האָר אויף זיין קאָפּ. דער ערשטער איינדרוק איז באַלד: אַ שטאַרקער מענטש! אַ שיינער מענטש!

אַביסל שפּעטער זיצט מען שוין אין קיך ביים געדעקטן טישל. נייטענס יונגע פֿרוי איז אין גאַס מיטן קינד. נייטען גרייט אַליין צו קאַווע און שטעלט צום טיש הערינג מיט ציבעלע, ברויט מיט פּוטער. בעת ער פֿאַרעט זיך אַרום דעם אויוון רעדט ער — קודם אויף ענגליש, דערנאָך אויף אידיש:

„די סענטימענטן פֿון דער נישט־אידישער באַפֿעלקערונג, אין

געוויסע ברוקלינער געגנטן, האָבן זיך היפּשלעך געביטן אין די לעצטע יאָרן״... ס׳פּאַרדריסט אים! ער געדענקט ווען יענע געגנטן זיינען נאָך געווען...

ער דערלאַנגט די קאַווע, זעצט זיך אַוועק ביים טיש:

— פונדעסטוועגן, — זאָגט ער, — איז נישט אַזוי געפער־לעך, מ׳עט עס אַריבערטראָגן...

זיין אידיש איז זאַפטיק, אַפּגעהיט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס קען אַ שפּראַך גרינטלעך און ווייס ווי אַזוי זי צו שעצן.

איך האָב געוואָלט רעדן מיט אים וועגן זיין קינדהייט, זיינע איבערלעבונגען, זיין וואוילקענעוודיקייט אין אידיש; אַ זאַך וועלכע איך האָב שוין פריער געוואוסט, נאָך פון אַ געשפּרעך מיט זיין מוטער.

מיר גייען אַריין אין פּאַרלאָר. נייטען זעצט זיך אַוועק אויף דער סאָפע, איך כאַפּ אַ קוק אויף די ביכער אין די ביכער־שראַנ־קען: אַסך ביכער, גוטע ביכער! מיין אויג וואַנדערט איבער די ביכער־פּאָליצעס, עס קלעטערט איבער דאַרווינען און ספּענ־סערן, איבער קאַרל מאַרקסן און טאָלערן, טאָמאַס מאַנען, דרייזערן און שטעלט זיך פּלוצים אָפּ ביי יאָסל קאָטלערן! און אָט, אַביסל ווייטער, — שלום־עליכם, נאַדיר, אַש, ראָזענפעלד!

איך ווענד זיך צו נייטענען:

— אָט די אַלע אידישע ביכער, איר לייענט זיי טאַקע?...

אַוודאי לייענט ער זיי. נישט צו אָפט, ס׳פעלט צייט. ער האָט אָבער שטאַרק ליב לייענען קאָטלערס „מונטערגאַנג״. קאָטלער איז אים נאָענט, פאַרשטענדלעך: נעענטער נאָך ווי נאַדיר, וועל־כער איז פאַר אים שוין אַביסל צו שווער; און מער ווי שלום־עליכמען, וועלכער איז פאַר אים, אָפט מאָל צו ווייט. זיין טיפּאַזש איז אים אָפט פרעמד. „פאַרגעסט ניט, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק!״

דאָס קלינגט ביי נייטענען כמעט ווי אַ אַנטשולדיקונג. איך זע, אַז נייטען רייסט זיך רעדן וועגן ליטעראַטור, די טעמע איז אים נאָענט און ער האַלט זיך איין אומקערן צו איר. איך

האָב אָבער געוואָלט הערן עפּעס וועגן זיין קינדהייט, זיין יוגנט א. אַז. וו.

דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגענומען פון נייטענס רייד וועגן זיין לעבן — ער איז אינגאַנצן אַלט דרייסיק יאָר — וועל איך דאָ פּרוואָון איבערגעבן כמעט מיט זיינע אייגענע ווערטער:

זיין קינדהייט איז געווען אַ נאָרמאַלע. ער איז שטענדיק געווען קרעפטיק און געזונט. ער האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט אַנדערע קינדער און ווען ער האָט אָנגעהויבן גיין אין „פּאַבליק סקול", האָט ער ליב געהאַט זיך צו לערנען. וואָס מער ער האָט זיך געלערנט, וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער ליב באַקומען ביכער. לייענען איז ביי אים געווען אַ בעסערע פאַרוויילונג ווי „בייזבאָל", כאָטש דאָס האָט ער אויך נישט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. עטלעכע יאָר איז ער געגאַנגען אין אַ ברוקלינער תלמוד־תורה. ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אידיש און דאַווענען. אַלס קינד איז ער געווען זייער רעליגיעז. רעליגיע האָט אָנגערעגט זיין פאַנטאַזיע. ער האָט ליב געהאַט זען ווי די מוטער בענטשט ליכט; ער האָט ליב געהאַט גיין דאַווענען אין שול מיט זיין פאָטער. עס איז געווען ביי אים אַ געוואוינהייט אָפּצוהיטן כשרות און נישט עסן אין הוילן קאָפּ. אומגעפער ביז ער איז אַריין אין „האַי־סקול" האָט ער זיך געהאַלטן און געפירט ווי אַ פרום, אידיש אינגל. אין יענער צייט, נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן אַ בר־מצוה, האָט ער גענומען זיך באַפרייען פון די רעליגיעזע שטימונגען. ער האָט אָנגעהויבן לייענען וויסנשאַפטלעכע ביכער, קלאַסישע און מאָדערנע ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן פאַרמישן מילכיקע און פליישיקע כלים אין הויז. ער האָט אויפגעהערט דאַווענען. זיינע עלטערן זיינען נישט געווען קיין זייער פרומע, פונדעסטוועגן האָבן זיי געוואָלט פירן אַ אידיש הויז. ס'פלעגט אַמאָל קומען צו קריגערייען. ער איז געווען דאָס עלטסטע קינד און זיין פירן זיך האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף זיין אינגערן ברודער און דער אינגערער שוועסטער. זיין מאַמע איז אָבער אַ קלוגע — זי האָט נישט געוואָלט פאַרטרייבן די קינדער פון זיך, האָט זי אויפגעהערט מאַכן

אַן „אישו" פון די־אָ זאַכן, צוגעמאַכט אַן אויג, אַזוי צו זאָגן, און געלאָזט עס גיין. צו קיין שאַרפע מיספאַרשטענדענישן איז עס צווישן אים און זיינע עלטערן נישט געקומען. עס פלעגט זיי בלויז אַרן, וואָס ער לייענט דורך די נעכט און מאַכט זיך קאַליע די אויגן. ער האָט זיך אָבער אָפגעגעבן מיט ספאָרט אויך.

אין זיין האַי־סקול פעריאָד האָט ער זיך מיט אידיש נישט פאַראינטערעסירט. אפילו אין הויז האָט ער אויך גערעדט מערסטנס ענגליש. ווען ער האָט פאַרענדיקט האַי־סקול, האָט זיך אָנגעפאַנגען די פּראָבלעם פון קאָלעדזש. די עלטערן האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל שטודירן. ער אַליין האָט עס געוואָלט נאָך מער. זיי זיינען אָבער נישט געווען קיין רייכע מענטשן. דער פאָטער זיינער האָט אין די גאַראַזש־געשעפטן נישט געמאַכט קיין צו גרויסע גליקן. האָט ער, נייטען, באַשלאָסן צו ווערן אַ „בריקלייער" און גיין אין קאָלעדזש אין די אָוונטן. אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן: גע־אַרבעט בייטאָג און שטודירט ביינאַכט. ס'איז געווען שווער. ס'איז אָבער געווען ווערט. אין קאָלעדזש האָבן זיך פאַר אים געעפנט נייע האָריזאָנטן, נייע אויסבליקן אויפן לעבן. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט אַסך סטודענטן, וואָס האָבן, ווי ער אַליין, ליב געהאַט צו דיסקוסירן, צו לייענען, צו גריבלען זיך אין גע־זעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ס'איז איינמאָל געקומען צו אַ צו־זאַמענשטויס צווישן אים און זיין פאָטער צוליב דעם. דעמאָלט האָט דער פאָטער געכאַפּט אַ פּאַק זשורנאַלן און ביכער און אַראָפּ מיט זיי אין קעלער כדי זיי אַריינצוואַרפן אין „פוירניס" — אין אויוון. נייטענען האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצושלעפן עטלעכע ביכער פונעם פייער. ביז היינט געדענקט ער נאָך: ער האָט גע־ראַטעוועט וואָלט וויטמאַנען — מיט פאַרסמאַליעטע טאָוולען.

ער האָט פאַרענדיקט זיין שטודיום נישט אין סיטי קאָלעדזש, נאָר אין קופּער יוניאָן. דאָס איז געווען אינעם יאָר 1930, אין ברען פון עקאָנאָמישן קריזיס. ער איז אַרויס פון קופּער יוניאָן אַ גראַדואירטער אַרכיטעקט. מען האָט אָבער דעמאָלט קיין הייזער נישט געבויט. קיין שטעלע האָט ער אין זיין פּראָפעסיע נישט געקענט באַקומען. זיין פאָטער האָט געהאַט פריינט צווישן פּאָליציי־

אַנגעשטעלטע, האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, דער פֿאָטער: זאָל ער ווערן אַ פּאָליסמאַן, נייטען! אַז מען אַרבעט פֿאַר דער רעגירונג האָט מען אַ געזיכערטע עקזיסטענץ. ער, נייטען, האָט נישט גע־וואָלט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה און נאָכ־געגעבן. אַזוי איז ער, צוליב דעם קריזיס, געוואָרן אַ „קאָפּ״.

אין אָנפאַנג האָט ער פֿיינט געהאַט זיינע פּליכטן אַלס פּאָ־ליסמאַן. איצט איז ער שוין אַכט יאָר אינ׳ם פּאָליציי־דעפּאַרט־מענט. איצט וואָלט ער זיין שטעלע שוין נישט אויפגעגעבן. פֿאַר אַ מענטשן מיט אָפֿענע אויגן איז די אַרבעט פֿון אַ פּאָליסמאַן אויך אַ שולע. —

ווי אַזוי ער איז ווידער געקומען צו אידיש און צו אידישער ליטעראַטור? אַ צופֿאַל. ער האָט עס טאַקע צו פֿאַרדאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס ער איז אַ „קאָפּ״.

וואַנדערנדיק איבער די בראָנזווילער גאַסן, נישט ווייט פֿון דאָרט, וואו ער איז אַלס קינד געגאַנגען אין תּלמוד־תּורה, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ אידישן בוך־געשעפֿט. ער האָט אָנגע־הויבן אריינקומען אַהין אין זיין פֿרייער צייט, פֿריער צוליב פֿאַר־ברענגען אַביסל צווישן אינטעליגענטע אידן, דערנאָך טאַקע צו־ליב די ביכער, וואָס ער האָט דאָרט אָנגעהויבן קויפֿן. ער האָט דאָרטן איינמאָל, צופֿעליק, אויפגעמאַכט אַ בוך לידער, ראָזענ־פֿעלדס. די לידער האָבן אים פֿאַרכאַפּט. ער האָט גענומען לייענען מער און מער. זיין אינטערעס איז געוואַקסן. זיין ליבע צו ליטע־ראַטור איז צוליב זיין פּאָליציי־דזשאָב נישט אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. נאָר דאָ האָט ער אַנטדעקט אַ נייעם קוואַל. אַ וואונדער־לעכע ליטעראַטור. אין אַסך הינזיכטן אַ בעסערע ליטעראַטור, אַ וואָרעמערע, דערהויפּט די פּאָעזיע, ווי ער איז געווען צוגעוואוינט צו לייענען אין ענגליש. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין אידישע ביכער. האָט ער געלייענט אידיש ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכ־קייט. אין פֿאַמיליע־קרייז איז אים אויך אויסגעקומען הערן אַ גוטן אידיש און באַטייליקן זיך אין אידישע געשפּרעכן. אָט־אַזוי איז ער געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פֿון דער קלאַסישער און מאָדערנער אידישער ליטעראַטור. ס׳איז אים בלויז אַ שאָד, וואָס

אַזוי ווינציק אַמעריקאַנער, אידישע יוגנטלעכע זיינען באַקאַנט מיט דעם, וואָס עס ווערט געשאַפן אין דער אידישער שפּראַך. זיין אייגענער ברודער, צום ביישפּיל, וועלכער איז זייער אַן אינטעליגענטער און געבילדעטער יונג, קען לייענען און שרייבן אידיש, איז געגאַנגען אין תלמוד־תורה, אָבער מיט אידישער ליטעראַטור פאַראינטערעסירט ער זיך נישט.

געהייראַט האָט ער ערשט מיט אַ צוויי יאָר צוריק. ער האָט זייער ליב זיין פרוי. זי איז אַן אידעלע, אַן איינפאַכע. איצט האָט ער שוין אַ אינגעלע פון אַ יאָר. ער לעבט גליקלעך. איצט פאַרדינט ער אַרום 250 אַ מאָנאַט. ס'פעלט אים גאָרנישט. ער וואָלט בלויז וועלן האָבן מער צייט — פאַראַן אַזוי־פיל ביכער צו לייענען, אַזויפיל וויכטיקע, געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, וואָס אַן אינטעליגענטער, פּראָגרעסיווער מענטש, וואָלט היינטיקע צייטן געדאַרפט טאָן, נו, איז מען אָבער נישט ביי זיך אין די הענט — אָט איצט, למשל: די וואַלן — דאַרף מען זיין גרייט, יעדע מינוט גיין צום דינסט. חוץ דעם איז מען מיד פון אַרומשפּאַנען. פונדעסטוועגן — מען גייט צו לעקציעס, אידישע און ענגלישע; מען לייענט אידיש און ענגליש. ער האָט זייער ליב גוטע מוזיק און גוט טעאַטער. ער האָט געזען פאַרשטעלונגען ביי שוואַרצן און ביים „אַרטעף". אַמאָל כאַפּט ער זיך אויך אַרונטער אויף סעקאַנד עוועניו און אַפילו אין „ראַיאַל" שמעקט ער אויך אַריין. עס ציט אים צו אידן, צו אידישער ליטעראַטור.

און רעדנדיק וועגן אידישער ליטעראַטור, האָט ער אַראָפּגענומען קאָטלערס „מונטערגאַנג" פון אַ פאָליצע אינעם ביכער־שראַנק און מיר געגעבן לייענען דעם „בראָנזווילער קאָטער". ער לייענט זייער גוט און לאַכט האַרציק.

נייטען איז טעטיק אין פאַמיליע־קרייז און זיין אויפגאַבע איז צו צוציען די יוגנט, ביי וועלכער ער איז שטאַרק באַליבט.

אין נייטענען האָב איך דערזען דעם נייעם טיפּ אַמעריקאַנער אידן — אַ פּראָדוקט פון אַ געזונטער סביבה און אַן אָנדייט אויף אַ דור פון וועלכן עס הענגט אָפּ די צוקונפט פון אידישן פאָלק.

VII

דאָס משפּחה לעבן ביי אידן אין אַמעריקע

(אויפן סמך פון דער אידישער בעלעטריסטיק)

פאָרוואָרט

ווי ווייט דער שרייבער פון אָט דער אַרבעט האָט זיך ניט געמיט אויסצוהיטן פון הקדמות און באמערקונגען, איז דאָס אים ניט געלונגען. מע קען ממש מיט קיין ליכט ניט געפינען די ווערטער „אידישע פאַמיליע״ אין די אָנווייזונגען פון די ניו יאָרקער ביבליאָטעקן. די אַמעריקאַנער אידישע בעלעטריסטיק איז קנאָפּ־וואָס צונויפגעזאַמלט און איז ניט קלאַסיפיצירט און איינגעטיילט פון פאַכלייט. ער צעאַקערט אַ רוי פעלד. ווילט זיך דאָ אָנווייזן אַף אַ פאַקט מיט וועלכן ער האָט זיך גערעכנט ביי דער פאָרשונג.

אין די אַכציקער יאָרן, די אָנהייב יאָרן פון דער אינטענסיווער אידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע, איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ שווידערלעכע עקספּלואַטאַציע, וועלכע האָט נאָכדעם פאַרורזאַכט די היסטאָרישע סטרייקן איבערן לאַנד. אידן האָבן דאָ געדאַרפט דורכגיין דעם אלף־בית פון גרויסשטאָטישקייט, זיך צופּאַסן צום נייעם קלימאַט און צו נייע מענטשן, צום אינדוסטריאַליזירטן לעבנסשטייגער, זיך אויסלערנען אַ ניי לשון און זיך נעמען צו אַן אַרבעט, צו וועלכער זיי האָבן ניט געהאַט קיין כח און קיין ידיעה. און איידער זיי האָבן נאָך צייט געהאַט זיך אויסצוטשוכען פון דעם מיטגעבראַכטן שרעק און צו איינאָטעמען אין זיך די נייע לופט און זיך דערפילן פרייער, זיינען זיי אריינגעפאַלן אין כף־הקלע פון אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

זיינען געקומען די אידישע סאָציאַליסטישע פּיאָנערן זיי צו אַמעריקאַניזירן און פּראָלעטאַריזירן און צופּאַסן צום נייעם לעבן און געוואָלט זיי אָפּרייסן פון די אַלטע פירונגען און געוואוינהייטן. איז אָבער דעם אימיגראַנט שווער געווען בייצוקומען דעם איך אין זיך און באַקומען אַ הכשר אויף די כל׳ערליי באַפרייאונגען

און באַנייאונגען אינם פרעמדן, גרויסשטאָטישן לעבן. עס איז אים שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין „אידיש פּנים" און טראַדיציאָנעלן לבוש. „איך בין אריין אין פאַבריק, — דערציילט ל. קאָברינס אַ העלד [1] — איז ווי איך בין נאָר אריין, אַזוי גיך זיינען מיר די אַרבעטער באַפאַלן מיט געשרייען: „ווהיסקעס (באָרד), ז־ש־ש ווהיסקעס, ז־ש־ש!" און עס דערציילט ז. ליבינס אַ העלד [2]: „ווי איר זעט האָב איך אַ טיפּישן פּנים פון אַ באַרדיטשעווער אידן, און ווי איך זאָל זיך ניט אָנטאָן, דערקענט מען ווער איך בין. ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ווען מיין ריזל פלעגט מיט מיר גיין, פלעגט זי זען ווי מע שטעלט מיר פּאָלעס, מע מאַכט צו מיר משונה'דיקע ווילדע העויות. און ניט איינמאָל האָט מען מיר געטראָפן מיט אַ שטיין". און עס איז אים שווער געווען צו זיין אָפּגעזונדערט דעם טאָג פון די בני־בית און צו אַרבעטן „מיט שיקסעס אין שאַפּ". האָט מען זיך איינגעשאַפּט אויף באַרג אַ ניי־מאַשין און געאַרבעט אַפילו אַ ביסל מער שטונדן ווי אין שאַפּ און פאַר אַ קלענערן לוין, נאָר ביי זיך אין אויבערשטיבל, צווישן די אייגענע אינדערהיים.

מע וואָלט אים נאָך אפשר געקענט באַווירקן און „אויסמענטשלען", ווען ניט די פרוי און מוטער. פרויען האָט מען דאָ, אין די אָנהייב אַכציקער יאָרן, ניט צוגענומען אין קיין פאַבריקן. „אין קיין בכבודיקן פלאַץ האָט מען אין יענע יאָרן קיין אַרבעטאָרין ניט צוגענומען", דערציילט פעליקס מ. וואַרבורג אין זיינע זכרונות. [3] און אַפילו אין די ניט שטאַרק בכבוד'יקע פלעצער פלעגט מען אויך גערן ניט צונעמען קיין מיידל, ווייל „מענער אַרבעטן מער אריין" און „ווי אַ מיידל האָט נאָר געקראָגן אַ גוטן אויסזיכט חתונה צו האָבן, איז זי גלייך אַוועק פון שאַפּ". [4] האָט זיך די אָרימע פרוי אָפּגעלערנט פון איר רייכער פאָרגייערין, פון די זיבעציקער יאָרן, [5] און אריינגענומען צו זיך אין הויז אַ פּאָר „גרינע אויף קעסט". די קעסט־שכירות האָבן אין יענע אָנהייב־אַכציקער יאָרן ניט בלויז ארויסגעהאָלפן אויף דער הוצאה, נאָר פשוט דערהאַלטן די משפּחה פון אונטערגאַנג. דער פאָטער און די קינדער האָבן מער ניט געוואָלט אָפּהונגערן דעם טאָג אין

שאָפּ. עס איז ממש אוממעגלעך געוואָרן זיי אָפּצורייסן פון דער היים. איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף אין דער ליטע־ראַטור קעגן טאַטע־מאַמע אין דער אידישער משפּחה און קעגן דער מאַמען דער עיקר. אויך די אידישע בינע האָט צוגעטראָגן איר חלק.

די אידישע מאַמע אין יענער צייט איז נאָך דאָס רוב געווען פונם אידעאַל־אידילישן טיפּ פון „אַ פרוי מיט דריי קופּן" (קראַם, קיך און קימפּעט). מע האָט זי חתונה געמאַכט אין די האַלב־קינדערשע יאָרן און זי איז באַלד אָפּהענגיק געוואָרן פון דרייען: פון טאַטע־מאַמעס אויסקומעניש, שווער און שוויגערס קאַפּדרייעניש און איר מאַנס, דעם קלויזניקס, קאַפּריזן. און זי האָט זיך גע־קלעמט און געמאַטערט, ווען די ליבע גוטע קעסט האָבן זיך געענדיקט און דער מאַן האָט זיך ניט אויסגעטויגט צו דערנערן דאָס געזינדל. זי האָט געטראָגן אויף זיך דעם יאָך פון חיונה, אָנגעפירט דאָס הויז און באַלעבאַטישקייט און געקינדלט און גע־קעכלט דעם מאַן, דעם בן־טובים. דער מאַן, נעבעך, אַרבעט פאַר איר עולם־הבא, אַרבעט זי פאַר זיין עולם־הזה.

עס האָט אויסגעזען לעכערלעך, ווי אַזאַ „אידענע אין שלייער" איז גאָר פלוצים געוואָרן אַ „מיסיס" און געבאַלעבאַטעוועט איבער די יונגעלייטלעך. עס האָבן אויך די בתמימות'דיקע פרויען זיך צופיל אריינגעלאָזט אין אַ רחמנות־געפיל און זיך געלאָזט איבעריק עקספּלואַטירן פון זייערע באַרדערס. האָט מען אַ כאַפּ געטאָן די „מיסיס" אויפן צימבל!... מע האָט וועגן איר אָנגעזונגען כל'־ערליי נאַרישקייטן און קופּלעטישע לאַכערייקעס. די קופּלעטן זיינען, מיט דער צייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אינם ספּעציפיש אידישן „מיסיס און באַרדער" הומאָר, מיט וועלכן מע האָט דאָ יאָרנלאַנג געשפּייזט דעם אידישן לייענער אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע, און דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ שטיק צייט דעם נעגאַטיוון קוק אויף דער אידישער פרוי און מוטער אין דער אַמעריקאַנער אידישער בעלעטריסטיק. אָט די באַלייכטונג האָט אין געוויסע פאַלן געדינט דעם מחבר אַלס קריטעריע צו זיין אַרבעט.

שדוכים

„גאָט פאָרט פון אויבן, און דעם שדכן באַצאָל!" — גייט אין אַמעריקע אַ פאָלקסוואָרט, וואָס שטאַמט פון די אַכציקער יאָרן. אין יענע „אַלט גוטע יאָרן" האָט זיך נאָך אַ שדכן באַצאָלט.

עס איז איצט ממש ניט צו באַגרייפן, ווי שווער עס איז געווען אין יענע אַכציקער יאָרן צו פאַר'שדכנ'ען אַ „בולבע" מיט אַ „לאָקש", און, ווער שמועסט, מיט איינעם פון די „בראָדער לייט" (דעם ליטוואַק מיטן פּוילישן, צי גאָר מיט אַ גאַליציאַנער). די כל־ישראל־פּרעסע האָט דאַן, אמת, אַגיטירט און פּראָפּאַגאַנדירט צו אַנט'יחוס'ן דעם עולם. מע האָט אויפגעוויזן, ווי גוט עס וועט אונדז זיין, ווען מיר וועלן זיך אָפּזאָגן פונם ענגן „לאָקאַלן שטאָלץ" און זיך אייניקן און פאַרברידערן אין דעם נאָמען פון אַמעריקאַניזירונג.[6] אַ איד פון פּוילן און אַ איד פון אונגאַרן — דערציילט אַ ליד[7] — האָבן אויפגעעפנט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, באַלד נאָך דעם בירגער־קריג, אַ בשותפות'דיק געשעפט. זיי האָבן געהאַנדלט בשלום און האָבן באַגליקט. האָט איינגעזען דער אונגאַרישער איד גאָטס וואונדער, אַז מע קאָן זיך גאָר מיט אַ פּוילישן אידן צוזאַמענלעבן, און האָט זיך גענומען אויף דער עלטער אַ שמועס טאָן מיטן שותף וועגן אַ „תכלית":

„וויר מיססען קניפּפען איין עוויגעס באנד.

פאָליאַק: יעצט וועל איך אייך אָנטראָגן אַ משא ומתן,
וויר זאָללען זיך זייןביידע מתחתן,
איהר האַבט אַ טאָכטער, איך — אַ זאָהן,
זאָללען וויר יעצט בייזאַמען אַ שידוך טהון.
הונדערט יאָהר לעבט! דאָס איז טאַקע אַ ברכה,
אונזער געלד זאָלל בלייבן אין אונזער משפּחה,
אַ פּאָללאַק, אַן אונגאַר, דאָס זאָל קיין מניעה זיין,
מען זעהט אויף דע(ם) תכלית, ניכט אויפן שיין!"

אַ „מניעה" איז אָבער אויף אַ שטיק צייט יאָ געווען. דער אַלטער בכבוד'יקער שדכן, וועלכער האָט געהאַלטן אַן אויג אויף יעדן איינציקן אין שטעטל און אין געגנט אַרום און איז באַקאַנט

געווען מיט יעדנס האָב און גאָב און יחוס־בריוו און געוואוסט דעם גוסט און געשמאַק פון די קינדער, איז דאָ, אין אַ כרך ווי ניו יאָרק, ניט געווען. די היגע שדכנים, ווי עס איז צו זען פון די האַלב־הומאָריסטישע פעליטאָנען פון יענער צייט, זיינען געווען אַ באַזונדער מין „בלאָפערישער״ עולם, און זיינען דערפאַר איבּ־גיכן אַראָפּ פון זייער גדולה.

ווי עס באַשרייבּט אב. קאַהאַן [8] און ל. קאָברין [9] און אַנדערע דערציילער, איז צו דעם „קוואַרטיראַנטן אויפהאַלט״ אין יענער צייט צוגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדערער מיין. מע פלעגט אריינ־נעמען אַ גרינעם ווי אַ „באָרדער״ אין הויז, מע פלעגט אים אויס־האַלטן אין דער שווערער צייט (די אַלט־באַקאַנטע טראַדיציע פון „קעסט״, וועלכע מע האָט מורא געהאַט אַנצורופן ביים נאָמען), און עס איז אַזוי געשאַפן געוואָרן אַ דערנעענטערונג צווישן דעם באָרדער און דער טאָכטער אין הויז, און עס איז, ווי פון זיך אַליין, געטאָן געוואָרן אַ שידוך. אָט דער קוואַרטיראַנטן־אַנשטאַלט איז אין די מיטל־ניינציקער יאָרן בטל געוואָרן צוליב די „באָרדער און מיסיס״ לאַכערייקעס אין דער אידישער פרעסע.

די מערסטע שדוכים אָבער, ווי מע קען זען פון אַ סך סקיצן און דערציילונגען, פלעגן שוין אַפילו דאַן דורכגעפירט ווערן ביים וואָרשטאָט און אין דער פאַבריק. אַ זאַך וואָס האַלט נאָך אָן עד היום.

ווי אַ ווידער־געפיל צום יחוס־שדוך, האָבן די מערסטע ראַ־דיקאַלע שרייבער פונם אַלטן דור שוין אפשר צופיל אונטער־שטראָכן דעם אופן פון ניט וועלן זיך נאָכפרעגן וועגן דעם אָפּ־שטאַם פון די געליבטע.

אַזוי פרעגט בא ז. ליבינען אַ חזנס אַ טאָכטער איר פאַר־שוועגערטע שוועסטער [10]:

„מעכליע: גיטעלע! ביזט נאָך גאָר אַ קינד, זאָג נאָר, קענסט אים כאָטש גוט? — ווער איז ער? — פון וואַנען קומט ער? דו האָסט דאָך קיינמאָל ניט געזאָגט פון וואָס פאַר אַ שטאָט ער איז.

גיטעלע: איך ווייס אַליין ניט!

מעכליע: ווי הייסט, דו ווייסט ניט?

גיטעלע: אַי, לאָז מיך צורו, איך בעט דיך. מיר זיינען ניט אין ראַסיע און איך בין ניט קיין אוריאַדניק און איך דאַרף אים אויף זיין פּאַספּאָרט ניט פרעגן".

דער „יחוס עצמו" פון אַ „פּאַרדינער" האָט, אַ דאַנק די שווערע קריזיס־צייטן דאָ אין לאַנד, איינגעשלונגען די כל'ערליי אַנדערע יחוס'ן. אָבער דאָס נאָכפרעגן אויף „אידישע טאַטע־מאַמע" איז נאָך פאַרט די הויפּט־דאגה. מע באַנוצט זיך אָפט אין ליטעראַטור מיטן אַלטן מעטאָד פון אריינמישן אַן אַלט־פרענקישן משפּחה־טיפּ, כדי דאָס אונטערצושטרייכן.

„פּלוצים, — דערציילט ל. קאָברין,[11] — האָט די אַלטע שטיל ארויסגערעדט: „איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך בין אַ פּשוטע אידענע און עטלעס באָבע... איר דאַרפט ניט קיין פּאַר־איבל האָבן, אויב איך רייד נאַרישקייטן. איר זעט אויס דווקא אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן. האָט איר אַ טאַטן, אַ מאַמען?"... — „געוויס האָב איך", האָט הודקין געענטפערט מיט אַ שמייכל. — „טאָקע דאָ, זאָלט איר לעבן?" — „ניין, אין רוסלאַנד, אין אָדעס". — „אַזוי, אין אָדעס?... עפּעס אידישע... איר פאַרשטייט... איר זאָלט אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן... אַמעריקע... מע ווייסט דאָ הפּנים ווער איז ווער?"

פאַרשטייט זיך, אַז אויב דער זון איז אַליין אַ פּאַרדינער, און האָלט נאָך צומאָל אויס טאַטע־מאַמע, וועלן זיך די עלטערן אודאי ניט נאַריש מאַכן זיך אַנצופרעגן אויף „מחותנים", ווען מע פאַרבעט זיי גאָר אַליין אויף אַ „גרייטער חתונה". „איז ווי געפעלן דיר די מחותנים דיינע, בער? — דערהערט ער הינטער זיך אלקנה'ס קול — דער טאַטע, עליו השלום, וואָלט פון זיי אודאי אַנגעקוועלט!" — אַ דאגה מיר, — זיפצט בער, — אַבי דעם קדיש מיינעם, דאַנקען גאָט, געפעלט![12]

נדן איז אַמאָל געווען אַ נאמנות־זאַך, וואָס פלעגט זיך אַמ־בעסטן אויסלאָזן מיט אַ „חצי־סילוק". און ווי עס זאָגן דערויף

עדות די פיל פאָלקסלידלעך, מיט וועלכע מע פלעגט זיך רייצן מיטן יונגן מאַנטשיקל נאָך דער חתונה:

„אַט אַזוי און אַט אַזוי
נאָרט מען אָפּ אַ חתן:
מע זאָגט אים צו אַ סך נדן,
און מע גיט אים ניט אַ גראָשן,
אַן קליידער און אָן נדן, —
אַבילע מיין טאַכטער האָט אַ מאַן". [13]

אין אַמעריקע איז דער ענין נדן אַנגעגאַנגען מיטן גאַנצן קנאַק אַ היפּש ביסל יאָרן. וועגן דעם געפינט מען אין דער בעלעטריסטיק פון כמעט אַלע אַמעריקאַנער אידישע שרייבער פון די אָנהייב אַכציקער ביז נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה. עס איז אַ סך מערער ווי אַ מליצה, וואָס א. ד. אַגוז דערציילט אויף זיין הומאָריסטישן שטייגער [14], אַז „נאָך איינער, אויב ער וועט אייך וועלן זאָגן דעם אמת, וועט ער אייך דערציילן, אַז ער האָט חתונה געהאַט אויס נויט, אויס דלות, אָדער אויס פוילקייט. ווייל ער האָט ניט געקענט, אָדער ניט געוואָלט פאַרדינען, האָט ער גענומען אַן „עזר", אַן ארויסהעלפערקע, וואָס זאָל אים פריער ארויסהעלפן מיט איר נדן, נאָכדעם מיט פאַרשוואַרצט ווערן מיט אים צוזאַמען און ליגן אַכצן איילן טיף אין דער אדמה".

אויב דער נדן אויס נויט איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, און קומט דערמוטיקן דעם בחור, וואָס שרעקט זיך אַ קוש טאָן דאָס מיידל, ווייל —

„איך וועל דיך מוזן הייראַטן דערפאַר.
און דערנערן דיך און קויפן
מעבל און געשיר,
און באהייצן און באלייכטן.
כיהאָב ניט, ווי איז מיר!" [15]

איז דער נדן „אויס וואוילטאָג", גלאַט לשם רייך ווערן, אַן אמת'ע מכת־המדינה אין אַמעריקע. תשר"ק (י. י. זעווין) באַשולדיקט אין דעם דעם „אַלרייטנישן עולם" וואָס גאַרט איצט נאָך לוקסוס

און רייכטום, אַנשטאָט יחוס, וואוילקענעוודיקייט און אַנדערע מעלות, און עס באווירקט שלעכט די קינדער. דאָס איז געווען די טעמע פון זיין ראָמאַן „פון אַכצן ביז דרייסיק" [16] (וואָס איז, אַגב, אַ מין הפוך און איבערשאַף פון אב. קאַהאַנס „פעני'ס חתנים"). ער האָט דאָס אויך באריִרט אין אַ טייל פון זיינע דערציילונגען.

אין מערערע פאַלן נוצט מען אויס די נדן אינסטיטוציע פאַר קאַריעריסטישע צוועקן. און עס איז די אַלט־באַוואוסטע קרענק פון וועלן חתונה מאַכן דאָס קינד פאַר אַ דאָקטאָר. [17]

די הויפּט צרה איז אָבער, וואָס די פרוי האָט, אַ דאַנק דעם עלנט און דער שווערער אַרבעט אין פאַבריק, אויפגעהערט צו פאַרערן די יוגנטלעכקייט און וואוילקענעוודיקייט פון אַ מאַן, און רעכנט זיך בלויז מיט „זיינע פאַרדינסטן". די שרייבקינדער פון דעם „עם הספר" קענען אַזאַ זאַך ניט פאַרטראָגן, און ימים טינט און מליצה זיינען וועגן דעם אויסגעגאָסן געוואָרן. די אידישע פרוי טוט דאָס, ווי ל. שאַפּיראָ ווייזט דערויף אָן אין זיין „אַמעריקאַנער שד", [18] אויס נויט און אויס קנאה צו איר „ארויפגעאַרבעטער שוועסטער".

עס איז כמעט די אייגענע אורזאַך, וואָס באַצוועקט דאָ דער פרוי צו אַנאָנסירן אין אַ צייטונג נאָך אַ חתן — אַן עכט אַמעריקאַנישער פּראָדוקט. „אַי, פאַרוואָס אַ שדכן יאָ, און אַ צייטונג ניט? — זאָגט דער אַלטער פאָטער אין דוד פּינסקיס אַ דראַמע [19] — איז עס פּשוט, מיט אַ שדכן רעד איך אונטער פיר אויגן איך מיינע פיר ווענט. אָבער אַ צייטונג איז שוין צופיל עפנטלעך. ווי דו האָסט געזאָגט, ארויסטראָגן זיך אין מאַרק. עס פעלט די בושה!"

די „איך וויל חתונה האָבן"־מודעה איז דאָ דווקא כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר דער פרוי. עס איז אַ גאַנץ געהעריקער אַנשטאַלט פאַר אַ געג'ט'ן, אָדער אַ באַקינדלטן אַלמן, צו פאַרן פאַרעלטערטן מאַנסביל פונם טיפּ רובינס אין לעאָן קאָבּרינס אַ ראָמאַן, [20] אַן ארויפגעאַרבעטער פאַרשוין, וואָס „פאַרלאַנגט אַ כלה, מעג זיין אַ בלאָנדע, מעג זיין אַ ברונעטין, נאָר

עפּעס רעכטס... ניט קיין יונגע ציג, ווייל פּאַר קינדערייען איז דער חתן צו אַלט. נדן ניט נויטיק, דער חתן וועט נדן געבן. דער עיקר: זי מוז זיין ניט קיין נאַר, אַ באַלעבאָסטע, אַכטונג געבן אויף דער באַלעבאַטישקייט, און זי זאָל ניט דערוואַרטן, אַז איר מאַן זאָל זיך איר דריי מאָל אין טאָג אין ליבע דערקלערן. דהאַט'ס אָלל!"

ביים פאַרמעגלעכן עולם דאָ אין אַמעריקע פירט מען זיך, אַז „במקום נדן" גיט מען אַ פיינע נדבה פּאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק, [21] אָדער מע שיקט געלט אין דער „אַלטער היים", כדי ס'זאָל זיך דאָרט צונויפקומען די משפחה אין טאָג פון דער חתונה און זיך משמח זיין. [22]

אַ גאַר לעצטע מאָדע איז הלכות חתונה־האָבן איז דער אַנ־געמומענער מנהג צו פאָרן אין דער אַלטער היים זיך איינקויפן אַ כלה, צי אַ חתן. פּרץ הירשביין שילדערט די טראַגעדיע פון אַ אידישער טאָכטער וואָס פאָרט פון פּוילן קיין אַמעריקע חתונה צו האָבן פּאַר אַ „ווילד פרעמדן מענטשן", ווייל „גענומען אַ מאַמע און פאַרקויפט... גענומען אַ מאַמע און אַוועקגעשענקט אַ טאָכ־טער צו אַ מענטשן, האַ?" [23]. י. אָפּאַטאָשו מאָלט אויף זיין שטייגער אַן אַרבעטאַר־מיידל [24] וואָס האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר, נאָך יאָרן שווערער אַרבעט אין שאָפּ, און געקומען אויף אַ באַזוך אין איר געבורטשטעטל זיך איינקויפן אַ חתן. מע פאַר־געסט אין דעם קליינעם שטעטל איר נידעריקן יחוס, מע פאַרקוקט איר מיאוסקייט און איר עלטער, און מע פאַר'קנס'ט זי צום אָפּ־געקומענעם נגיד'ס זונדל, אַ בחור'ל, בלוט און מילך, און אינגער פון איר אַ יאָר צוועלף. די רייכע אויפנאַמע ביים גביר אין הויז, אויפן ברייטן, קליינשטעטלדיקן שטייגער, בא געדעקט־סערווירטע טישן און יום־טוב'דיקע מאכלים, צעשרויפט זי אינגאַנצן. „דער שאָפּ אויף פערציקסטער גאַס, דאָס טונקעלע שלאָפצימער, די אייגענע יאָרן. און דאָ — אַזוי פיל וואַרימקייט, אַזוי פיל ליכט, אַזאַ שיינער בחור, מיט אַזוי פיל ציין, צופיל ציין פאַר אַ מענטשן, און ווי שיין ער רעדט". דער שדוך אויס נויט, מיינט אָפּאַטאָשו,

איז איצט „אַ גאַנץ אידישע זאַך", אין איראָפּע, ווי אין אַמעריקע. הונגעריקע ווייטן דערנענטערן זיך!...

די חתונה

חתונה האָבן מיינט ביי אידן מקדש זיין, מע רופט ניט דעם חתן צו דער חופה, נאָר צו דער חופה וקידושין. ווי מען איז מקדש מיט אַ כוס די שבתים און ימים טובים, אַזוי איז מען מקדש דאָס פּאָרל וואָס גייט צו אַ ניי לעבן. וואָרים „פּרו ורבו" איז בּאַ אידן ניט בלויז אַ נאַטירלעכער חוב, נאָר אַ געבאָט פון דער תורה, די וויכטיקסטע מצוה פון אידנטום — „פאַרצוזעצן ריין און געהייליקט דעם צלם אלוקים".

די חתונה האָט געהאַט אַן איינגעפונדעוועטע טראַדיציע, אירע איינגעשטעלטע מנהגים, אַנגענומענע געוואוינהייטן, און געאָטעמט מיט דער אידישער יום־טוב׳דיגקייט.

„ביי זיי, — זאָגט שלום עליכם, [25] — אַז עס קומט אַ חתונה, אויב איר האָט זיך צוגעקוקט, איז קאַלט ווי אייז; דער חתן — אין אַ שוואַרצן פראַק מיט אַ קווייטל; די כלה — פון קאָפּ ביז פיס אין ווייסן, ווי אין תכריכים. מע פליט מיט קאַרעטעס הין און צוריק — וואָס? ווער? ווען? — גאָרניט! אָבער ביי אונדז אַז עס קומט אַ חתונה איז אַ טראַסק, אַ הו־האַ, אַ פאָרשפּיל, אַ חתונה׳מאָל, אַן אויפרופנס, אַן אָרימעמאָלצייט, אַ באַדעקענס, אַ חופה, כלי־זמר, מחותנים, שמשים, סאַרווערנס, גילדענע יויך, דרשה־געשאַנק, כשר־טאַנץ, שלייערוואַרעמעס — סע קאָכט ווי אין אַ קעסל!"

„אמת — גיט ער צו — עס הייבט שוין ביי אונדז אויך אָן אונטערגיין. מיר הייבן שוין אָן ביסלעכווייז נאָכטאַנצן זיי". און אויב אין איראָפּע האָט מען אָנגעהייבן נאָכצוטאַנצן דעם גוי׳אישן עולם, אַ פּשיטא שוין — אין אַמעריקע. די חתונה־פּראָצעדור האָט דאָ אָן ספק באַקומען אַן אַנדער קאָליר און אויסזען. אָבער חתונה האָבן איז נאָך אַלץ אין דער מאָדע. דאָס חתונה האָבן „כדת משה וישראל" ווערט אָפּגעהיט ביי די אידן אין אַמעריקע. העכער פינף און צוואַנציק יאָר איז דאָ אָנגעגאַנגען אַ קאַמף

אין לעבן און אין דער ליטעראַטור קעגן חופה וקדושין. העכער פינף און צוואַנציק יאָר זיינען די אַפּיקורסיש־אַטעאיסטישע פּיילן געווען געצילט קעגן דעם חתונה־ריטואַל ביי אידן. וועלטן האָבן זיך ממש געקערט אין דעם אַנאַרכיסטישן פּעריאָד פון דער אַמעריקאַנער־אידישער ליטעראַטור, אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן בנוגע דער „פּרייער הייראַט". „ווי קען", איז געווען די טענה,[26] „אַן ערנסטער אַטעאיסט (פון צבוע'קעס איז דאָ, נאַטירלעך, ניט די רעדע!) פּועל'ן ביי זיך צו שטיין אונטער אַ חופה מיט דרענגלעך, מיט אַ גנב אַ רעוועරענד, מיט אַלטע באָבעס וואָס טאַנצן אַנטקעגן מיט אַ חופה־קוכן, מיט אַ בדחן, אַ חזן, מיט „הרי את מקודשת לי כדת משה וישראל", מיט מצוה־טענצלעך, באַזעצענישן און דאָס גלייכן?" און נאָך אַלע „ימים־נוראים בעלער", און נאָכן גאַנצן הו־האַ אין דער אַנאַרכיסטישער פּרעסע און אין דער גאַס, אין יענע יאָרן, האָט זיך דוד עדעלשטאַט מודה געווען, צום סוף פון יענער עפּאָכע, אַז „אַזעלכע מיידלעך (וועלכע זאָלן זיין מרוצה צו חתונה האָבן אָן דעם „הרי את") זיינען נאָך פּאַרלויפיק ווייניק".[27]

כדי אָפּצוהאַלטן די יוגנט פון דער אַנאַרכיסטישער השפעה איז דאָן, אגב, פאַרשפּרייט געוואָרן אַ באָבע־מעשה וועגן דעם כלומרשט אוממאָראַלישן אויפפירן זיך פון די אומגלויביקע סאָציאַליסטקעס. און דוד איגנאַטאָוו האָט אויפגעכאַפּט די מעשה, ווי אַ מעשה שהיה, און זי פאַראייביקט אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן פונם פּיאָנערישן לעבן.[28]

די ראַדיקאַלע אַמעריקאַנער אידישע דערציילער פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט שטרייכן אַפילו אַליין אונטער דעם באַנקראָט פון יענעם היסטאָרישן קאַמף קעגן דער חופה וקדושין. ווען עס האָט זיך פאַרגלוסט מאַקס'ן חתונה צו האָבן „אָן די פיר פלעקלעך", דערציילט לעאָן קאָברין[29] איז „מיטאַמאָל אין דאָזיקן הויז אומרואיק געוואָרן — ביי פריידלען וואָלט ער דאָס אפשר גע'פּועל'ט, נאָר איר מאַמע האָט דערקלערט, אַז ווען מע זאָל איר אַפילו אָנשיטן אַ פולע הויז מיט גאָלד, וועט זי דאָס ניט דערלאָזן. דערביי האָט זי אויפגעהויבן אַזאַ יאָמער, אַקוראַט ווי מע וואָלט

פון איר פאַרלאַנגט, אַז פרידל זאָל זיך שמד'ן, אָדער שטאַרבן. נחום איז צעמישט געוואָרן: וואָס הייסט אַן אַ חופּה? אמת, ער איז טאַקע אַ פרייער מענטש, אַן אויפגעקלערטער, אָבער אַ חתונה דאַרף זיין ווי געהעריק איז. מען מאַכט איינמאָל חתונה אַ קינד און אַן אַ חופּה איז עפּעס גאָר קיין חתונה ניט. עס ווילט זיך אַמאָל אין לעבן אַ טאַנץ טאָן אויך. וואו זאָל מען אַ טאַנץ טאָן, ווען ניט ביי אַ קינד אויף דער חתונה? און ווידער טאַקע, אַז מע האָט חתונה מיט אַ חופּה איז מען עפּעס מער מאַן און ווייב פאַר לייטן אויך. אויפגעקלערט היינט, אויפגעקלערט מאָרגן, נאָר אַ קינד איז אַ קינד און מע קען ניט מיר־ניט דיר־ניט כאַפּ־לאַפּ, און שוין מאַן און ווייב!"... און די פאַר'עקשנ'טע עלטערן האָבן אויסגעפירט, עס איז געפּראַוועט געוואָרן אַ חתונה אויפן אַלט־געוויינלעכן שטייגער.

דער אידישער שרייבער דאָ אין אַמעריקע האָט זיך שוין לאַנג איינגעלעבט מיטן געדאַנק, אַז עס האָט זיך דאָ וואו־ניט־וואו איבערגעפּעדעמט דער רעליגיעזער געוועב פון אידישן פאָלק, און אָנגעהויבן אויפכאַפּן און פאַרצייכענען דעם געאַנדערשטן לעבנס־שטייגער. מיר האָבן שוין איצט פיינע שילדערונגען פון אַמעריקאַנער אידישע חתונות.

א. ראַבאָי מאָלט אַן אָרימע חתונה, וואו די חתן־כלה האָבן, נעבעך, אין דער חתונה־נאַכט ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן [60]: „עס איז געקומען צו גיין אַ מסדר־קדושין. מען האָט ארויפגעבראַכט עטלעכע שכנים און דער מסדר־קדושין האָט פון די קעשענעס געשלעפּט זיינע כלים. פון איין קעשענע האָט ער ארויסגענומען אַ לאַנג פּעקל, דאָס פּעקל אויפגעבונדן. דאָרט זיינען געלעגן פיר שטעקעלעך מיט אַ חופּה. די קורצע דינע שטעקעלעך האָט דער מסדר־קדושין געגעבן צו פיר מענטשן, אַז זיי זאָלן זיי האַלטן — און די חופּה, אַ רויט שטיקל זיידנס מיט אַן אויסגענייטע גאָלדענע קרוין און צוויי לייבן, האָט זיך צעשפּרייט איבער זייערע קעפּ. איסאַק און לאה זיינען ארונטער אונטער דער חופּה, און מאַניס מיט שבע'ן, און אהרן מיט רבקה'ן, האָבן זיך געדרייט ארום זיי זיבן מאָל. דערנאָך האָט דער מסדר קדושין

געלייענט די כתובה, געמאַכט אַ ברכה איבערן ברכה וויין און געגעבן די חתן־כלה צו פאַרזוכן. דערנאָך האָט איסאַק מיט איין פוס צעבראָכן אַ גלעזל. דאָס גלעזל האָט דער רב פריער אַריינגעלייגט אין אַ פּאַפּירענע טאַרבע, כדי דאָס צובראָכענע גלאָז זאָל ניט צעשפּרינגען איבער דער גאַנצער שטוב. דערנאָך האָט איסאַק אָנגעטאָן לאה'ן דאָס רינגל".

און לעאָן קאָבּרין מאָלט באַלעבט די רייכע חתונות מיט אַ חופּה־מאַרש וואו עס צינדן זיך מיטאַמאָל אָן אויף דער פּלאַט־פאָרמע אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך פון דער חופּה, מיט אַ מסדר קדושין אין אַ צילינדער הוט, מיט זינגערס, און מיט טישן „אויס־געשטעלטע אין דער פאָרמע פון אַ פאָדקאָווע" און דייטשמעריש־געהאַלטענע „טאָוסטן". [31]

ראַבאַי האָט אַפילו געזען באַלעבן די פאָלקס זאַבאַבאָנעס וואָס פאַרהיטן זיך נאָך דאָ און דאָרט אין דער אַמעריקאַנער תיבה. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם מנהג פון טהרה־נאָכפּאָרש [32] און ער האָט אויסגענוצט אַלס סוזשעט צו זיינער אַ דראַמע דעם פאָלקס־גלויבן, אַז די כלה־מויד און דעם חתנ'ס מאַמע זאָלן ניט האָבן דעם זעלבן נאָמען. [33]

געגנאָשט פון גויים זיינען דאָ די „זילבערנע" און „גאָלדענע" חתונות, די פייערונגען פון אַ האַלבן יובל און אַ יובל נאָך דער חתונה. עס איז מיר ניט געלונגען צו געפינען אַן אָפּבילד פון אַ „זילבערנער חתונה" ביי אונדז אין דער ליטעראַטור. י. א. ראָנטש גיט אַ „גאָלדענע חתונה" בילדל אין זיין דערציילונג „עליע און עלקע". [34]

עס איז, אַגב, אַ דערציילונג פאַר קינדער פונם אידישן משפּחה־לעבן אין אַמעריקע. דער מחבר מאָלט באַלעבט דאָס בייגקען פון אַן אַלט פּאָרפאָלק זיך אויסצולעבן אויפן אַלט פּרימי־טיוון שטייגער צווישן עופות און שטוביקע חיות.

געמישטע חתונות

וועגן די חתונות צווישן אידן און קריסטן אין אַמעריקע גייען אַרום טויזנט און איין מעשה. אידן און קריסטן לעבן זיך

צונויף אין סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זין און נישט קוקנ־דיק אויף דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם, אויף די מחיצות פון גלויבן, דערציאונג, ראַסע־אייגנשאַפטן און גע׳ירשנ׳טע מיי־נונגען, — פילט זיך אַ קרובה׳שאַפט צווישן דיביידע וועלטן, אַ קרובה׳שאַפט אַזאַ, וואָס דערפירט צו דער געמישטער חתונה.[35]

פון די קנאַפּע שפּורן, וואָס די פראַגע האָט איבערגעלאָזט אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור, קען מען אָבער זאָגן, אַז די זאַך איז נאָך ווייט פון ווערן אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעם.

דורות דערציאונג און טראַדיציע האָבן אויף אַזויפיל אַנט־ווינט דאָס אידישע פאָלק פון „בלוטגעמיש", אַז ער איז חושד און דערקענט ניט זיין שטאַם־ברודער פון אַנאַנדער קאָנטינענט. ווען לייזער שניידער, — דערציילט אָפּאַטאָשו[36] — איז געוואויר געוואָרן, אַז זיין טאָכטער גייט חתונה האָבן מיט אַ טערקישן אידן, איז ער געוואָרן אויס מענטש. „אַז דאָס האָט גאָר קיין אידיש אויסזען ניט. איצט ווי געפעלט דיר זיין נאָמען? האָסט שוין געהערט, אַז אַ איד זאָל הייסן אַלגאַזי?" און ער לויפט זיך שואל־עצה זיין ביים רב. און אַז דער רב האָט אים דערקלערט, אַז „דער אונטערשייד איז, וואָס מיר זיינען אשכנזים, און זיי — ספרדים. די ספרדישע אידן זיינען פונקט אַזעלכע יחסנים ווי מיר", איז „אים אויפן זינען געקומען דער איד אַלגאַזי, מיט וועלכן ער קען קיין צוויי אידישע ווערטער ניט אויסרעדן, פאַרגעסן וואָס דער רב האָט גע׳פסק׳ענט און צוריק געהאַט דאָס געפיל, ווי ער׳ פאַרקויפט זיין טאָכטער פאַר אַן איטאַליענער".

נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה אין 1918, ווען טויזנטער און צען־טויזנטער אידן זיינען אויסגע׳הרג׳עט געוואָרן אויף די כל׳ערליי פראָנטן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שווידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע און אין פּוילן, — האָט ארומגעכאַפּט אַ יללה די אידישע ליטעראַרישע גאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווער ווייסט, צי מיר זיינען, חלילה, ניט די לעצט־געבליבענע אידן אין „קאָלאָמבוסעס תיבה"?... און עס איז דאָך, ווי פון זיך אַליין, ארויפגעשוואומען די פראַגע פון „געמישטע חתונות". אין ניו יאָרק זיינען זיי, אמת, אַ זעלטענע דערשיינונג, פאַרט אַ אידי־

שער צענטער. אַנדערש אָבער מוז דאָס זיין „אין דער ווייטער וועסט", וואו אידן זיינען אין אַ מינדערהייט. דאָרטן שמעקט עס ממש מיט „פאַרטיליקונג". עס זיינען דאָ דערשינען אַ ריי דערציילונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם לעבן פון די אידן אין דער וועסט, מיטן אַסימילירטן אידנטום.

א. ראַבאַי מאָלט דאָס לעבן אין אַ אידישער פאָרם אין דאַ־קאָטאַ. אַ קינדערלאָזער איד, הערי גאָלדענבאַרג, האָט זיך דאָרט איינגעבירגערט מיט זיין פרוי. ער האָט באַהערשט אַ רייכן באָדן און זיך איינגעלעבט מיט די גויאישע שכנים. איז צו זיי גע־קומען דבורה, זיין פרויס אַ שוועסטערקינד, און עס האָט זיך אין איר פאַליבט אַ שכנ'ס אַ בחור. דער פאָטער זיינער, אַן אָפּגע־שטאַנענער גוי, איז ניט געווען צופרידן מיט הערי גאָלדענבאַרג, ווייל „ער האָט אריינגעבראַכט די מאַשין אין גאָטס פעלד". ער האָט זיך דערשראָקן, וואָס דעם זון האָט זיך פאַרגלוסט חתונה צו האָבן פאַר אַ אידישער טאָכטער, און ער האָט פאַרקויפט זיין „הייליק פאַרהיטע ירושה־לאַנד" און איבערגעפאָרן מיט האַק־און־פאַק און מיטן גאַנצן הויזגעזינט קיין קאַנאַדע. הערי גאָלדענ־באַרג גופא האָט זיך אָבער גאָרניט גענומען צום האַרצן, וואָס דבורה וואָלט, מעגלעך, חתונה געהאַט פאַר אַ שייגעץ. „זי קען נאָך זיצן און וואַרטן אַט־דאָ אויף דעם אידן איר חתן, ער זאָל קומען צו גיין, ביזן גרויען צאָפּ." [37]

דזשעק — דערציילט שוואַרץ [38] — האָט חתונה געהאַט אין קענטאָקי מיט אַ שיקסע. האָט דזשאָש, דער פאָטער, אים משלח געווען פון הויז. איז געקומען צו דזשאָשן דער גוי'אישער מחותן מיט אַ „הכצעקתה": „דזשאָש — האָט ער געזאָגט — אַז ס'מיידל איז געקומען און געזאָגט, אַז זי האָט זיך פאַרהייראַט מיט דיין זון, האָב איך גלויבן ניט געקאָנט מיינע אויערן. מיין ברודערס טאָכטער און דער איד? אַ פיינע פּאָר. ווען מ'וואָלט מיין ברודער האָוואַרד איצט געלעבט, וואָלט עס מסתמא דערצו ניט געקומען. איך גיי אַרום די לעצטע פּאָר מאָנאַטן דול. איך שעם זיך אויפצוהייבן מיינע אויגן. דערוויס איך זיך, אַז דו ביזט גאָר פלאַם־פייער, אַרויסגעטריבן פון געשעפט דעם זון, און גיי

האָב טענות. נו, דערלעבט זיך צייטן"... „און איך האָב גאָר
דעם יחוס ניט געזוכט" — האָט שטיל און קיל דער איד אריינ־
געשטעלט. — „אַזוי? — האָט זיך דער שכן מער נאָך אָנגע־
צונדן — איך האָב אַפילו ניט געוואָלט דאָ קומען. קיין כבוד
האָב איך ניט פון דיר צו וואַרטן. נאָר מיר געפעלט ווי דו, דזשאָש,
ברעקלסט זיך! איך וואָלט נאָר, דזשאָש, געוואָלט דערגיין דעם
סוד פון דיין גוואַלדיקן און גרויסן יחוס. צי שטעקט'ס אין דעם,
וואָס דיינע אַלטע אָבות האָבן ניינצן הונדערט יאָר צוריק גע־
קרייציקט דזשיזוסן?" — אַז דער שכן האָט צום סוף געענדיקט,
האָט דזשאָש אַראָפּגענומען זיין האַנט פון פּנים (זיין פּנים איז
געווען צעקרימט פאַר צער און זיינע אויגן האָבן בייז געלויכטן),
זיך אויסגעגלייכט אין שטול און האָט געזאָגט: „האָסט זיך
ארויסגערעדט וואָס ס'דריקט דיך, שכן? ווען דו וואָלסט ניט
געווען מיין שנור'ס אַן אַנקל, וואָלט איך פון דיר קיין גראָבקייטן
ניט גענומען. דאָס האָב איך פון איר כבוד וועגן געשווינט —
האָסט פריער דאָ פאַרבייגייענדיק דערמאָנט דעם אַלטן חטא פון
מיינע עלטער אָבות, וואָס האָבן דיין גאָט געקרייציקט — דאָס
איז אפשר נאָר געווען די ערשטע סיבה פאַר וואָס איך האָב ניט
געוואָלט דיין ברודערס טאָכטער. קען זיין, מיט יאָרן שפּעטער,
אַז עס וועט דער פלאַם פון יונגן בלוט זיך אָפּקילן, וועט ער, מיין
זון, דאָס אייגענע דערהערן פון מויל פון אייגן ווייב, זיין פליישׁ
און בלוט, און דאָס וואָלט זיין צו שרעקלעך".

דער שרעק פון פאַרשוועכן די אידישע מי און פּראַצע און
דעם נאָמען איד אין די אידן־פיינטלעכע מקומות פון פרייען לאַנד,
האָט פון דאַן אָן, אַגב, ארויסגערופן די עכאָ־קלאַנגען פון אַן
אַמעריקאַנער „איכה" אין ברוך גלאַזמאַנס און דוד איגנאַטאָווס
שריפטן. זיי קענען זיך נאָך עד היום פון דעם שרעק ניט באַ־
פרייען. שוואַרץ, אַן עפּישער דיכטער פון אַ שפּעטערן פּעריאָד,
מאָלט מיט שטילערע און רואיקערע פאַרבן דאָס לעבן פון יענעם
„געפלעקטן פאַר פאָלק". „זי, דזשעקס פרוי, דערציילט ער,[69]
פלעגט טאָקע קיין זונטיק ניט פאַרפעלן צו גיין אין קירך, האָט
אָפּגעהיט אַז דאָס קינד זאָל זונטיק גיין אין שול צום אַלטן פּאַס־

טאָר — נאָר פּרייטיק נאָכטס האָט זי געצונדן ליכט און ראש השנה און יום כפור פלעגט זי קומען צוזאַמען מיטן אַלטן דזשאָזש און מאַן און יונג קינד אין סינאַגאָג אַריין". דאָס פּאָרפּאָלק האָט זיך אַזוי גאַנץ פיין צונויפגעלעבט אין דעם שעטנז־געוועב פון איד און גוי, אַ דאַנק דעם רייכן דזשאָדזש, וועלכער האָט זיך אַליין גאָר אַסימילירט מיטן ארום און שלום געמאַכט מיטן זון.

ניט אַלע אָבער האָבן דאָס גליק, אַז עס זאָל זיי דערוואַרטן אַ רייכע ירושה, און די עלטערן ווערן נאָך אַ „געפּלעקטער חתונה" נאָך פרימער, ווי געוועזן. די אייביקע סתירה צווישן גוי און איד ווערט זעלטן איינגעשטילט אין פאַל פון אַזאַ חתונה.

אַ טרוימערין איז געווען מערי שטערן, — דערציילט י. אָפּאַטאָשו. [40] זי איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן „אין אַ הויף ביים שוואַרצן ים" און קנאַפּ וואָס געוואוסט פון אידישקייט. זי האָט דאָ חתונה געהאַט פאַרן איטאַליענער מאַרקיז, צוליב זיינע „שוואַרצע פאַר'חלום'טע אויגן", און צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך, נעבעך, אָנגעאַרבעט דעם טאָג, אין דרייען אַ געבויגענע, אינם ענג־שטוי־ביקן שאַפּ. „זי האָט ניט קיין צייט געהאַט צו טראַכטן וועגן זיך, כמעט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ אידישע, אַז זי האָט עלטערן אין רוסלאַנד. אַז אוירוווינג איז געבוירן געוואָרן, האָט זי עפּעס יאָ אַ טראַכט געטאָן, אַז מען דאַרף דעם אינגל אידישן, זיך געשעמט פאַרן מאַן, גערעכנט, אַז פיליפּ ווייסט ניט, אַז זי איז אַ אידישע און באַשלאָסן אים צו רופן אברהם, נאָר איר זיידן. רופן אים „אייב" — איז צופיל אידיש, גויים האָבן ניט אַזעלכע נעמען, האָט זי געמאַכט אַ פשרה און אים אַ נאָמען געגעבן אוירוווינג". זי האָט גלייך פאַרגעסן אין אַלץ. „נאָר צייט די אַלטע (מוטער פון איר מאַן) איז געקומען צו פאָרן פון איטאַליע, איז ביי איר אין הויז געוואָרן אַן איבערקערעניש. עס האָט איר פאַרדראָסן, וואָס די אַלטע רעדט מיט אוירוווינגן איטאַליעניש. און שוין עטלעכע מאָל, צייט יאָרן, ווי זי האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן אין אידיש". און עס האָט סוף־כל־סוף דערפירט דערצו, אַז זי זאָל אָנהויבן רעדן צום קינד אויף מאַמע־לשון און זיך אויסגעבן אַלס אידישקע.

אידן וואָס זיינען זיך משדך מיט גוים זיינען איצט ניט פון דעם אייגענעם מין איד ווי פון די פריערדיקע דורות. עס איז ניט מער דער ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערער טיפּ פון די „רחל־חיה־באַשע־גיטלס" וואָס פלעגט שיקן דער מאַמען אַ בריוועלע, נאָכן געוויסן נוסח[41]: גלויב ניט, מוטערקע, אַז אַ קריסט איז ניט אַזאַ מענטש ווי אַ איד, — אַלע מענטשן זיינען ברידער". „געפלעקטע חתונות" קומען איצט דאָס רוב פאָר אין פּראָוואָרפּענע געגנטן. אין אַנדערע ערטער זיינען זיי מערסטן פון טיפּ סאַלון־לייט אין אַפּאַטאַשוס אַן איין־אַקטער,[42] ביי וועמען „די טאָכטער איז געקומען פאַר דער חתונה אויף דער וועלט" און . . . „האָט חתונה געהאַט מיט אַן איטאַליענער". וועגן די געמישטע חתונות ביי אַסימילירטע „יאהודים", רעדט מען כמעט ניט אין דער אידישער ליטעראַטור.

אינאיינעם מיט די „אָפּגעפּאַלענע" פונם אידנטום דורך „געמישטע חתונות" קומען הי פיל צו פון „גיור". ליידער גיט זיך די אַמעריקאַנער אידישע בעלעטריסטיק ווינציק אָפּ מיט די גרים.[43]

מאַן־און־ווייב

די מאַן־און־ווייב פּראָבלעם האָט לאַנג שוין געפונען איר אויסדרוק אינם אידישן פאָלקסוואָרט. עס איז אַ פּסיכאָלאָגישער אמת, אַז „אַ ווייב אַ שלאַק פאַרטרייבט אַפילו דעם מלאך־המות", אַז „אַ ווייב מאַכט פונם מאַן אַ נאַר און אַ האַר", אַז „דער מאַן איז גוט פאַר דער וועלט, איז ער שלעכט פאַרן ווייב", און „אַז דער מאַן גייט אין ספּאָדעק, גייט דאָס ווייב אין פּאַנטאָפל". עס איז אַן אַלט באַליבטער ליטעראַרישער זשאַנר אין אַלע שפּראַכן און אין אַלע צייטן. ווייל אויב מע זאָל אונדז אַפילו פאַרזיכערן, אַז עס בייט זיך ניט די מענטשלעכע נאַטור, בייט זיך דאָך אָבער דאָס לעבן, בייט זיך די סביבה, בייטן זיך די אומשטענדן. די אידישע מאַן און ווייב זיינען קינדער פון אַ וואַנדער־פאָלק; איידער נאָך זיי ווערן איינגעוואָקסן אין דער אַלטער היים, פלאַנצן זיי זיך איבער אין אַ נייער. אַ נייער באָדן, נייע איבערלעבענישן, און ניטביידע האָבן די אייגענע קענטעניש, די אייגענע פעאיקייט,

די איינע און די זעלבע כוחות אויפצונעמען זאַכן און זיך צו זיי צופּאַסן. עס שאַפט זיך ווילנדיק־ניט־ווילנדיק אַ ריס און אַ צעשפּאַלטונג, וועלכע פאַרוועבן זיך מיט דער צייט. זוכט דאָס דער אידישער שרייבער אויפצוכאַפּן און באַמאָלן.

די הויפּט ראַנגלענישן פון מאַן און ווייב אין אַמעריקע קומען אַלס אַ רעזולטאַט פון אַן אויבנאויפיקער אַמעריקאַניזירונג. „זינט באַשקע איז אַראָפּגעקומען אַהער קיין אַמעריקע — דערציילט שלוש אַש [44] — און האָט זיך צוגעהערט און צוגעקוקט, ווי איר שכנ'טע, אַ פעטע רומענישע אידענע, באַהאַנדלט איר מאַן — האָט זי זיך באַלד אויסגעלערנט, אַז אין אַמעריקע איז „ליידיס פוירסט", און לייבל האָט ביי איר די גאַנצע גדולה פאַרלאָרן. — — און ניט באַשע נאָר לייבל האָט שוין געמוזט וויסן, וואו באַשע האָט עפּעס אין שטוב אַוועקגעשטעלט. „לייבל, וואו שטייט דער בעזים?" לייבל האָט שוין באַשען געמוזט אָפּגעבן דין־וחשבון פון יעדן גראָשן, וואָס ער האָט אין גאַס אויסגעגעבן. — — — און אַזוי ווי לייבל האָט אַמאָל געקענט הערשן, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעלערנט באַהערשט צו ווערן. ער האָט שוין מורא געהאַט דאָס מויל אויפצועפענען".

אַ פיל שווערער צוזאַמענשטויס קומט פאָר מיט אַ „צע־האַלבטע פּאָר", די „צווייטע האַלב" איז הי געבוירן, און די ערשטע — קוים אַמעריקאַניזירט. דאָס איז געווען אַ באַליבטע טעמע ביי דעם עלטערן דור אַמעריקאַנער אידישע שרייבער. זי ווערט ערנסט באַרירט פון אַ פּאַר. דער יינגערער דור שריי־בער שטעלט זיך מערסטנס אָפּ אויפן „אַרויפגעאַרבעטן" טיפּ, וועלכער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך געדרייטע וועגן צום שפּיץ פון זיין אַמביציע און חתונה געהאַט מיט אַ געלערנטער אַמערי־קאַנערין.

„נאָך מיטאָג — דערציילט י. אָפּאַטאָשו [45] — ווען אייבי האָט זיך צוגעלעגט אויף אַ שעה אָנדערהאַלבן, האָט מען אין דעם אַזוי אויך שטילן הויז כמעט אויפגעהערט צו אָטעמען. — — די שטוביקע זיינען געגאַנגען שטיל, אַן אַ סקריפּ, ווי זייערע שיך וואָלטן געווען פילצענע. ביי דער באַלעבאָסטע איז דער גאַנג

געווען אַן איינגעבוירענער. זי איז געווען אַ דינע, אַ הויכע און די ריינקייט ארום איר האָט אַזש געקילט. די קינדער, די דינסטן האָט זי איינגעבראַכן אין דער שטילקייט, געוואָלט דערמיט פאַר־גרעסערן דעם דרך־ארץ צום באַלעבאָס, וואָס האָט ביי זיך אין שטוב קיין צוויי ווערטער ניט געקענט ציילן. עס איז מער נישט געווען איבי פון מאַרק, דער יונג, דער איינרייסער, וואָס פלאַנט שטענדיק, קאָמבינירט, קען נישט לעבן אָן אַ גראָב וואָרט. ביי זיך אין הויז האָט ער אַנגעוואָרן ס׳לשון, נישט געטאָן די מינדסטע זאַך, ער זאָל זיך ניט שואל עצה זיין מיט דער פרוי״. — —

„איבי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט גאַנצע דרייצן יאָר געשוויגן: די יאָרן האָבן זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים, טרוקן, ווי ס׳ווייב. און ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען, צי ער איז אַמאָל גליקלעך געווען מיט איר. עוועלין האָט אים שטענדיק אַ טובה געטאָן, ווי זי וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן אים״.

אגב, פאַרנעמט זיך לעצטנס פיל די נייע בעלעטריסטיק מיטן „אָלרייט׳נישן״ עולם. דער „ארויפגעאַרבעטער״ פאַרשוין, דער אַזוי גערופענער „אָלרייטניק״, איז פאַרנומען מיט ארויפשלאָגן זיך אַ וועג צו רייכטום און גרויסהאַנדל, איז ער קאַרג ביז גאָר און פאַרגינט ניט דער פרוי דעם ביסן אין מויל (די מערערע טיפּן אין ש. מילערס „שמאַלצגרוב״). אויפן בעסטן פאַל לאָזט ער זיין פרוי זיך אויסלעבן אין אַ פלאַכער עולם־הזה, און לעבט זיך מיט איר גייסטיק ניט צונויף. עס ווערט דערביי באַטאָנט און איבער־גע׳חזר׳ט די אַלטפרענקישע חכמה פון דער מוסר־השכל ליטע־ראַטור, אַז אַ פרוי, וואָס לעכצט נאָך ליבע און קריגט עס ניט ביי איר מאַן, זוכט און געפינט עס אַנדערשוואו.[46]

קריגערייען אין דער משפּחה צוליב כשרות איז אַ וויט פאַרשפּרייטע מכה אין אַמעריקע. עס איז פון יענעם סאָרט סכסוך, וואָס מאַכט צו נישט דאָס משפּחה־לעבן. דאָס רוב פון אָט די סכסוכים זיינען צווישן עלטערן און קינדער. זעלטן ווען עס געפינט זיך אַזאַ ריס צווישן די עלטערן גופא. די ווירקונג פון דרויסן אויף דעם מאַן און ווייב איז, אמת, פאַרשיידן. „אַזוי

ווי אַמעריקע — דערציילט שלום אַש [47] — האָט געהאַט אַ פּאַר־ניכטנדן עפעקט אויף איר מאַן בערל, געמאַכט אויס אים אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַן אַלטן אידן, מיט אַן איינגעהויקערטן רוקן, אַזוי האָט אַמעריקע געווירקט אויף גנענדלען, זיין ווייב, גאָר פאַרקערט. גנענדל איז אין אַמעריקע אינגער געוואָרן, זי איז דאָ געוואָרן ליבעראַל. אַנשטאָט דעם „צאינה וראינה", וועלכעס איז געווען איר גייסטיקע שפּייז פון דערהיים — האָט זי דאָ געלעזן אידישע צייטונגען, מיט אַלצדינג זיך אינטערעסירט. די קינדער האָבן זי אָפט מיטגענומען אין אידישן טעאַטער, פון וועלכן זי האָט גרויס הנאה געהאַט, און ליב געהאַט זיך צו פּוצן אין די טעכטערס אויס־געטראָטענע קאָמאָשן אָדער איבערגעמאַכטע קליידלעך... — — דעם מאַנס לערנען און פרומקייט, וועלכעס איז געווען איר שטאָלץ און איר גליק אין דערהיים — האָט דאָ ביי איר ווייניק ווערט געהאַט, און ווייל די מאַשין האָט אויס בערלען אַזוי פרי געמאַכט אַן אַלטן, איינגעהויקערטן מאַן, האָט ער פאַרלאָרן יעדן חן און אַנזען אין אירע אויגן. ער האָט געהאַט ביי איר אַ שווער לעבן אויף דער עלטער". דאָס דערווייטערניש פון די קינדער און דאָס פאַרפרעמדונג פונם ווייב האָט אריינגעטריבן בערלען אין אַ רעליגיעזער התפעלות. און ווייל זיין פרוי האָט מיטגעהאַלטן, אין מערערע ענינים, מיט די קינדער, „האָט ער ניט געגעסן פון דעם זעלבן ברויט וואָס זיין משפּחה. מוצאי־שבת איז ער גע־גאַנגען צו אַ באַקאַנטן אידן, אין אַ אידיש געסל, וועלכער האָנדלט מיט כשרע פוטער און קעז און וועלכן ער האָט געקענט אַלס אַן ערלעכן אידן — ער האָט געדאַווענט מיט אים אין איין שטיבל — און פון דעם האָט ער געלעבט פון איין וואָך צו דער אַנדערער". [48]

דאָס באַלאַנגען אין אַ יוניאָן, אָדער אין אַ פאַראיין, איז לויט אַ סך שרייבער, אַ שטער צום שלום־בית. „זייער, זייער אָפט טרעפט— זאָגט ז. ליבין [49] — דאָס ווען אַ מעמבער מאַכט אַ „פּאָינט אָוו אָרדער" באַגיסט זיך זיין פרוי אין דער זעלבער צייט מיט ביטערע טרערן אין דערהיים... לעבן די טעפּלעך, לעבן סינק. — איר פעלט גאָרניט. אַלס באַלעבאָסטע האָט זי כל־טוב, אַ וואָנט מיט טעפּלעך און מיט שמאַטעס. אַלס מוטער, האָט זי דריי קינדער.

און אַלס פרוי פעלט איר אויך וויניק... אָבער דאָך גייט אויס איר האַרץ. עס רייסט זיך צו עפּעס... דאָס איז וויניק, עס ווילט זיך לעבן. עס ווילט זיך זיין אַ מענטש גלייך מיט אַלעמען". און דער מאַן איז דעם גאַנצן טאָג אויף דער אַרבעט און לאָזט זי איבער אין אָוונט און גייט אַוועק אויף אַ מיטינג.

שווער איז דאָס לעבן פון אַ פּאַרטיי־מענטשן, וועלכער האָט נישט באַוויזן אַריינצוציען די פרוי אין זיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. „ער האָט געצויגן — דערציילט ש. מילער [50] — די ליאָמקע טאָג נאָך טאָג, אָפטמאָל נאָך אַרבעטנדיק איבער דער צייט — — ניט אין אָוונט פלעגט טרעפן ווען באַלד נאָך דער אַרבעט פלעגט ער אַוועקפאַלן שלאָפן, ביז סאַניע פלעגט אים ניט קומען אויפוועקן: שטיי אויף שלאָפן! מיד פון עסן, אַרבעטן און שלאָפן, האָט טשערנין געזוכט די געלעגנהייט זיך אַרויס־כאַפּן פון הויז, קומען אין געזעלשאַפט, זען מענטשן, רעדן. און כאָטש דאַרטן, אין אָרגאַניזאַציע, האָט אויף אים געוואַרט אַרבעט, איז ער דאָך צופרידן געווען דאָס צו טאָן, ווייל ביי דער אַרבעט האָט ער אָפּגערוט, די אַרבעט האָט אים אָפּגעפרישט. די געלעגנהייטן זיינען אים אָבער אָנגעקומען צו שווער. פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג מיטן קינד, האָט סאַניע געוואָלט האָבן דעם אָוונט פאַר זיך. און האָבן דעם אָוונט פאַר זיך האָט געמיינט, אַז דאַווידל זאָל זיין אין הויז — אָן איר צי מיט איר — דער עיקר: ער זאָל ניט אַוועקגיין".

שווערער נאָך רופן זיך אָפּ אויפן טעגלעכן לעבן די חלוקי־דעות צווישן דעם מאַן און ווייב, וואָס באַלאַנגען אין פאַרשיידענע לאַגערן פון אַ פּאַרטיי. [51]

די ביטערע לאַגע פונעם אָרימען אַרבעטער, די מאַטערנישן פאַר אַ שטיקל ברויט, דאָס איבעראַרבעטן זיך אינם אַרבעטס־סעזאָן און דאָס ניט האָבן וואו זיך אַהינצוטאָן אין דער סלעק־צייט, צע'הרג'ענען זיין מוט, פאַרשפּיצן די נערוון, און ער לאָזט אויס זיין ביטער האַרץ צו דער אומשולדיקער פרוי. עס איז אַן אַלמענטשלעכע, אַלפעלקערשע מכה, מיט וועלכער די אידישע

ליטעראַטור גיט זיך פּיל אָפּ, איבערהויפּט ז. ליבין אין זיינע דערציילונגען.

אין קעגנזאַץ צו דער אַלטער אידיש־אַמעריקאַנער בעלע־טריסטיק, ווערט איצט די אַרבעטער־פרוי געמאָלן אין העלע פאַרבן.

ווי האַרציק באַלעבט עס מאָלט, למשל, דוד קעשיר [52] די אַלטעטשקע פרוי, וואָס לאָזט איר אַלטעטשקן שפּעט אין די נעכט אויסרעדן זיין האַרץ, ווען עס קלעפּן זיך איר די אויגן צום שלאָף, ווייל „ער איז אין שאַפּ זאַלבענאַנד יאָרן געשטאַנען און קיינמאָל ניט דערדרעדט. בלויז אויפן וואונק. אַ פּרעס מיטן אייזן און אַ ז־זיפּ מיט דער מאַשין".

ווי צרה'דיק דער קריזיס און די דעפּרעסיע זאָלן זיך ניט אָפּרופן אויפן פאַמיליענלעבן, ווען „עס בייטן זיך די יוצרות" און די פרוי ווערט די ברויטגעבערין און דער מאַן די באַלעבאָסטע און מינדעריעריקע קינדער טראָגן דעם יאָך פון פּרנסה און האַלטן אויס די טאַטע־מאַמע, — האָט עס דאָך אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויפן גייסט פון דעם צוזאַמענהאַלט און פאַראייניקונג פון עלטערן מיט קינדער, און פון מאַן און ווייב דער'עיקר'שט.

ליידער האָט די אַמעריקאַנער אידישע בעלעטריסטיק זיך כמעט ווי גאָרניט אָפּגעגעבן מיט לעבן און איבערלעבן פון „דעם הי־געבוירענעם פּאַרפּאָלק". די אָפּשפּיגלונג פון דעם לעבן פון די „היגע געבוירענע" געפינט זיך דערווייל בלויז אין דער אַמערי־קאַנער ענגלישער ליטעראַטור, אַ זאַך, וואָס גייט ניט אריין אין דער אַרבעט. די אידישע בעלעטריסטיק אינטערעסירט זיך נאָך דערווייל נאָר מיטן „כלאים", מיט דער צווייאייניקייט וואָס האַלט זיך אין קאָנפליקט, — די „הי און דאָרט" געבוירענע.

עלטערן און קינדער

„דאָ איז די אַלטע מעשה מיט דער הון, וואָס איז אויסגע־זעסן קינדער אויף קאַטשקענע אייער. אַ טראַגעדיע! — דער־ציילט אַב. קאַהאַן [53] — כמעט אין יעדן שטוב אין אידישן קוואַר־טאַל איז זי דאָ — צוויי וועלטן אָפּגעטיילט מיט אַ גרויסן ים,

אַ באַרדיטשעוו מיט אַ ניו יאָרק אין איין שטוב". די שאַרפקייט פון יענע בייזע טראַגעדיעס איז שוין אָן שום ספק אָפּגעטעמפּט, דער גרויסער ים האָט אַ היפּש ביסל פאַרשווענקט די מחיצה פון צווישן די צוויי צעקריגטע וועלטן און זיי קומען זיך צונויף און מאַכען צווישן זיך שלום. דער ווייי און אויסגעשריי פון יענע ביטערע יאָרן דערטראָגט זיך נאָך דאָ און דאָרט אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

ניט געוואָלט האָט דער אידישער פּיאָנער זיך אָפּרייסן פון דער היים און פון זיין ווייב און הויזגעזינט. ער האָט געאַרבעט אויף דער ניי־מאַשין ביי זיך אין הויז. דאָס ווייב האָט אים מיט־געהאָלפן און אָנגעפירט דאָס באַלעבאַטישקייט און באַדינט אַ פּאָר קוואַרטיראַנטן. זיי האָבן זיך מיט גרויסע שוועריקייטן אויסגע־שלאָגן זייער אָרים אויסקומעניש און אַכטונג געגעבן אויף די קינדער. זיינען אָנגעקומען שווערערע צייטן. דער אימיגראַציע שטראָם האָט זיך פון יאָר צו יאָר צעפלאָסן. און וואָס גרעסער עס איז געוואָרן די שפע אין „העגנט", אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די עקספּלואַטאַציע. עס האָט זיך מער ניט געלוינט די שאַפּ בעלי־בתים צו פאַרגלויבן די אַרבעט צום אַרבעטער אַהיים. דער פאָטער האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס הויז, גיין אַרבעטן ביי יענעם. ער האָט אָבער ניט אויסגעאַרבעט די אייגענע שכירות, ווי פריער. אין שאַפּ קען מען אַזויפיל שטונדן ווי אינדערהיים ניט אריינ־אַרבעטן. פון דער קוואַרטיראַנטן־ברכה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ קללה אין יענע אַרבעטסלאָזע יאָרן. איז שוין אויך די מוטער ארויסגעשטופּט געוואָרן פון דער היים. זי האָט אָנגעהויבן פּעדלען אין גאַס און מיט זיך מיטגעשלעפּט דאָס קליינוואַרג:

„דאָרט גייט אַ פרוי פּעדלען מיט אַ קינד אויפן האַנט
און אַלער־פּרי קלאַפּט זי שוין די טירן,
דאָס צווייטע — פאַרן קלייד, איר ביזנעס איז באַקאַנט". [54]

עס האָט צוערשט אויסגעקוקט לעכערלעך די אידענע אין איר נייער ראָלע, אין קאָנקורירן אף דער גאַס מיטן מאַנסביל. די כל־ישראל־פּרעסע האָט זיך צוערשט צע'חוזק'ט [55] און זיך

דערנאָכדעם געוומען ערנסט אויפקלערן דעם עולם [56]: „די פליכט איז אפן מאַן זיין פרוי צו ערנערן, לאָזט אייך פון די אַמעריקאַנער באַלערן, עס גיבט קיין פרוי ביי די „בייע גויים" וואָס זאָלן גייען שאַכערן און מאַכערן אַ לעבן. „צופיה הליכת ביתה" דאָס איז אייך געגעבן, זאָנסט איז אין הויז, זאָל מען עס זייען אויף רשעים. צוליב די פּאָר דאָלער יאָר איין און יאָר אויס, וואָס ווערט פון אייערע קינדער אין הויז? פּאַר אונז, אידן, — אַ חילול השם, אַ „זי" פּעדלט!" — —

שמאָל און ענג און פאַר'עיפּוש'ט זיינען דאָן געווען די מערסטע שעפּער, וואו מע האָט פאַרשקלאָפּט פּערזאָן שעה אין טאָג די אימיגראַנטישע עדה — דערציילט אַן אָפּיציעלער באַ־ריכט פון דער רעגירונג [57] — און אין ענג פאַרוואַנצטע אויבער־שטיבלעך און אָן זון און אין לופטלאָזע קעלערס האָט מען זיי באַ־זעצט. „דער שאַפּ, דער טאַפּ־פלאָר, אוי אַ קעגלעכע פּאָר". [58] די מערערע לידער פון דוד עדלשטאַט, מאָריס ראָזענפעלד און אברהם גאָלדפאַדן אין די אַכציקער יאָרן, און די לידער און דערציילונגען פון אליקום צונזער, ל. לאַנדוי (א. וואַהלינער), ש. דאָלינסקי, מ. שמואלזאָן און ז. ליבין (ישעיה הורעוויץ) אין די ניינציקער יאָרן, זיינען פול מיט טרויעריקע באשרייבונגען פון יענע „פינצטערע לעבער", וואו „איר מאַן איז יונגערהייט גע־שטאָרבן און פון אים האָט זי אַצינד די שווינדזוכט אין איר ברוסט פאַרבאָרגן, אַ ירושה פאַר איר קינד". [59]

די „פּראָלעטאַרישע קרענק", וואָס האָט זיך צעוועלטיקט אין יענע וויסטע חדרימלעך, האָט באַצוואונגען די מוטער ארויסצו־שטופּן די קינדער אין גאַס. די גאַס איז דעמאָלט געוואָרן דער רו־פּלאַץ פּאַר די קינדער פון כל'ערליי פעלקער און ראַסן. דאָס גיין אין פּאַבליק־סקול איז נאָך דעמאָלט געווען פון די חובות וועלכע מע האָט געקענט פאַרקוקן, און די עלטערן צו אַכטונג געבן אַף זיי זיינען דאָך מיט זיי ניט געווען, האָבן זיי זיך געלאָזט וואויל־גיין. פון זיי איז דאָס נאָכדעם ארויסגעקומען מויש און זיינע חברים, וועגן וועמען חבר־פּאַוער (גרשון איינבינדער) דער־ציילט: [60] „עס פרעגט ניט שמערל ביי זיין זון, צי ער וועט זאָגן

נאָך אים קדיש? וואָס ווייסט ער פון קדיש? וואָס ווייסט ער פון אַ טאַטן? ווען שמערלס טאַטע האָט געדאַרפט שטאַרבן און ער האָט אים גערופן, אים שמערלען, דעם עלטסטן זון, צו זיין קראַנקן בעט, איז ער כאָטש געווען אַ זון מיט דעם געשטאַלט פון דעם אַוועקגייענדיקן טאַטן. ער האָט גערעדט זיין טאַטנס לשון. ער האָט פאַרמאָגט די ענלעכקייט אין די אויגן, אין די ברעמען. דאָ גייט אַוועק אַ טאַטע און עס בלייבט אין זון גאָרניט פון טאַטן. דאָס לשון איז פרעמד, אין די אויגן רויקייט, אין די פלייצעס פּינצטערע עקשנות. אַ קלינטאָן־סטריט זון".

די נויט און הונגער ראַנגלענישן אַן אַן אויסזיכט אויף עט־וואָס בעסער, האָבן געמאַכט, אַז מע זאָל ארויפּציען אויפן קינד דעם עול פון פּרנסה. די קינדערשע פאַרדינסטן האָבן געבראַכט צו טרויעריקע רעזולטאַטן. דאָס קינד איז געוואָרן זעלבסטשטענ־דיק צו־פרי, האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אַף דער גאַס און זיך ביסלעכוויז אָפּגעפרעמדט פון די עלטערן. די עלטערן זיינען געווען פאַרהאָוועט טאָג און נאַכט און זיך דערפילט דערשלאָגן. זיי האָבן קיין צייט ניט געהאַט זיך צו אַמעריקאַניזירן. און דער אָפּגרונט צווישן זיי און די קינדער איז געוואָרן גרויס.

אַ קליינער טייל אידישע פּיאָנערן האָט זיך דאָן, אין מינוטן פון שרעקלעכן יאוש, געטרייסט: [61] „און וואָס איז אַז מיין גאַנ־צער אַמאָליקער לעבן און דאָס לעבן פון מיינסגלייכן וועט דיר תמיד אויסקוקן ווי דאָס לעבן פון עפּעס אַ ווייטן, ווילדן שבט? אָבער אַ לאַנד וועסטו דאָך האָבן, וואו דו וועסט קענען אַרבעטן און לעבן רואיק. און פאַר דיין פרוי וועט די פרייד זיין אַ נאַ־טירלעכע און געוויינלעכע זאַך און זי וועט פון דעם ניט משוגע ווערן. און דיינע זין וועלן זיך אין זוניקן טאָג ניט שווארצן אינם זומער בלוי אַף ערגעץ אַ קברים־באַרג, מיט ריטשקעלעך בלוט, וואָס טריפן ארונטער פון זיינע העלדזער". אָבער די טרייסט פון רעטן דעם גוף און ניט דעם גייסט, אזי פאַר די מערערע אידישע רעליגיעזע פּיאָנערן אַ קנאַפּע טרייסט געווען. ווי מורא׳דיק שווער עס פילט דאָס ה. לייוויקס אַ העלד. „דאָס גאַנצע הויז איז פול

מיט שנאה פון אַט דעם אינגל, — דערציילט ער, [62] — אַפּילו די וועגט. — — ווי נאָר ער טרעט אַריבער די שוועל, איז אַזוי ווי ער וואָלט די גאַנצע וועלט מיטגעבראַכט מיט זיך און ארויפ־געשליידערט אויף מיר... איך האָב שוין לאַנג אָפּגעמאַכט ביי זיך: איך מיש זיך ניט. טו, לעב פאַר זיך, ווי דו ווילסט אַליין. איך זע דאָך: דאָ איז ער דער דעה־זאָגער. אָבער פאַר אים איז דאָס וויניק: ער וויל אַלץ, וואָס עס איז ביז אים געווען, אַראָפּ־שניידן... אַט אַזוי פון זיך אַליין ארויסגעשפּראָצט, „ארויסגע־וואָקסן"... „דו פאַרשטייסט — טענה'ט ער צו אַט דעם זון — האָסט מיך אינגאַנצן פאַרלייקנט, אָפּגעווישט"...

די האַרטעווירקלעכקייט, וועלכע האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם גאַנצן אידישן לעבנס נוסח, האָט דאָך די רעליגיעזע טאַטע־מאַמע ניט אָפּגעשראָקן. ווי גרויס עס איז ניט געוואָרן זייער יאוש איבער זייערע קינדערס אָפּפרעמדן זיך פון זיי, אַלץ גרעסער אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער קאַמף זיי צו ראַטן. און די צייט האָט מיטגעהאָלפן. די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט, האָט זיך די פרוי צוריקגעקערט אין הויז און געוואָרן אַ מאַמע צו אירע קינדער. לערנען אין פּאַבליק סקול איז געוואָרן אַ מוז־זאַך, האָט מען דאָס קינד צוגענומען העכער אַ האַלבן טאָג פון גאַס און דאָס דיסציפּלינירט. דאָס לאַנדגעזעץ האָט פאַרבאָטן קינדער פאַרדינסטן, און די קינדער האָבן געמוזט אָנקומען צו זייערע עלטערן און אויספאָלגן זייערע געבאָטן. און כדי ניט איבער־צולאָזן דאָס קינד אונטער דער פולער השפעה פון דער וועלט־לעכער שול און פון דער גאַס און פון דער סביבה, האָבן זיי אים אַוועקגעשיקט אויף אַ פּאָר שטונדן אין טאָג אין אַ תלמוד־תורה, צי אין אַ ישיבה.

קיין עכט אידישע רעליגיעזע דערציאונג איז זיי דאָ ניט גע־לונגען צו שאַפן. די ווירקונג פון דער פרייער גאַס און פון דער פרייער סביבה האָבן זיי דאָך ניט געקענט אויסמיידן. „אַז דער יונג קערט אום זיך (פון דער גאַס) נאָך אַ קריג אין שטוב אריין — דערציילט י. י. שוואַרץ [63] — איז ער צעפלאָמט, פאַרשוואַרצט, פאַרשמידט און רויט. און הונגעריק — ווי עשו אין זיין צייט.

דאָס האָט ניט קיין געדולד דאָס ברויט צו שניידן, דאָס קנייפּט פון גאַנצן ברויט און שטופּט אין מויל, — היינט גיי דערמאָן אים דאָ פון זאָגן ברכה". און וואָס העלפט פאַרווערן די קינדער צו אַרבעטן אום שבת, ווען „שבת קריגן מענטשן זייערע שכירות",[64] און מען זאָגט זיי אינגאַנצן אָפּ פון דער אַרבעט, ווען זיי קומען דעם טאָג ניט אַרבעטן אין פאַבריק".[65] די אַלטעטשקע אידענע אין שלום אַשס אַ באַשרייבונג,[66] וועלכע האָט פאַרשלאָסן די טיר, גענומען דאָס וואַלגערהאָלץ אין איין האַנט און די צאינה וראינה אין דער צווייטער האַנט און אַוועקגעשטעלט זיך ביי דער טיר און ניט געלאָזט דעם זון ארויסגיין שבת אַרבעטן אין שאַפּ, ווייל „איך וויל ניט אַזאַ פּרנסה, וואָס קומט פון חזיר — פון מחלל שבת זיין", צי אַפּאַטאַשוס אַ העלד, וואָס מע האָט פאַר אים מיטן אינגל שבת געגרייט אַ באַזונדער טיש און „די מוטער מיטן מיידל האָבן געגעסן אין קיך",[67] — האָט סוף כל סוף פאַרפירט דאָס קינד אין פאַרקערטע דרכים. האָבן דערפאַר דאָס רוב רעליגיעזע עלטערן געהאַלטן שטיל און קאַלט דעם קאָפּ אף די פּלייצעס און געזען אַנגיין מיט די קינדער בעסער מיט גוטן, ווי מיט בייזן. זיי האָבן פול מיט וויטיק פאַרקוקט און זיי טאָלערירט ביז גאָר. און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרשטענדעניש צווישן טאַטע־מאַמע און קינד.

אינאיינעם מיט די רעליגיעזע אָרטאָדאָקסישע עלטערן געפינען זיך אַ סך טאַטע־מאַמע, וואָס קומען נעבעך אָפּ פאַר די זינד פון די קינדער... זיי זיינען דאָ פרימער געוואָרן, ווי ל. קאָברין זאָגט אין איינע פון זיינע דערציילונגען, ווייל זייערע קינדער ווערן גויאישער. זיי זיינען דאָס מערסטן פונם טיפּ פאָטער אין ל. שאַפּיראָס „אַמעריקאַנער שד",[68] וועלכער „האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש און פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט אים געפאָכעט (ביים עסן), כלומרשט פון דער היץ, און געהאַט אַ זינדיקע הנאה: גילוי ראש". זיי לעבן אָפּן חשבון פון די קינדער, און זוכן זיך ביי זיי איינקויפן אין דרך־ארץ.

די מחלוקת'ן צווישן די רעליגיעזע טאַטע־מאַמע און זייערע ראַדיקאַלע קינדער אין צייט פון אַ אידישן יום־טוב, זיינען איצט

כמעט ווי פאַרשוואונדן. די קינדער זעען צו די נויט און מאַטער־ניש פון זייערע עלטערן און ווילן זיי ניט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש.[69]

אין גרונטגעזעץ פון מל זיין אַ קינד גייען די טאַטע־מאַמע אין קאַמף מיט זייערע ראַדיקאַלע קינדער אויף טויט און לעבן ממש. מע איז מל דאָס אייניקל אָן די עלטערנס וויסן.[70]

ווי ווייט די קינדער ווערן ניט אָפּגעפרעמדט פון די אָרטאָ־דאָקסישע עלטערן, זאָגן זיך דאָ פון זיי די עלטערן ניט אָפּ. מע צעקריגט זיך און מע בעט זיך איבער און מע רוגז'ט זיך ווידער אָן און מע מאַכט שלום. אַנדערש איז, ווען דאָס קינד איז ארויס לתרבות רעה, איז געוואָרן סאָציאַליסטיש, צי קאָמוניסטיש גע־שטימט. אַ באַוואוסטזיניקער אַפּיקורס איז ביי זיי ערגער ווי אַ משומד און מע האָט מיט אים קיין משא ומתן.[71]

אין קעגנזאַץ צו די רעליגיעזע עלטערן, וואָס זייערע רעוואָ־לוציאָנערע קינדער צעשיידן זיך פון זיי בלויז אידייאיש און האָבן פאַר זיי גרויס דרך־ארץ,[72] פאַרלאָזט דאָס סאָציאַליסטישע קינד די „אָלרייטניקישע" טאַטע־מאַמע אָן אַ טראָפּן מיטגעפיל. לייב סאָב־רין מאָלט אין דער דערציילונג „אין קלעם" אַ טאָכטער אַזאַ, וואָס פּיקעט מיט די אַרבעטער איר פאָטערס שאָפּ.[73]

עס האָט דאָ יאָרנלאַנג אָנגעהאַלטן אַ קאָנפליקט צווישן די רעוואָלוציאָנערע טאַטע־מאַמע און זייערע אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער. די עלטערן האָבן זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו דער זאָרגלאָזיקייט פון דעם אַמעריקאַנער קינד. „הירשל שפּילט שוין באָל, מאַרבלס, הוקי, הופּ — — מעלה־גרה'ט גאָם. טאַטע־מאַמע זאָגט: הירשל וואַקסט אַ באָם".[74] מאָריס ווינטשעווסקי איז, אַגב, געווען דער ערשטער, וואָס איז ארויס קעגן דער „בת־יענה", וואָס לאָזט ניט דאָס קינד הנאה האָבן פון דער עולם־הזה. ער לאָזט די קינדער זינגען אין כאָר: „אונז אַרט די פאַבריק ניט היינט, מיר זוכן קיין גליק ניט היינט, מיר קוקן ניט ווייט. איצט ווילן מיר הוליענען, זיך יאָגן און קוליענען, פאַרברענגען די צייט". ביים שפּיל ערשט װעלן זיי זיך צוגרייטן „צום פאָלק צו געזעלן זיך, אַלס מענער, צו שטעלן זיך" פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אמת.[75]

די אָרימע האַרעפּאַשנע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן ניט גע־קענט קומען צו קיין בילדונג אין דער אַלטער היים צוליב די נויט און אָרימקייט און אַנטיאידישע געזעצן, האָבן געלעכצט צו פאַר־ריכטן דעם פעלער אין באַצוג צו זייערע קינדער. „טשאַרליס פאָטער — דערציילט ז. ליבין[76] — איז אַן אַרבעטער, אַ פּשוטער שאַפּ־אַרבעטער, און זיין זונס שטודירן קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגן". מורא'דיק שווער קומט דאָס אָן דעם אָרימען פאָטער, און ער טראַכט אָפּילו ניט, אַז דער זון זאָל עס אים ווען־עס־איז אָפּצאָלן, ווייל „ווער דאַרף זיינע — — ווער וויל פון אים עפּעס! איך וויל נאָר, אַז ער זאָל זיין אַ שטיקל מענטש, ער זאָל נישט דאַרפן אין שאָפּ אָנקומען. וועל איך וויסן, אַז ער איז געקומען כאָטש צו אַ שטיקל תכלית, וועל איך קענען רואיק די אויגן צומאַכן". אַרבעטנדיק שווער און ביטער פאַרן פאַרהאָפטן נחת פונם קינד, האָבן די עלטערן קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט זיך און זיך קנאַפּ־וואָס אויסגעגרינט, און זיך ניט אויסגעלערנט די לאַנדסשפּראַך. דער ריס צווישן זיי און די געבילדעטע קינדער ווערט אומפאַרמיידלעך גרויס. י. אָפּאַטאָשו האָט די טעמע באַ־אַרבעט אין זיין דערציילונג „לוסי לי".[77]

די אידישע קינדערשול ברענגט וויכטיקע רעזולטאַטן און דערנענטערט דאָס קינד צו טאַטע־מאַמע. איזי קאַצאַפּס טאָכ־טער — דערציילט ש. מילער[78] — איז געגאַנגען אין אַ אידישער שול און זיך אויסגעלערנט לייענען. האָט זי מיט זיך מיטגע־בראַכט פון דער שול שלום־עליכמס „טעפל". „דאָס איז אפשר געווען דער ערשטער בוך נאָכן סידור און חומש, וואָס ישראל האָט געלייענט, ער איז אָבער ניט געווען דער לעצטער". צוזעענדיק דעם טאַטנס הנאה האָט זי אים אָנגעהויבן ברענגען פון דער ביב־ליאָטעק אידישע ביכער. און „עס האָט זיך ניט איינמאָל געמאַכט, דאָס גייענדיק אין ביבליאָטעק זאָל ער איר האָבן נאָכגעשריען: פאַרגעס ניט צו נעמען פאַר מיר אַ ביכל — — אַביסל איז דאָס אים אָנגעקומען שווערלעך. עס איז דאָ אַזויפיל ביכער, היינט גיי וויס וואָס צו נעמען. אָבער אויך דאָ האָט אים לילי אומ־

דירעקט ארויסגעהאָלפן". זי איז געוואָרן די דערציערין פון איר פּאַטער.

אַחוץ דער ספּעציפיש אידישער עלטערן און קינדער פּראָבלעם, איז גאַנץ רייך די אידישע ליטעראַטור, ווי דאָס אַמעריקאַנער אידישע לעבן, מיט די אַלגעמיינע, אַלמענטשלעכע עלטערן און קינדער פּראָבלעמען, וועלכע געפינען זייער אויסדרוק אין דער פאָלקס־חכמה, אין פאָלקסוואָרט. ליידער ווערן דאָס רוב אָט די אַלע פּראָבלעמען באַרירט אין דער ליטעראַטור כמעט בלויז אין שייכות צום אַלרייטנישן עולם.

דער שטילער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד פאַרשאַפט דאָ און דאָרט די באַציאונגען צווישן די עלטערן און די קינדער. „שולמאַן איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ מענטש אָן אַ באַשעפטיקונג — דערציילט ז. ליבין[79] — זיין אייגענע סטאָר האָט אים דרויסן ארויסגעשטופּט. די סטאָר האָט זיך געפונען אין אַ שיינער, אין אַ קריסטלעכער געגנט. אַ אידן האָט מען אין דער דאָזיקער געגנט ניט איבעריק געגליכן". האָבן זיינע אַמעריקאַנער געבאָרענע צוויי מיידלעך איינגעזען, אַז „זייער פאָטער, דער אידיש אויסקוקנדיקער שולמאַן, איז געווען אַ שטערונג פאַרן געשעפט" און דאָס איבערגענומען אין זייער רשות. און דער פאָטער איז געוואָרן אויס ברויטגעבער און אויס דעה זאָגער און זיך געפילט ווי אויסגעשפּילט.

די שווערע צייטן פון קריזיס און די דעפּרעסיע רופן זיך אָפּ צו גוטן אויף דער דערנענטערונג פון די עלטערן מיט די קינדער. ז. ליבין[80] און ברוך גלאַזמאַן[81] גיבן זיך אָפּ מיט דער פּראָגע.

די משפּחה

„די אידישע פאַמיליע האָט אויסגעטראָגן אף אירע פּלייצעס די גרויסע אימיגראַציע קיין אַמעריקע, זי האָט ארויסגעטראָגן דעם גרעסטן טייל פון דעם אידישן פאָלק אויסער אַמעריקע פון די גרעסטע געפאַרן, זי טראָגט איצט אויך ארויס פון אונטערגאַנגגעפאַר די אידישע ישובים אין איראָפּע, דזשאָינט און אַלע אַנדערע הילף אָרגאַניזאַציעס זיינען די קלענסטע געבער אין פאַר־

גלייך מיט דער אידישער פאַמיליע", — אַזוי דערקלערט אַ ליטע־ראַרישער פאָרשער, דר. א. מוקדוני.[82] און עס איז אַ ווייט באַ־רעכטיקטער אמת.

ווייל אָבער דער אַמעריקאַנער אידישער שרייבער עטוואָס מער פון דער משפּחה, ווי אַ מאַטעריעלע הילף. ער געדענקט איר אַנגענעמענעם לעבנס־שטייגער, איר גייסטיקע טראַדיציע, איר האַרמאָנישקייט, ווען פריינטשאַפט און גוטברודערשאַפט האָבן ניט דערגרייכט בלויז צו דער קעשענע, נאָר צו דער הויך און טיפענישן פון דער נשמה. און ער מיידט עפּעס אויס וועגן איר צו שרייבן. עס גלוסט זיך אים ניט צו באַרירן די אַנגעווייטיקטע פראַגע אין שווערע צייטן. דרייט ער זיך ארום דער טאַטע־מאַמע־קינדער פּראָבלעם און פאַרשוויגט די אַנדערע.

דער פאַקט, וואָס די פאַמיליע האָט פינאַנסירט די אימיגראַציע, האָט פאַראורזאַכט אינערלעכע רייסערייען. ניט בלויז האָט אַן „אַלרייטניק" ווי אַן „אַנקל מאָזעס"[83] אויסגענוצט און פאַרשקלאָפט זיינע קרובים, נאָר יעדער „אַראָפּברענגער" מיינט, אַז עס קומט אים דערפאַר ש"י עולמות.[84] די טענות און מענות צו אַמעריקע פון דעם ניי־געקומענעם ווירקן אויך שלעכט אויפן אַראָפּברענגער.[85]

דאָס ניט צופרידנשטעלן זיך פון דעם ניי־געקומענעם און דאָס ניט בכח זיין אים ארויסהעלפן אין די „גרינע יאָרן", און דער „לעבערדיקער זאַק" פון דער אַלטער היים, וועלכן מע קאָן קיינמאָל ניט אָנפילן, האָט דאָ אָפּגעשוואַכט די משפּחה.

דער ווערט פון „געלט־יחסן" איז געשטיגן אין די פּאָגראָם יאָרן, און דער בכבוד'יקער איד איז ווי פאַרקוקט געוואָרן אין די גזרות־רעות'דיקע צייטן.

ווערסטו דאָ, אין פרייען לאַנד, אַ מיטגליד פון אַ משפּחה, פאַרלירסטו דעם אייגענעם „איך"... „איר מיינט — רעדט אַ גרינער אויס דאָס האַרץ פאַר י. ד. בערקאָוויטש[86] — איך האָב אויף זיך נאָר אין שוואָגער זאַוויל? מיין שוואָגער זאַוויל האָט דאָ ביי זיך דריי קינדער, צוויי מיידלעך מיט אַ בחורל — —

גיבן זיי מיר אויך אַפּטמאָל אַן עצה". די טעמע איז סימבאָליש באַרירט אין ה. לייוויקס דראַמע „באַנקראָט".

די משפחה איז ווייט ניט די זעלבע וואָס זי איז געווען, און אַ משפחה צו אַ משפחה איז ניט גלייך. עס איז ניטאָ די ענלעכ־קייט און די אייגנאַרטיקייט פון אַמאָל. די משפחה איז דאָ איצט אין אַ צושטאַנד פון בוי און איבערבוי. עטוואָס איז אין איר ענלעך צו אַ צונויפשמעלץ פון שבטים אין די פּאַרהיסטאָרישע צייטן. אַ געמיש פון פּנימער, אַ צעמיש פון דיאַלעקטן, און צומאָל אויך פון שפּראַכן. אַנדערע וועלטאַנשויאונגען, אַנדערע אינטערעסן, וועלכע האַלטן אין איין אויסגלידערן און איבער־גלידערן דעם געביטענעם פּרצוף. דער פּוילישער איד איז זיך דאָ מתחתן מיט אַ תימנ'ער, דער ליטוואַק מיט אַ גאַליציאַנער, אַ חסיד מיט אַ מתנגד, אַ דאַווענער לויט „נוסח אַשכנז" מיט איינעם וואָס דאַוונט אַף „נוסח ספרד", ניט זעלטן אויך — אַ שול־איד מיט אַ „יאַהודי", אַ ציוניסט מיט אַ סאָציאַליסט, און נגיד מיט קבצן, און „גרין" מיט „געל", און איינער נאַשט און שטעקט אַן דעם צווייטן, און איינער ווירקט און ווערט באַווירקט פון אַנדערן, און עס איז אַ צונויפגעשטוקעוועטע דערווייל, פּאַר־לאַטעטע, משפחה'שאַפט, וואָס האַלט זיך דאָ, ווי דאָס גאַנצע אידישע לעבן, אין אַ שמעלצטאָפּ, און באַקומט איר אייגנאַרטיקן אויסזען. און דער אידישער שרייבער באַמיט זיך קוים און דרינגט ניט אריין אינם פּלאָנטער. ער כאַפּט דאָ און דאָרטן אויף אַן איינציק בילד, פאַרצייכנט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך, אַן אינ־טערעסאַנטן עפּיזאָד, נאָר צום אינערלעכן תוך און מהות פון דעם משפּחה־לעבן איז ער ניט דערגאַנגען.

אָ נ װ י י ז ו נ ג ע ן :

1. די אימיגראַנטן, ניו יאָרק, 1909. ז. 244.
2. דער ציוניסט,—„געקליבענע סקיצן (באַנד 2), ניו יאָרק (1907), ז. 121.
3. Felix M. Warburg: The Jew in Social Life, Then and Now.—Judaian addresses selected, vol. IV. New York, 1933, p. 122.

4) דר. ב. האָפמאַן (צבִיון): פּופּציק יאָר קלאָוקמאַכער יוניאָן. ניו יאָרק, 1936, ז. 17—18.

5. די ערשטע אידישע אימיגראַציע פון די מזרח-אייראָפּעאישע לענדער קיין אַמעריקע (די אַזוי גערופענע „קליינע אימיגראַציע") האָט זיך אָנגעהויבן אין די זיבעציקער יאָרן. די אימיגרירטע אידישע פרויען האָבן זיך דאָן אין קיין פּאַל ניט געקענט איינאָרדנען. און וויל די „קאַלוואַריער דיימשקעס" האָבן זיך פון זיי דערוויטערט, האָבן זיי זיך, צוליב די אינדוסטריעלע באַקוועמלאַכקייטן אין לאַנד, ניט געוואוסט פשוט וואו זיך אַהינצוטאָן. אַ גליק, וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין 1800 דער „נשי שבטי ישראל פאַראיין", וועגן וועלכן מיר געפינען אַ מודעה'לע אין „די יודישע גאַזעטין", אָקטאָבער 8, 1880, נומ. 39:

„נשי שבטי ישראל פעראיין

וויר מאַכן בעקאַננט דאס וויר האָבן איין פעראיין געגריינדעט מיט דעם נאָמען „נשי שבטי ישראל". וויר האָבען זאָנטאַג אַבענדס דעם 3 אָקטאָבער דעם ערשטען פאַרזאַמלונג אָבגעהאַלטען פיר דעם ערשטען מאַל מיט 30 מעמבערינס.

דער ערשטער צוועק דאפאַן איזט פיר תכשיטים אויף די ספרי תורות פאַן די חברה שבטי ישראל וואָלקאַווישק, אונד דאַנן ווירד עס אויף אַן אַנדערען צוועק פערוואַנדעט ווערדען. וויר מיטען יעדען ערשטען זונטאַג אין מאָנאַטיט אום האַלב נאָך זיבען אוהר אבענדס.

וועלכע פרויא עס פאַרלאַנגט זיך אַנצושליסן צו דעם פעראיין ווירד געפעליגסט בעזוכען אונזער מיטינג רום, אין שוהל 48 לודלאָוו סט. איינקונפּטס געלד קאָסטעט נור 50 סענט. אונזערע פאָלגענדע באַאַמטע זינד" — —

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן, סוף 1881, די אינטענסיווע אימיגראַציע זענען זיי דאָ ממש געווען די זיילן פון הויז און געדינט אלס וועגווייזערינס צו די קומענדיקע אימיגראַנטקעס. זיי זענען געווען די ערשטע צו איינפירן „באַצאָלטע קעסט".

6. האַיציקעל אַלליין: אַמעריקאַניזירט זיך — עס איזט שאָן צייט! — דאָס פּסח בלאַטטט (יודישע גאַזעטטען, נו. 15). ניו יאָרק, 1884, ז. 3.

7. אַנאָנים: דער אונגאַרישער איד אונד דער פּאָלאַק. דאָרט.

8. די נשמת יתרה און פעננו'ס חתנים. ניו יאָרק, 1913, ז. 111.

9. רחלע די שטומע — ערציילונגען, ניו יאָרק, 1903. און אין „די אימיגראַנטן" און אין פיל אַנדערע דערציילונגען.

10. די געבראָכענע הערצער, דראַמע אין פיר אַקטן. וואַרשע, 1912, ז. 16—17.

11. אָרע די באָרד, ראָמאַן... ניו יאָרק, 1918, ז. 143—144.

12. ח. רויזענבלאַט: ליים. לאָס-אַנגעלעס, קאַל., 1935,

13. С. М. Гинзбург и П. С. Марек: Еврейские народныя песни в России, С. П. Б., 1901, № 238, р. 195.

14. טוביה חייקל שלים-מזל. ניו יאָרק (דאַטע ניט אָנגעגעבן), ז. 12.

15. אַ נדבה גיב מיר, — קאַפּלאַן: געטאָ קלאַנגען, ז. 36—37.

16. ניו יאָרק (היברו פּאָבלישינג קאָ.), 1934.

17. און ער האָט ווידער געשמייכלט,—ל. קאָבריגס דערציילונגען. ניו יאָרק, 1903. דאַק—ל. שאַפּיראָ, ניו-יאָרקיש. ניו יאָרק, יאָר ניט אָנגעגעבן.

18. סטודיאָ, 3, נ"י, 1935, ז. 282—283, 298—303.

19. יעדער מיט זיין גאָט,—דראַמען, ניו יאָרק, 1918, ז. 88.

20. די ערוואַכונג, ראָמאַן. ניו יאָרק, 1920, ז. 7.

21. דאָרט. ז. 156.

22. י. אָפּאַטאָשו: די טענצערין (געזאַמלטע ווערק, 11). ווילנע, 1930, ז. 324.

23.ביים שוועל, דערציילונג,—די צוקונפט, 1934, נום. 6, ז. 312.

24. אַן אַמעריקאַנערין,—י. אָפּאַטאָשו: מי און פורעם (געזאַמלטע ווערק, 14). ווילנע, 1936, ז. 200—205.

25. אַ פּרעמיע,—„אידישע פרויענוועלט", קראָקאָ, 1902, נום. 1, ז. 6.

26. מיכל קאָהן: פראַגן צו דיסקוטירן,—„פרייע ארבייטער שטי-מע", ניו יאָרק און פילאַדעלפיע, 1902, באַנד 4, נום. (160)6.

27. פּאַרקאַסס—צו דער פראַגע פרייע הייראַט,—דאָרט, 1890, נו. 26.

28. אַף ווייטע וועגן, ראָמאַן... אין דריי ביכער. ניו יאָרק, (1923).

29. דאָס טענעמענטהויז, טיר נו. 2,—פון אַ ליטוויש שטעטל ביזן טענעמענטהויז. ניו יאָרק, 1918, ז. 271—272.

30. פּראָסטע מענטשן,—די צוקונפט, 1928, ז. 54.

31. אָרע די באָרד, ז. 253—257.

32. פּראָסטע מענטשן,—די צוקונפט, 1928, ז. 284.

33. אידישע מנהגים, דראַמע אין דריי אַקטן, די צוקונפט, 1926, ז. 10—19.

34. פארלאג „גרינע ביימעלעך". ווילנע, 1938, ז. 48—52.

35. על נשואי התערובת, דפים מעזבונו... של ראביי, נערכו ע"י דר. מ. ז. רייזין—„רמה", ניו יאָרק, 1938, ברך ב', נו. 9, ז. 347—352.

36. אַן איטאַליענער,—אַרום די חורבות (געזאַמלטע ווערק), ווילנע, 1925, ז. 92—95.

37. הער גאָלדבערג,—אין דער ווייטער וועלט (ניו יאָרק, 1918), ז. 86.

38. קענטאָקי, ניו יאָרק, 1936, ז. 124—126.

39. דאָרט, ז. 143—144.
40. מאָראַס מאַרקיז,—ראַסע, לינטשעריי און אַנדערע דערציילונגען. וואַרשע, 1923, ז. 58—63.
41. ברוך דיין אמת,—ל. קאָברינס ערציילונגען, ז. 53.
42. אין אַ סאַלון (איינאַקטער), די צוקונפט, 1922, ז. 157—161.
43. מיר איז בלויז באַקאַנט י. אָפּאַטאָשו'ס דערציילונג „אַ גר"",— לינטשעריי... (געזאַמלטע ווערק, 5). ווילנע, 1927, ז. 175—179.
44. לייבל אין דערהיים, לייבל אין אַמעריקע,—„געזאַמלטע שריפטן", 4טער באַנד (ניו יאָרק), 1921, ז. 241.
45 די טענצערין (ארום גרענד סט.), ראָמאַן, אַ שטיק אידיש לעבן אין די יאָרן 1910-1911 (געזאַמלטע ווערק, 11). ווילנע, 1930, ז. 194—195; דאָרט, ז. 212.
46 מערי און סילוויע אין דוד פּינסקי'ס „דאָס הויז פון נח עדאָן"; שלום אַש: „נאָטהינג באָט ביזנעס"—די צוקונפט, 1915, ז. 700—708.
47. אַנקעל מאָזעס—„געזאַמלטע שריפטן" (ניו יאָרק), 1921, ז. 22.
48. דאָרט, ז. 28.
49. דער מעמבער און זיין פרוי,—„געקליבענע סקיצן (באַנד 1), ניו יאָרק, 1902, ז. 60—61.
50. אנטער איין דאַך,—„ערציילונגען", קליוולאַנד, 1921, ז. 170—171.
51. אַרויסגעשטויסן (אַ טעגליכע זאַך),—אַלע שריפטן פון יעקב גאָרדין, 2טער באַנד. ניו יאָרק, 1910, ז. 85—87.
52. שיע, וואו לויפסטו?—„צווישן וועגט". ניו יאָרק, 1939, ז. 103.
53. די נשמה יתרה און פעננו'ס חתנים, ז. 47.
54. האַרי-אַפּ!—פאָן יעקב האָכשטיין. „די יודישע גאזעטטן", 1885, נום. 12.
55. אַנאָנים: די עמאַנסיפּאַציאָן דער פרויען,—דאָרט, 1884, נום. 20—22.
56. י. האָכשטיין: כה תאמרו לבית יעקב (אלו חנשים),—דאָרט, 1885, נום. 27.
56. „עס"—(ה. זאָלאָטאַראָוו): צו דער לאַגע פון דער אַרבעטער פרויען אין אַמעריקע (נאָך דעם רעפּאָרט פון דעם קאָמיסיאָנער פון ארבעט אין די פ. ש., ס. ראָט),—„פרייע ארבעטער שטימע", נ"י און פילאַדעלפיע, 1890, נום. 6.
58. מאָררים ראָזענפעלד: דאָס לעבן אין אַמעריקע,—„די אידישע ביהנע", באַנד 2, נ"י, 1897, ז. 99.
59. „עקס וואַי זי": צוויי אָפּפער,—די פרייע ארב. שט. 1890, נו. 13.

60. קלינטאָן סטריט, ראָמאַן. ניו יאָרק, 1937, ז. 8.

61. פאַרטונקלט גאָלד—ברוך גלאַזמאַן: געקליבענע ווערק, באַנד 5. ווילנע, 1928, ז. 107.

62. שמאָטעס, דראַמע אין פיר אַקטן,—געקליבענע ווערק, 5. ווילנע, 1928, ז. 112—113.

63. קענטאָקי, ז. 38.

64. דאָרט, ז. 81.

65. ב. באַטווינניק: ערציילונגען און בילדער. נ. י., 1920, ז.182.

66 אַ רייזע אין קאַליפאָרניע,—געזאַמלטע שריפטן, 4 (ניו יאָרק), 1921, ז. 283.

67. די טענצערין, ז. 154.

68. סטודיאָ, 3. ניויאָרק, 1935, ז. 285.

69. ה. רויזנבלאַט: ליים, ז. 119.

70. דאָרט ז. 73; י. אָפּאַטאָשו: ס'ריידל דרייט זיך, — ביאַנקאַ. (געזאמלטע ווערק, 10). ווילנע, 1928, ז. 103—113.

71. י. אָפּאַטאָשו: אין געריכט,—קלאסנקאמף (געזאמלטע ווערק, 12). ווילנע, 1931, ז. 194—198.

72. אָפּאַטאָשו: די טענצערין, ז. 81—82.

73. „קאָלאָמביא דרעס קאָ„ ניו יאָרק, 1938, ז. 137.

74. ה. רויזנבלאַט: ליים, ז. 39.

75. הענט און פיס אין סטרייק,—דער אמת, באָסטאָן, 1895, נומ. 9.

76. זיין געליבטערס מתנה,— דערציילונגען, ז. 188, 190.

77. מי און פורעם (געזאַמלטע ווערק, 14). ווילנע, 1936, ז. 60—64.

78. די רעוואָלוציאָנערקע,—ערציילונגען, ז. 282.

79. דער אַמעריקאַנער מענטש,—די צוקונפט, 1916, ז. 211—213.

80. דערציילונגען, ז. 66—67 — דער נייער טאַטע; ז. 114—119 — ער האָט געוואָלט ריידן.

81. אַ וואָכעדיקער אָוונט. דער טאָג, ניו יאָרק, 9 אפּריל, 1939; די זון איז אונטערגעגאַנגען היינטיקן פאַרנאַכט, מאָרגנפרייהייט, נ. י., 1937.

82. די אימיגראַנטישע דראַמע,—יאָרבוך פון אמאָפּטייל. ניו יאָרק, 1938, ז. 165.

83. שלום אַש: געזאמלטע שריפטן, באנד 10. (ניו יאָרק), 1921.

84. י. י. שוואַרץ: קענטאָקי, ז. 81.

85. דאָרט, ז. 84.

86. י. ד. ברק: גרין און געל,—דער אידישער קעמפער. ניו יאָרק, 1907, נומ. 31.

87. געקליבענע שריפטן, 4, ווילנע, 1927.

אַנווייזער צו די פאַמיליע קרייזן

אונזער פאַמיליע, אינק.

צוועק: משפחה־צוזאַמענקונפטן; העלפן נויטליידנדע מיט־גלידער; טויטן בענעפיט; קרקע. אָרגאַניזירט אין 1924 מיט 20 מיטגלידער, איצט — 85. אַמעריקאַנער געבאָרענע 60%. עלעמענט: געשעפטסלייט, ארבעטער, פראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: 2טן—4טן זונטיק, אין 40 איסט 7טע גאַס. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש. קאָרעספאָנדענץ — אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן—ענגליש. קולטורעלע טעטיקייטן: לעקציעס, פאַרווייַלונגען. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע; שטיצן היגע אינסטיטוציעס. פּרעזידענט, מ. בראמביער; סעקרעטאַר, ג. הערלינג.

יונייטעד איזראַעל פאַמילע קרייז

צוועק: קעגנזייטיקע הילף — קראַנקן און טויטן בענעפיט; קרקע. אָרגאַניזירט אין 1925 מיט 15 מיטגלידער, איצט—80. אַמעריקאַנער געבאָרענע—15%. עלעמענט: 75% ארבעטער, 15% געשעפטסלייט, 10% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: צוויי מאָל אין מאָנאַט, אין 1330 ווילקינס עוו., בראָנקס. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—אידיש. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. שטיצן אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעקרעטאַר, מאָריס געווירטץ.

ארעמלאנד פאַמיליע קרייז

צוועק: האַלטן די פאַמיליע אין נאָענטער פאַרבינדונג. אָרגאַניזירט אין 1938 מיט 60 מיטגלידער, איצט—90. אַמעריקאַנער געבאָרענע—70%. עלעמענט: 10% ארבעטער, 60% געשעפטסלייט, 30% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: דריי מאָל אין יאָר, פּלאַץ אומבאשטימט. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. פּרעזידענט, מ. גראָסמאַן; סעקרעטאַר, מ. ארעמלאנד.

באַקסטער פאַמיליע קרייז

צוועק: אָנהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג און זיין גרייט צו העלפן קרובים אין דער אַלטער היים און זיך אויך באַטייליקן אין אַלגעמיינע הילפס־אַקציעס פאַר נויטליידנדע אידן בכלל; דער־נענטערן די הי־געבאָרענע קינדער פון דער משפחה און אויפהאַלטן אין זיי דעם קרובה'שאַפט געפיל. אָרג. אין 1937. 15 פאַמיליעס—100 נפשות. אַמער. געב.—40%. עלעמענט: 20% ארבעטער, 75% געשעפטלייט, 5% פראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: עטלעכע מאָל אין יאָר, אין היימען פון מיטגלידער. מיטינגען אָנגעפירט אין אי־דיש און ענגליש. פראָטאָקאָלן—ענגליש, קאָרעספּאָנדענץ—אידיש און ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס און דיסקוסיעס וועגן סאָ־ציאַלע פראַגן און פאַרווייליגונגען. פרעז., פייגל זאַב; סעקר., דזשעני דוואָרק.

באַראָן קאָזין קלוב

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן. אָרג. אין 1938 מיט 27 מיטגלידער, איצט—50. אַמער. געב.—40%. עלעמענט: ארבעטער, געשעפטלייט, פראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין חודש, אין היימען פון מיטגלידער. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש. פראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. סעק., יעטאַ אַלפּערט.

די באָרדמאַן פאַמיליע אָרגאַניזאַציע

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן; העלפן נויטבאַ־דערפטיקע מיטגלידער; קרקע; ספּעציעלע פאָנדן פאר חתונה און ברית מתנות צו מיטגלידער; שטיצן אָרימע קרובים אויף יענער זייט ים. אָרג. אין 1936 מיט 40 מיטגלידער, איצט—50. אַמער. געב. 50%. עלעמענט: 20% ארבעטער, 20% געשעפט־לייט, 60% פראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: יעדן דריטן זונטיק אין חודש, אין 844 איסט 48 גאַס, ברוקלין. מיטינגען אָנגעפירט אין ענגליש און אין אידיש, פראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. שטיצן אַלטע היים. סעק., טעסי פיליפּס.

באַרים פאַמיליע קרייז

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן; שטיצן נויטבאַ־דערפטיקע אין דער משפחה; קרקע. אָרג. אין 1933 מיט 20 פאַ־מיליעס, איצט—90 פאַמיליעס. אמער. געב. מיטגלידער—50%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען יעדן 4טן זונטיק נאָכמיטיק אין מאַנאַט, אין 40 איסט 7טע גאַס, נ. י. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. קולט. טעטיקייטן און פאַרוויילונגען. פּרעז., אַלעקס באַרים; סעקר., מיס ב. באַרים.

מנשה באַשניאַק פאַמיליע קרייז

צוועק: אָנהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג און העלפן נויטבאַ־דערפטיקע מיטגלידער. אָרג. אין 1931 מיט 120 מיטגלידער, איצט—80. אַמער. געב.—25%. עלעמענט: 50% אַרבעטער, 45% געשעפטלייט, 5% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין מאָנאַט, אין 521 האָפּקינסאָן עוו., ברוקלין. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. יונגוואַרג אָרגאַניזירט אין אַ דזשוניאָר ליג. פּרעז. מאַקס באשניאַק; סעק., דעני באשניאַק.

בירמאַן פאַמיליע קרייז

צוועק: האַלטן זיך אין נאָענטער פאַרבינדונג; אָפּטע צו־זאַמענקונפטן; קרקע. אָרג. אין 1930 מיט 32 מיטגלידער, איצט —45. אַמער. געב.—75%. עלעמענט: 40% אַרבעטער, 30% געשעפטלייט, 30% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: ערשטן זונטיק אין מאָנאַט, אויסער זומער, אין מעקאַלפּין האָטעל, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן, קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן קאָנסטיטוציע. שטיצן היימישע און היגע אינסטיטוציעס. פּרעז., בערנאַרד ה. שעריס; סעק., פרידאַ ראַדזשערס.

בלאַטט „סאָשעל אָרגאַניזיישאָן"

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן און העלפן נויט־באַדערפטיקע מיטגלידער. אָרג. אין 1937 מיט 22 מיטגלידער, איצט—20 פאַמיליעס מיט 100 נפשות. אַמער. געב.—90%. עלע־מענט: 25% אַרבעטער, 45% געשעפטלייט, 30% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: יעדן ערשטן זונטיק אין מאָנאַט. אין 40 איסט 7טע גאַס. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. פּרעז., איזידאָר בלאַט; סעק., אסתר פרידמאַן.

לעאָן בליקער סאָנשיין ליג

צוועק: פאַראייביקן דעם נאָמען פון אַ ברודער; האַלטן זיך צוזאַמען און העלפן איינער דעם אַנדערן אין צייט פון נויט. אָרג. אין 1934 מיט 25 מיטגלידער, איצט—75. אַמער. געב.—85%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט. מיטינגען: 1טן—3טן מיט־וואָך אין חודש, אין 40 איסט 7טע גאַס, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָ־קאָלן, קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס וועגן געזעלשאַפטלעכע פּראַגן. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. שטיצן היגע אינסטיטוציעס. פּרעז. פּ. ענטמאַקער.

בערלין פאַמיליע קרייז

צוועק: אָנהאַלטן נאָענטע משפחה פאַרבינדונג. אָרג. אין 1936. 75 מיטגלידער. אַמער. געב.—75%. עלעמענט: אַרבע־טער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: יעדן ערשטן זונ־טיק אין מאָנאַט, אין בראָדוויי סענטראַל האָטעל. מיטינגען אָנגע־פירט אין ענגליש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. סעק., סעמועל מייקעלסאָן.

אסתר בערנשטיין פאַמיליע קרייז.

צוועק: קעגנזייטיקע הילף; קרקע. אָרג. אין 1938 מיט 20 מיטגלידער, איצט—65. אַמער. געב.—10%. עלעמענט: 50% אַרבעטער, 50% געשעפטלייט. מיטינגען: ערשטן מיטוואָך, יעדן

3טן מאָנאַט, אין 7 לואיס עוו., ברוקלין. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן—אידיש, קאָרעספּאָנדענץ—אידיש און ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס, פּאַרלעזונגען. שטיצן היי־מישע און היגע אינסטיטוציעס. פרעז. מ. ראָזענבאַך; סעק., בען שומאַן.

ל. ס. בערנשטיין פאַמיליע קרייז

צוועק: אָפּהיטן אָנדענק פון לייזער און שרה בערנשטיין; אויפהאַלטן האַרמאָניע און זיך באַמיען פאַרן אַלגעמיינעם וואוילזיין פון דער פאַמיליע. אָרג. אין 1938 מיט 37 מיטגלידער, איצט—37 פאַמיליעס. אַמער. געב. — 23. עלעמענט: 88% אַרבעטער, 12% געשעפטלייט. מיטינגען: 4טן זונטיק אין מאָנאַט, אין היימען פון מיטגלידער. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש. פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן געשריבענע קאָנ־סטיטוציע. שטיצן קרובים אין אַלטער היים. סעק., האַראָלד סאַקס.

ברענער פאַמיליע קרייז

צוועק: קעגנזייטיקע הילף; צוזאַמענהאַלטן דעם פאַמיליען־בונד פון די ברענערס; חתונה מתנות. אָרג. אין 1936 מיט 50 מיטגלידער, איצט—120. אַמער. געב. 50%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: יעדן 2טן—4טן זונטיק, אין 151 קלינטאָן סטריט, נ. י. מיטינגען אָנגעפירט אין ענגליש און אידיש. קאָרעספּאָנדענץ—אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן—ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס וועגן פאַרשיידענע פראַגן. קאָנ־סטיטוציע—לויטן פּראָטאָקאָל. סעק., ראָוז ברענער.

פערל גאלאגארער פאַמיליע קרייז

צוועק: קעגנזייטיקע הילף; געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן; שטיצן אַלטע היים. אָרג. אין 1937 מיט 20 מיטגלידער, איצט—150. אַמער. געב. — 10%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: 2טן—4טן זונטיק, אין 96 קלינטאָן סט., נ. י. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, קאָרעס־

פאַנדעניג און פּראָטאָקאָלן—אידיש. קולט. טעטיק.: לעקציעס, פאָר־וויילונגען. שטיצן אַלטע היים. פּרעז., סעם שוגערמאַן; סעק., לואיס סיגעל.

גאָלדמאַן פאַמיליע קרייז

צוועק: האַלטן פאַמיליע אין ענגער פאַרבינדונג; קעגנזייטיקע הילף. אָרג. אין 1936 מיט 10 מיטגלידער, איצט—75. אַמער. געב.—30%. עלעמענט: 75% אַרבעטער, 15% געשעפטלייט, 10% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין חודש, אין מעק־אַלפּין האָטעל, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן, קאָרעספּאָנדענץ—ענג־ליש. האָבן קאָנסטיטוציע. שטיצן היימישע און היגע אינסטיטור־ציעס. פּרעז., מעק וועין, סעק., שוירלי ק. גאָלדמאַן.

גאָלדפאַרב פאַמיליע קלוב

צוועק: משפחה צוזאַמענקונפטן; קעגנזייטיקע הילף; העלפן נויטליידנדע קרובים. אָרג. אין 1928 מיט 50 מיטגלידער, איצט—100. אַמער. געב.—40%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט און פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען, ערשטן זונטיק אין מאָנאַט, אין היימען פון מיטגלידער. מיטינגען, קאָרעספּאָנדענץ און פּראָטאָקאָלן—ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס, פאַרוויילונגען. גיבן אַרויס אַ מאָנאַטלעכן בולעטין אין ענגליש—„גאָלדפאַרב ניוס". שטיצן היגע אינסטיטוציעס. פּרעז., מאָזעס ה. האָניג; סעק., מאַטילדאַ גראַנטץ.

די גודוויל בענעוו. סאָסייעטי (פאַמיליע קרייז)

צוועק: קעגנזייטיקע הילף; טויטן בענעפיט. אָרג. אין 1934 מיט 20 מיטגלידער, איצט—80. אַמער. געב. 12%. עלעמענט: מאַיאָריטעט אַרבעטער; געשעפטלייט און פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינ־גען: 2—4טן מיטוואָך אין מאָנאַט, אין 15 צווייטע עוו., נ. י. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש, פּראָטאָקאָלן—אידיש, קאָרעספּאָנ־דענץ—ענגליש. קולט. טעטיק.: לעקציעס, פאַרוויילונגען. שטיצן אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. פּרעז. סעם פּרענקעל.

גיטעלסאָן קאַמאַיקאַ בני מנחם אריה

צוועק: דערגענטערונג פון דורות. הויפט־ציל—אָנהאַלטן פאַמיליע קאָנטאַקטן; זאַמלען משפחה בילדער און משפחה־רע־קאָרדס. אָרג. אין 1915; רעאָרגאַניזירט אין 1936. באַשטייט פון 100 מיטגלידער. אַמער. געב.—50%. צווישן מיטגלידער געפי־נען זיך אָפּשטאַמען פון זעקסטן דור. עלעמענט: 40% אַרבעטער, 50% געשעפטלייט, 10% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: צוויי מאָל אין יאָר, אין אומבאַשטימטן פּלאַץ. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן—אידיש, קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. קיין דיוס, קיין קאָלעקשאָנס. פּרעז. דר. נ. ל. גיטעלסאָן; סעק. דזש. מ. קאַמייקאַ.

דאָבע לייב גלייזער פאַמיליע קרייז

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן; גמילת חסד קאַסע; שטיצן נויטליידנדע קרובים אין אַלטער היים. אָרג. אין 1924 מיט 20 מיטגלידער, איצט—50. אַמער. געב.—10%. עלעמענט: אַר־בעטער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: לעצטן זונטיק אין מאָנאַט, אין 1342 סטעבינס עוו., בראָנקס. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און ענגליש, פּראָטאָקאָלן—אידיש, קאָרעספּאָנדענץ—אידיש און ענגליש. שטיצן היימישע און היגע אינסטיטוציעס. סעק., מ. ראָזענפעלד.

מרדכי גערסטיין פאַמיליע קרייז

צוועק: משפחה צוזאַמענקונפטן; העלפן נויט־באַדערפטיקע מיטגלידער; קרקע. אָרג. אין 1934 מיט 10 מיטגלידער, איצט —50 פאַמיליעס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 100 נפשות. אַמער. געב. 25%. עלעמענט: 50% אַרבעטער, 50% געשעפט־לייט. מיטינגען: 1—3טן שבת, אין 40 איסט 7טע סטריט, נ. י. מיטינגען, קאָרעספּאָנדענץ און פּראָטאָקאָלן—אידיש. קולט. טעטיק.: לעקציעס, פאַרוויילונגען. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. אַרויס־געגעבן סואווועניר זשורנאַל. שטיצן היגע אינסטיטוציעס. פּרעז., מאָריס ליכטענטאַל; סעק., מ. גערסטיין.

גראָווער פאַמיליע קרייז

צוועק: אָנהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג און שטיצן נויטליידנדע אין דער פאַמיליע. אַרג. אין 1936 מיט 10 פאַמיליעס, 40 נפשות, איצט—60 נפשות. אַמער. געב.—75%. עלעמענט: 2 אַרבעטער, איניקע פּראָפעסיאָנאַלן און די איבעריקע געשעפטסלייט. מיטינגען: יעדן 3טן שבת אין מאָנאַט. פּלאַץ אומבאַשטימט. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. פּרעז., סאול גראָווער וולאַדאָווער; סעק., סאול ל. לעיט.

גראָסמאַן פאַמיליע קרייז

צוועק: האַלטן פאַמיליע אין נאָענטער פאַרבינדונג. אַרג. אין 1938 מיט 50 מיטגלידער, איצט—75. אמער. געב.—90%. עלעמענט: געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: יעדן 1טן זונטיק אין חודש, אין עדיסאָן האָטעל, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן, קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. קולט. טעטיק.: ליטעראַרישע אָוונטן. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. שטיצן היגע אינסטיטוציעס. פּרעז., הערבערט קראַוויטץ; סעק. פרידא גראָסמאַן.

גראָפער פאַמיליע קרייז

צוועק: געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן און קרקע. אַרג. אין 1923 מיט 10 מיטגלידער, איצט—160. אַמער. געב.—45%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין מאָנאַט, אין בעטהאָווען האָל. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּ.—ענגליש. האָבן געשריבענע קאָנסטיטוציע. שטיצן היגע אידישע צדקה פעדעראַציע. סעק., י. גראָפער.

אינד. גרישמאַן פאַמיליע אסס'ן

צוועק: משפחה צוזאַמענקונפטן; קרקע. אַרג. אין 1923 מיט 12 מיטגלידער, איצט—36. עלעמענט: אַרבעטער. מיטינגען: יעדן ערשטן זונטיק אין מאָנאַט, אין בראָדוועי סענטראַל האָטעל. מיטינגען, קאָרעספּאָנדענץ און פּראָטאָקאָלן — אידיש. סעק., גדליה גודמאַן.

גרעבעלאָווסקע פאַמיליע קרייז

צוועק: גענזעלשאפטלעכע צוזאַמענקונפטן און קעגנזייטיקע הילף. אָרג. אין 1935 מיט 175 מיטגלידער ביים ערשטן מיטינג. איצט—75. אַמער. געב.—75%. עלעמענט: 25% ארבעטער, 60% געשעפטסלייט, 15% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין מאָנאַט, פּלאַץ אומבאשטימט. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—ענגליש. האָבן קאָנסטיטוציע. אַרויסגעגעבן אַ סווועניר זשורנאַל. פּרעז. מאַרטין בערמאַנט; סעק., פעני באַלען.

בני דוד פאַמיליע קרייז

צוועק: אָנהאַלטן נאָענטע פאַרבינדונג; קעגנזייטיקע הילף; העלפן קרובים אין ארץ־ישראל און אין פוילן. אָרג. אין 1919 כדי צו פאַראייביקן אָנדענק פון עלטערן, מיט 19 מיטגלידער, איצט—29 משפחות. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין חודש, אין אַ מיטגלידס הויז. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—אידיש. ביי יעדן יאָרצייט פון עלטערן ווערט באַוויליקט אַ סומע געלט פאַרן קרן היסוד און פאַר נויטבאַדערפטיקע קרובים. פּרעז., לואיס דעיווידסאָן; סעק., יהושע דעיווידסאָן.

בני דוד סאָסייעטי

צוועק: העלפן אָרימע קרובים אויף יענער זייט ים. אָרג. אין 1937 מיט 20 מיטגלידער, איצט—60. אַמער. געב.—40%. עלעמענט: 55% ארבעטער, 20% געשעפטסלייט, 25% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: איינמאָל אין חודש, אין 206 איסט בראָדוועי, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ—אידיש. סעק., ס. לעדערהענדלער.

דוקמאַן מעלאַווסקי און ערשאַווסקי פאַמיליע קרייז

צוועק: גענזעלשאפטלעכע צוזאַמענקונפטן; קעגנזייטיקע הילף; קרקע. אָרג. אין 1931 מיט 8 מיטגלידער, איצט—125. אַמער. געב.—75%. עלעמענט: ארבעטער, געשעפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַלן.

מיטינגען: ערשטן זונטיק אין חודש, אין בראָדוועי סענטראַל האָטעל. מיטינגען אָנגעפירט אין אידיש און אין ענגליש. קאָרעס־פּאָנדענץ און פּראָטאָקאָלן—ענגליש. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. סעק., אידא סומלינער.

דוואָרעצקי פאַמיליע קרייז

צוועק: העלפן נויטבאַדערפטיקע אין דער פאַמיליע; ליי־קאַסע. אָרג. אין 1926 מיט 8 מיטגלידער, איצט—60 פאַמיליעס. אַמער. געב. מיטגל.—50%. עלעמענט: 10% ארבעטער, 80% געשעפטלייט, 10% פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: דעם 4טן זונטיק אין חודש, אין סטייוועסאנט קאַסינאָ, 140 צווייטע עוו., נ. י. מיטינגען, קאָרעספּאָנדענץ און פּראָטאָקאָלן—אידיש. קולט. טעטיק.: לעקציעס וועגן פּאָליטישע און עטישע פראגן. שטיצן אַלטע היים און היגע אינסטיטוציעס. סעק., ר. דוואָרק.

יונייטעד פאַמיליע אָוו דזשודא

צוועק: העלפן נויטבאַדערפטיקע מיטגליד'ער; קרקע. אָרג. אין 1913 מיט 20 מיטגלידער, איצט—75. אַמער. געב. 75%. עלעמענט: אַרבעטער, געשעפטלייט, פּראָפעסיאָנאַלן. מיטינגען: לעצטן זונטאָג אין חודש, אין בראָדוויי סענטראל האָטעל, נ. י. מיטינגען, פּראָטאָקאָלן און קאָרעספּאָנדענץ — ענגליש. האָבן געדרוקטע קאָנסטיטוציע. סעק., י. א. סילבערמאַן.

דזשייקאָבס פאַמיליע קרייז

